UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 100- Fall 1982 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/99x8w7qw

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 100(1)

Publication Date
2010-09-13

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 100

AUTUMN
1982

האַרבסט
תּשמ״ג

אַרויסגעגעבן פון:

● לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

● ל. א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
● אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כּוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כּוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

**מיר לאדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון

**ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד**

עטל טאָפּט, פּרעזידענט • בערנאַרד, ווייסבערג, דירעקטאָר
סיון האַמבורגער, ראַיאָן פּאָרזיצער

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048



EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR S. WEISS S. SCHLOSSER

1108 S. Clark Dr., Los Angeles Ca. 90035

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*

337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292

*Members*: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ S. ZUCKERMAN & J. SHAFER



Subscription price: $5.00 per year

# אינהאַלט

זייט


לשנה טובה — 3

ד"ר יעקב י. מייטליס: צוויי באַהויכטע געשטאַלטן פון דער יידישער ליטעראַטור:
אברהם גאָלאָמב און חיים גראַדע—עטלעכע שטריכן צו זייער אָנדענק — 4

ד"ר עזריאל נאַקס: חיים גראַדע ז"ל — 9

משה שקליאַר: צו דער 30טער יאָרצייט זינט דער מאָסקווער שחיטה
איבער די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס — 12

שואל גוטמאַן: די אייגנאַרטיקייט פון יידישן קיבוץ אין אַמעריקע — 14

מאיר חרץ/ירושלים: לידער — 19

בלומע לעמפעל: געראַטעוועט אַ נשמה — 21

ד"ר ישראל שטערן/מאָנטרעאָל: יעקב מייטליס' פון וויטן אַמאָל ביזן היינט — 25

חנן קיעל: לידער — 39

לילי בערגער/פּאַריז: קייטן אַרום האָרץ — 42

א. לוריא: צוויי משלים — 47

ד"ר העשיל קלעפּפיש/פּאַנאַמאַ: דער ווי און די פרייד פון אומקער — 48

מאַרטין בירנבוים: לידער — 55

ס. נוטקעוויטש: זכרונות פון אַ קינדהייט (די ירושה פון מאַריאַנאַ) — 57

חיים פלאָטקין: לידער — 59

חיקה גראָסמאַן/ישראל: דער ליובאַוויטשער רבי און די „שואה" — 60

חיים קעניגער: לידער — 63

לילקע מייזנער: איך דיין גרויסקייט בין איך אַזוי קליין — 64

לייב וואַסערמאַן: פּסוקים פון דער תורה — 67

ישראל גובקין: תפילות — 72

חיים לייב פוקס/מאָנטרעאָל: די היימלאָזע טויבן און פייגל — 73

מרים וואַסערמאַן: ליד — 73

בערל כהן: אַ לעקסיקאָן—אין 1980? — 74


(סוף פון אינהאַלט אויף נעקסטער זייט)

# אינהאַלט

(המשך פון פאָריקער זייט)

## שרייבערס און ביכער


זייט

זלמן שלאָסער: מאַרטין בירנבוימס „לידער וועגן ליד און אַנדערע לידער" — 77

חנן קיעל: וועגן די „זיבן זונען" פון לייב באַראַוויק — — — — — — — — 79

רבקה קאָפּע/פּאַריז: יעקב בוכמאַנס „אין תהום פון פאַרניכטונג און מאָרד" — 82


## אין שפּיגל פון יידישן לעבן אין ל. א.


לאָטי פ. מלאך: חלום און וואָר (רעיונות און זכרונות) — — — — — — — 88

מאָטל הורוויץ: סענטראַל עוועניו (אַ בילדל) — — — — — — — — — 93

שואל גוטמאַן: אַלעקס ראַבין ע"ה — דער מענטש און דער קולטור־טוער — — 94

די הזכרה פאַרזאַמלונג נאָך אברהם גאָלאָמב און חיים גראַדע ז"ל — — — 96

מעלדונגען און באַגריסונגען — — — — — — — — — — — — — 97-103

לזכר עולם — — — — — — — — — — — — — — — — — 104




די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

רעדאַקציע קאָלעגיע:
זלמן שלאָסער
משה שקליאַר
שמואל ווייס

# חשבון
נומ. 100
פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פינ. סעקר.
מיטגלידער:
נתן גערשאָוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאַן און
יעקב שייפער

38סטער יאָרגאַנג נומער 100 • האַרבסט 1982 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

## ה׳תשמ״ג 5743
## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

צום נייעם יאָר תשמ״ג שיקן מיר האַרציקע ברכות צו אַלע אונדזערע לייענערס, מיטאַרבעטערס, פריינד, און צו אַלע יידן אין דער גאַרער וועלט.

ראש השנה איז דער טאָג פון אונדזער טראַדיציאָנעלן ניי־יאָר און אויך דער יום הזיכרון, דער טאָג פון דערמאָנען און געדענקען—פון דערמאָנען אונדזערע פאַרגאַנגענע דורות, וואָס האָבן אין פאַרשידענע צייטן און לענדער זיך מקריב געווען על קידוש השם, און צו געדענקען אונדזער אייגענעם חוב פאַרן נאַציאָנאַלן קיום און המשך.

אין דעם גרויסן טאָג דריקן מיר אויס אונדזער זאָרג און באַוווּנדערונג פאַר מדינת ישראל און אונדזער שטענדיקע גרייטקייט זי צו העלפן ווייטער ברויען און ברענגען שלום פאַר דער וועלט און פאַר ישראל.

ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר אויך דערמאָנען אונדזערע לייענערס און פריינד אַז אונדזער באַשיידענע פעריאָדישע שריפט „חשבון״ האָט דער־גרייכט דעם הונדערטסטן נומער. דאָס מיינט, אַז זינט דאָס יאָר 1945 איז, מיט דער געטרייער הילף פון אונדזערע לייענערס, דערשינען דער „חשבון״, די פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע ענינים — הונדערט מאָל, אָן איבעררייס, פריער פיר מאָל אין יאָר און נאָכדעם צוויי מאָל.

אַ לויב און אַ דאַנק צו אונדזערע לייענערס און פריינד.

רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג
פון „חשבון״

ד״ר יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן

## צוויי באַהויכטע געשטאַלטן פון דער יידישער ליטעראַטור:
# אברהם גאַלאַמב און חיים גראַדע
### (עטלעכע שטריכן צו זייער אָנדענק)

און ווידער אַמאָל שטייען מיר פאַראַבל־טע מיט אַ שטיל־נאָגנדיקן קדיש אויף אונדזערע ליפּן נאָך צוויי פּילמיניקע, וואַ־גיקע און באַדייטיקע געשטאַלטן אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זענען לעצטנס פון אונדז אַוועק. דער איינער, אברהם גאַלאַמב, אַ צעשטורעמטער בעל־חשבון און פלאַמיקער וואָרטזאָגער; דער אַנדע־רער, חיים גראַדע, אַ פּאָעט און אַ פּראָזאַ־איקער פון אַ גרויסן קינסטלערישן פאַר־נעם און יכולת. לאָמיר דעריבער פאַר־געדענקען און אָנמערקן מיט גרויס אַכ־פּערונג און אָפשיי יעדן איינעם פון זיי מיט זיין אייגנדיקייט און שאַפערישער קוואַליטעט. זיי זיינען געווען אַ זכיה פאַר אונדז אַלעמען און פאַר דער יידישער ליטעראַטור בפרט.

## אַברהם גאַלאַמב, דער שרייבער און בעל־מחשבות

מיט דעם היימיש־צעוואָרעמטן ייד און אייגנדיקן וואָרטזאָגער, אברהם גאַלאַמב, האָט מיך פאַרבונדן אַ לאַנג־יאָריקע נאָ־ענטשאַפט און אידעישע קרובהשאַפט. גאַלאַמבן דעם גערעכטעם פּובליציסט, דענקער און גייסטיקן וועקער אין דער ליטעראַטור, האָב איך שוין לאַנג געקענט, נאָך איידער מיר האָבן זיך צוניפגע־טראָפן פּנים־אל־פּנים, בשעת ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין לאָנדאָן אין דער מיט זעכציקער יאָרן, צוזאַמען מיט זיין אשת חיל רבקה, איז ער דעמאָלט געווען צו גאַסט ביי מיר אין הויז ביי אַן אינטי־מער מסיבה פון עטלעכע שרייבערס און מלומדים. זיין שטראַליקע פּערזענלעכ־קייט און דאָס מחיהדיק־לומדישע וואָרט האָבן געמאַכט אַ רושם. פאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען אַ שטאַלטיקע פיגור, אַ קלוגער, שאַרפער און באַקלערטער בעל־נפש מיט אַ ליכטיקן הדרת־פּנים, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף זיין תורה און חכמה, פשטות און לייטזעליקייט פון אַן אמתן תלמיד־חכם און אַ מקרב את הבריות.

געדענקען זיך אויך די שיינע יום־טוב־דיקע טעג וואָס איך האָב שפּעטער פאַר־בראַכט אין זיין מחיצה אין לאָס אַנדזשע־לעס, זיין און רבקהס האַרציקע גאַסט־פריינדשאַפט, וואָס האָט געוואָרעמט און געמעקט דעם נחת־רוח פון גאַסט. האָבן אַ מאָל חסידים געזאָגט, קיין קאַצק פאָרט מען נישט, נייערט מען איז עולה, און אין דער בחינה פון אַ גייטיקער עליה, וואָלט איך געזאָגט, איז מען אַרויפגע־קומען צו גאַלאַמבן אין שטוב. זענען מיר געזעסן פאַרטאָן אין לאַנגע, תוכיקע שמו־עסן מכוח יידישע קולטור־פּראָבלעמען, עבר און קיומדיקייט פון פאָלק, וואָס האָבן סטימולירט פרישע רעיונות און השגות, וואָס האָבן זיך פון דאָס ניי צעוועקט ביי זיין מיטשמועסער. גאַלאַמבס שטראָמי־קע רייד און קוואַליקע געדאַנקען האָבן תמיד עפּעס געלאָזט הערן. זיי האָבן דער־פרישט און פאַרשטאַרקט אַן אידעישע נאָענטשאַפט און פריינדשאַפט וואָס האָט אָנגעהאַלטן אין משך פון לאַנגע יאָרן אין גאַלאַמבס שאַפערישן לעבן.

ווי צווישן פריינד, איז אויך צווישן אונדז ביידע אָנגעגאַנגען אַן אינטענסי־ווער בריוו־פאַרקער מיט אַן אויסטויש פון מיינונגען. גאַלאַמב איז געווען אַ גוטער און פינקטלעכער בריוו־שרייבער, וואָס האָט מיט זיין אינטעלעקטועלער וואַכיקייט אינספּירירט און געוועקט די מחשבה פון זיין מיט־קאָרעספּאָנדענט.

גאַלאַמב, דער שיין־גייסט און בר־הכי אין דער יידישער קולטור, דערציער און פּרוכטיקער בעל־מחשבה, תמיד פאַר־טיפט אין זיין ליכטיקער יידישקייט מיט איר אַמאָליקן גלאַנץ און שפּעדיקער ירושהדיקייט, איז געווען פון אַ באַזונ־

דערן, יחיד־במינודיקן שניט אין זיין אידישן איינשטעל און צוגאַנג צו די סאַמע עיקרדיקע פּראָבלעמען פון אַ יידישלעך־אייגנדיקער קולטור און איר דורותדיקער יצירה. ער האָט זיך כסדר געגריבלט און געמאַטערט מיט דער האַרבער סוגיא פון דער היסטאָרישער יידישקייט און אירע פּילמיניקע ווערטיקייטן, וואָס ער האָט געוואָלט באַקלערן און פאַרטייטשן, סיי פאַר זיך און סיי פאַר זיין גוטן, אויפמערקיקן לייענער. ווי אַ נאמנותדיקער בעל־מחשבות איז ער געבליבן געטריי זיין היסטאָריאָסאָפישן אויסקוק אויף המשך און קיום וואָס זענען געשטאַנען אין צענטער פון זיין צעברויזטער מחשבה. דער טראָפּ איז ביי אים געלעגן אויף דער יידישלעך־אייגנדיקער פאָלקישקייט מיט איר דורותדיקער שאַפערישקייט און ליכטיקן קולטור־עבר, וואָס ער האָט געוואָלט מיט כוח אָפּהיטן און פאַרזיכערן אַז זי זאָל האָבן אַ האַפט און אַ באַשטאַנד פאַר דעם היינטיקן, בלאָנקענדיקן און אָפּגעפרעמדטן דור און פאַר קומענדיקע דורות.

יאַ כסדר אומרויקער, פון נאַטור אַ זוכערישער בעל־חשבון, האָט גאָלאָמב געפאָרשט און זיך געגריבלט כדי צו דערגיין צו דער עצם נקודה פון דער היסטאָרישער יידישקייט, איר פּאָטענץ און קוואַליטעט, ווי זי האָט זיך אַנטפּלעקט, זיך אויסגעצייטיקט און אויסגעקריסטאַליזירט אידעיש און שאַפעריש אין דעם דורות־גאַנג פון יידן. אין דעם פּרט איז ער געוואָרן איינער פון די ראש־המדברים אין יידיש־לשון, אין זיין אייגנדיקן נוסח פון זיין יידישלעך־היסטאָריאָסאָפישער באַטראַכטונג און אויספיר. די רבותא פון זיין אידעישער קאָנטעמפּלאַציע איז, וואָס ער, אַ בר־פּלוגתא פון אַ ריי באַקאַנטע היסטאָריקערס און אַנדערע דענקערס, לייגט דעם טראָפּ נישט בלויז אויף דעם פענאָמען דת, נייערט אויף דער דורותדיקער אָפּגעהיטענער פאָלקישקייט, איר מהות און תוך, ווי אַ מכריעדיקער פאַקטאָר אין יידישלעך־היסטאָרישן קיום. זיין מסקנה איז, אַז דווקא די פאָלקישע יידישקייט מיט געיירשנטער אייגנקייט און אימאַנענטע ווערטיקייטן, האָט אָפּגעהיטן די גאַנצקייט פון כלל ישראל אין אַלע זיינע גילגולים און היסטאָרישע מאַניפעסטאַציעס. אויף אַזאַ אופן שטראָמט נאָך אַט־די היימיש־צעוואַרעמטע יידישקייט, וויטאַל און מקורדיק אין יידישע לעבן ביזן היינטיקן טאָג.

גאָלאָמב, דער פאַרזאָרגטער און פּנימיותדיקער אויפגעשטורעמטער בעל־חשבון, רעדט ער מיט אייניקלעך אין אַ סובטילן פּאַטאָס פון דעם אַקומולירטן, פאָלקישן קולטור אייגנס אין זיין שטראַליק־אָרגאַנישן לבוש, מיט זיין תוך און מהות. לויט גאָלאָמבס שיטה, איז יידישלעכע פאָלקישקייט, מיט איר שורשדיקן ריטם און קאָלאָריט, אַ האַרמאָנישער ספּעקטער, וואָס וואַרפט אַ העל ליכט אויף אַלע פּילמיניקע און פּילצאָליקע שאַפונגען פון יידן פון ווייטן אַמאָל ביזן היינט.

דער פּרימאַט אין יידיש־היסטאָרישן אויסקוק, איז על כן, די טראַדיציאָנעלע יידישקייט אין איר איכות און סובסטאַנץ, איר אויסגעצייטיקטע, אימאַנענטע ווערטיקייטן, פאָלקישע אייגנקייט און באַזונדערקייט, וואָס יידן האָבן באַוואָרנט און אָפּגעהיטן אין זייער דורותדיקן גאַנג. עס איז געווען, ווי גאָלאָמב דריקט זיך אויס, די תלמודישע שטייגערישקייט אין אַלע אירע צייטלעכע התגלותן און גענעטישע פאָרמען, ווי זיי האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט און באַווירקט יידיש לעבן, איינשליסיק און דאָיק, דער עיקר אין מיזרח־אייראָפּעישן שטעטל. פאַר דעם עמאָציאָנעלן און אייפערדיקן קולטור־באַהיטער גאָלאָמב, איז דאָס שטעטל, מיט זיין פּרוכטיקן קולטור־באָדן, נאַציאָנאַלער באַזונדערקייט, אַ מין מיטאָסאימאַזש, אַ סימבאָל פון שטייגערישער גאַנצקייט וואָס יידן האָבן מיט אַלע כוחות אָפּגעהיטן אין משך פון לאַנגע דורות.

אין דעם גייסטיקן קאַטאַליזאַטאָר פון דעם אייפערדיקן און פלאַמיקן בעל־נפש, גאָלאָמב, איז די נאַציאָנאַל־צעוועקטע און פאַרפונדעוועטע פאָלקישקייט, איר געשפּאַנטקייט און נסיון, וואַכעדיקייט און שבת־יום־טובדיקייט, מהות און תוכיקייט, דער יסוד און עיקר אין דער געשיכטע פון יידן ווי אַ פאָלק, מיט זיין אינטראָספּעקטיוו ־ היסטאָריאָסאָפישן אויסקוק. בטבע אַ גלויביקער מענטש, האָט גאָלאָמב פאַרשטאַנען ווי געהעריק דעם יסודותדיקן פענאָמען פון דער יידישער אמונה

מיט איר לויטערקייט און קוואַליקייט אין
אַלע אַספּעקטן און ספערן פון יידישן
לעבן. דעריבער איז זיין איינגעטיפטע
קאָנצעפּציע פון עכטער פאָלקישקייט און
איר שפּעדיקן פּאָטענציאַל, אַ באַוואָרנ־
טער מעסטער אויף דער סקאַלע פון די
נאַציאָנאַל־סאָציאַלע און אַקומולירטע
ווערטיקייטן, וואָס זענען היסטאָריש פאַר־
זיכט אויף דורות אין יידישן קיום. אויף
אַזאַ אופן איז גאָלאָמבס הנחה פון אַ יידי־
שער פאָלקישקייט ווי אַ פּרימאַט אין
לעבן פון יידישן פאָלק, כולל אַצדינג
וואָס יידן האָבן געשאַפן פון זייער היס־
טאָרישן בראשית ביז אין די לעצטע
דורות, מיט יידיש לשון, ווי אַ וואָגיקער
קולטור־פאַקטאָר, וואָס מיר מוזן אַריינ־
נעמען אין קנין פון דער צעשיינטער
פאָלקס־שאַפונג.

עקזיסטענציעל איז גאָלאָמב דער באַ־
הייכטער ייד און בעל־מחשבות באַזאָרגט
און באַאומרויקט וועגן דעם שווערן קול־
טור־מצב וואָס האָט זיך איינגעשטעלט
אויף דער יידישער גאַס, און וויל מיט
אַלע כוחות באַוואָרענען אַז דער נר־תמיד
פון יידישער פאָלקישקייט מיט איר גרוי־
סן עבר זאָל נישט גיין לאיבוד אין דעם
גאַנג־אַלטיקן פּראָצעס פון דעמאָגראַפישע
און סאָציאַלע שינוים אין אונדזער יידישן
לעבן ביי היינטיקן טאָג.

דער קעמפער און גייסטיקער מוכיח
אַברהם גאָלאָמב איז זיין גאַנץ לעבן גע־
בליבן געטריי זיינע אידעישע הנחות און
היסטאָריאָסאָפישן אויסקוק אין דעם ענין
פון היסטאָרישער יידישקייט און איר
רחבותדיקער קולטור. אין שייכות דער־
מיט איז כאַראַקטעריסטיש גאָלאָמבס
פּתיחה צו זיין מאמר: „יידישקייט, פאָל־
קישקייט, געטלעכקייט", ווי אַ לומדישער
הדרן צו דער מסכתא יידישקייט און קיום.
וויל מען, איז אפשר די פּתיחה אַ קאָנ־
דענסירטער, סטיליזירטער סך־הכל פון
דער עצם מחשבה אין זיין היסטאָריאָ־
סאָפישער באַטראַכטונג מכוח דער היס־
טאָרישער יידישקייט און איר פאָלקיש־
דורותדיקער כאַראַקטער. זאָגט ער דאָרט
בפירוש, אַז זי נעמט אַרום דעם געליי־
טערסטן מאָנאָטעיזם און דעם געדאַנק פון
דעמאַטעריאַליזאַציע, דערהויבענע אמונה
און אַ שטראַליקן עטאָס, שירה און פילאָ־
סאָפישע מחשבה, הויכע מיסטישע מדר־
גות און פאַרדבקותדיקן, עסאַטערישן
וועלט־באַנעם, יידישלעכע דערציונג און
מוסר, שפּראַך, קולטור און שטייגעריש־
קייט, מיט אַ צוגאָב פון פרעמדע השפּעות
און גלייבענישן. הקיצור, אַן אָנגעלאָדענע,
דורותדיק־קוואַליקע שאַפערישקייט, אָנ־
געהויבן פון דעם באַהויכט־עליטאָרן
„אחד" אין גלויבן, און ענג־פאַרקניפּט
מיט דעם סוווערענעם געדאַנק פון אַחדות
פון כלל ישראל אין דער גאָרער וועלט.

אָט די וויט־אַרומנעמיקע פאָלקישקייט
מיט איר גייסטיקן פּאָטענציאַל און רייכן
קולטור־אוצר, וויל גאָלאָמב, דער אַריינ־
געטאָנער בעל־מחשבות באַוואָרענען און
אָפּהיטן אַז זי זאָל האָבן אַ האַפט. ביט גע־
קוקט אויף די גרויסע דעמאָגראַפישע און
סאָציאַלע טראַנספאָרמאַציעס אין יידישן
לעבן, וויל ער די קולטור־ירושה פון
שטעטל אַריבערטראָגן אין אַ באַנייטער
פאָרם און פאַרפלאַנצן אין די קאָמפּאַקטע
צענטערן פון די יידישע קיבוצים אין
זייער צעשפּרייטקייט איבער דער גאָרער
וועלט. דער נר־תמיד פון דער צוואָ־
רעמטער, אייגנדיקער פאָלקישקייט טאָר
זיך בפירוש נישט פאַרלעשן. מיר מוזן
איר שאַפן אַ נייעם מקום מקלט, אַן אָנ־
שפּאַר און שטיץ, אַז זי זאָל האָבן אַ
ווייטערדיקן קיום.

גאָלאָמבס פייערדיקע ווערטער מיט
זיין הילכיקן אַרויסרוף, זיין עקשנותדיק
מאָנען און פאָדערן פון היינטיקן דור אַ
צוריק צום יידישלעכן מקור, איז אונדז
אַלעמען מחייב. דער קולטור פון המיצר
איז באמת גרויס. דער אָנזאָג פון דעם
ליכטיקן בעל־נפש, גאָלאָמב, פאַרלאַנגט
מעשים, כדי צו זיכערן אויף להבא דעם
קיום פון יידישער פאָלקישקייט און איר
ווייטערדיקע פּאָטענציעלע שאַפעריש־
קייט. עס איז דער געבאָט פון דער שעה.
ווי האָט שוין אַ מאָל דער גרויסער לע־
רער און מנהיג, הלל הזקן, געזאָגט: אם
לא עכשיו, אימתי? ווען נישט איצט, ווען
וועלן מיר דאָס באַווייזן צו טאָן?

* * * * *

# חיים גראַדע דער מייסטערישער פּראָזע-שרייבער

צו חיים גראַדע, דעם געבענטשטן וואָרט-קינסטלער, קען מען נישט צוגיין בלויז פון זיין צעשיינטער פּאָעטישער יצירה מיט איר ריטם, מוזיקאַלישן קלאַנג און ליריש-סובטילן סוזשעט, נייערט אויך ווי צו איינעם פון די בעסטע און וואָגיקסטע פּראָזאַיקערס אין דער יידישער ליטעראַטור ביי היינטיקן טאָג. זיינע מייסטעריש-קינסטלערישע שילדערונגען פון יידישן לעבן זענען בלי ספק פון אַ הויכער ליטעראַרישער גאַנצקייט. גראַדע, דער פּאָעטיש-קראַפטיקער בעל-יכולת, מאָלט אונדז זיין יידישע וועלט מיט אַ שלל פון פאַרבן, אַ שפעדיק לשון און סטיל. עס איז די וועלט פון זיין ווילנע מיט איר אַמאָליקן גלאַנץ און גייסטיקן ויתרוצצו, דער אַנהאַלטיקער אויפגיי און אינעווייניקסטע טהרות, די וואָכעדיקייט און שבת-יום-טובדיקייט פון אַ גרויסן און וואָגיקן, יידישלעך-איינגעשטעלטן יישוב יידן. אויף דער איינער זייט איז עס די ווילנע של מעלה מיט איר קוואַליקער קולטור, מיט איר המשך פון יידישער שאַפערישקייט, יידן בן-תורהס און פּנימיותדיק-דערהויבענע גייסטער, און אויף דער אַנדערער זייט די ווילנע של מטה מיט אַן עולם פּשוטע יידן מיט זייער פּאָלקישן נוסח פון לעבן, אייגנדיקייט און שטייגערישקייט, געטריישאַפט צו יידישקייט און איר נאַציאָנאַלן קנין.

חיים גראַדע, דער באַוואָרנטער און אָפּגעהיטער שרייבער, איז נישט קיין בעל-מליצה. ער רעדט נישט מיט קיין רמזים און באַהאַלטענע, נישט-דערזאָגטע אָנצוהערעניש, נייערט זיין וועלט מיט אירע פּערסאָנאַזשן און געשעענישן איז אַ רעאַלע, אַ דאָיקע, אין איר גאַנצער גרייס און פילפּאָנימדיקע טיפקייט וואָס מען קען ממש אָנטאַפּן מיט דער בלויזער האַנט. גראַדעס שילדערונג איז נישט קיין קונציק אויסגעמוטשטע, נייערט אַזוי ווי ער זעט זי סיי אין דער ספערע פון רוחניות און סיי אין דער ספערע פון גשמיות.

ווי אַ גרויסער קינסטלערישער טאַלאַנט, כישופט גראַדע אויס פאַר אונדזער גייסטיק אויג די וויטאַל-אייגנדיקע וועלט פון זיין ווילנע וואָס איז איינגעבאַקן אין זיין האַרץ. עס איז ווילנע מיט אירע שולן און קלויזן, גאַסן מיט שטאַלטיקע געביידעס און ענגע, שמאָלע געסלעך און אָנגעפּראָפּטע הויפן פון מאַנצבילן און ווייבער, קינדער אין די וויגן און כל המינים קליינוואַרג. פון די אַלטע, האַלב-איינגעפאַלענע קלויזן טראָגט זיך אַרויס אויפן גאַס אַ שטילער, פאַרקרעכצטער קול-תורה פון באַיאָרטע, פאַרלאָשענע זקנים, וואָס דרימלען צוביסלעך אין טאָג אַריין ביי אָפענע ספרים, און חלומען נאָך פון אַ באַטעמטן, מתיקותדיקן לערנען אין זייער יוגנט, וואָס לאָזט זיך אין דער נייער, צעקאָכטער צייט שוין נישט מער צוהאַלטן.

די רבותא פון גראַדעס קינסטלערישן פאַרנעם איז אָבער, וואָס ער, דער אַמאָליקער ישיבה-בחור און אַריינגעטאָנער מוסרניק, אַנטפּלעקט פאַר אונדז, אפשר דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור, די תוכיק-מהותדיקע וועלט פון די ליטווישע ישיבות מיט זייער דרך פון תורה-לערנען און די שטראַליקע פּנימיות פון דער מוסר-באַוועגונג. אויף אַ ברייטער קאַנווע לאָזט ער אונדז מיט זיין שאַרפן פּראָזשעקטאָר וואַרפן אַ גריילעכן בליק אויף דער ראַפינירט-איינגעטיפטער שיטה פון ר' ישראל סאַלאַנטערס מוסר-דיקן וועלט-באַנעם. שוין באַצייטנס האָט דער דאָזיקער באַהויכטער גייסט און נאָוואַטאָר אין תהום פון דער רעליגיעזער מחשבה אַנטדעקט די וואַקלדיקע יסודות פון דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, און געוואָלט איר געבן אַ באַנייטן רעליגיעז-מאָראַלישן תוכן. דעם סאַלאַנטערס שיטה איז אויסן געווען צו באַפעסטיקן, שטאַרקן און דערהייבן יעדן ייד צו אַ העכערער מדרגה אין דער בחינה פון התבוננות און שלמות.

צווישן גראַדעס פּרעכטיקע נאָוועליסטישע דערציילונגען, גאָרנט זיין ברייט-פאַרנעמיקער קינסטלעריש-אויסגעצייטיקטער און סובלים געצייכנטער ישיבה-ראָמאַן. דעם טעמאַטישן אויבנאָן פאַרנעמט דאָ ר' צמח אַטלאַס, דער אַמאָליקער ראש-ישיבה און מדריך פון דור יונגע תלמידים. פּסיכאָלאָגיש אַן אוני-

קאַלע געשטאַלט, מיט מעלות און נישט
ווייניק חסרונות. אַן אומרויקע און עקס־
צענטרישע נאַטור, פאַרפלאָנטערט, דער־
צו אַ תקיפותדיקער בעל־דעה מיט אַ
שפּאַלט אין האַרץ, גייט ער אַרום אַ פאַר־
עצבהטער און אַ צעקריגטער מיט זיך און
זיין סביבה, און קאָן פשוט נישט מער
אַרויס פון זיין דילעמע און אויפגעקומע־
נעם מן־המיצר. אויך צווישן די תלמי־
דים פעלט אַ מאָל נישט אַ צערודערטער
און פאַרקנאָכטער ווילדערנער, פול מיט
ספקות, וואָס נעמט זיך זוכן אַ נייעם וועג
וואָס זאָל צוביסלעך באַפרידיקן זיין צע־
ברויזט געמיט און דאָרשט נאָך השכלה,
כדי אַרויס פון זיין אַרומיקן קלעם.

אין דעם פערספעקטיוו פון געטרייע
און ווילע לערנערס מיט זייערע צעקאָכ־
טע, חריפותדיקע לומדים, וואָס זענען
מרביץ תורה אין די ישיבות, שטעלט
אונדז חיים גראַדע אַוועק די ליכטיקע
געשטאַלט פון דעם איידעלן ירא־שמים
און האַרציקן אוהב את הבריות, דעם
עניוותדיקן גדול ר׳ אברהם ישעיה, דעם
„מחזה אברהם“, די פאַרקערפּערונג פון
אַ צעשיינטן און סובלימען גדול־הדור.
אין אים האָט גראַדע פּערסאָנאָפיצירט
דעם גאונישן „חזון איש“, זייך גרויסן
רבי, צו וועמען ער איז געווען צוגעבונדן
מיט גרויס געטריישאַפט און ליבשאַפט.

איז פאַר אונדז אינטערעסאַנט דער
תוכיקער שמועס וואָס ר׳ אברהם ישעיה,
דער שטיל־צניעותדיקער און דערהייבע־
נער ייד האָט, אָן געשריי און געבייזער
געפירט מיט ר׳ צמח אַטלאַס, דעם פאַר־
פאַלענעם און צעקריגטן בעל־דעה. ער
וויל אים העלפן אַרויס פון זיין קלעם און
צוריקפירן צו זיין אמתדיקן שורש און
יידישלעך נאמנותדיקן אויסקוק.

פון קוקווינקל פון אַן עכטער, פנימיות־
דיקער יידישקייט, ליגט דער טראָפּ נישט
אויפן כמות נאָר אויף איכות. דער מענטש
טאָר נישט זיין ביי זיך גדלותדיק צוליב
זיינע דערגרייכונגען און אָנזען אויף דער
גאַס. דאָס איז חיצוניות, און דער מענטש
איז עלול צו פאַלן פון די מדרגות, און
צום סוף זיך אַרומקוקן ווי ער האַלט אין
דער וועלט און זיך דערזען אַ פאַרלוירע־
נער און אַ פאַרשפּילטער. דער עצם איינ־
שטעל, אַז די מאָס פון גרויס און קליין
איז לויט דעם סטאַטוס און אָרט וואָס
מ׳פאַרנעמט, איז לחלוטין אַ פאַלשער.
ער איז ניט בלויז פאַלש, נייערט אין דער
אמתן דער היפוך פון דער תורה. ווער
עס לעבט מיטן בורא־עולם, דער פילט
אים, כביכול, איבער זיך אויך ווען ער
שטייט אויפן מאַרק אָדער אין דער קראָם.
דער עיקר איז דאָס ריינע האַרץ און די
געלייטערטע מחשבה וואָס פאַרבינדט
אייבערשטע וועלטן. די טומלדיקע גאַס
דעם בשר־ודם מיטן באַשאַפער און די
בוויך גאָרנישט צו וויסן ווער ער איז
און וואָס ער טוט. עס זענען גאָלדענע,
באַקלאָרטע רייד פון אַ צעשיינטן גדול
פאַר דעם אומצופרידענעם און פאַרפלאָנ־
טערטן צמח אַטלאַס, און אפשר, אגב
אורחא, אַ קלוגער רמז פון דיכטער גופא
אויף אונדזער צערודערטער און צעקאָכ־
טער, היינטיקער צייט.

חיים גראַדע, דער ישיבה־מתמיד, אַ
דיכטער פון אַ ברייטן, וואָגיקן פאַרנעם,
האָט פאַר אונדז פון דאָס ביי אויפגעדעקט
מיט גרויס דראַמאַטיש־קינסטלערישער
יכולת, די פילמיניקע און פילפנימדיקע
יידישקייט פון זיין ווילנע, וואָס ער גייט
נאָך באַהערצט און באַקלערט אין יעדן
פּרט און כלל. עס איז געווען ווילנע, די
גייסטיקע קרוינשטאָט אינעם רחבותדיקן
מיזרח־אייראָפּעישן געשפּרייט, מיט איר
גלאַנץ און אייגנדיקן נוסח, מיט טיפע
שורשים אין יידישן עבר און זיין אימאַ־
נענטער קולטור. דאָ האָט נאָך פּולסירט
אַן עכט און מקורדיק־פאָלקיש, יידישלעך
לעבן, מיט ברען און טרייסל, נסיונות און
פאַרמעסט, און אַ שפּעדיק־צוואַרעמטער
אויפברויז פון יידישער שאַפערישקייט.

געלעבט האָט אַ געשמאַק, יאָדערדיק
יידיש לשון, מיט זיין קול־תורה און אַ
ליכטיקער, תוכיקער שירה. ווי אַ פּינקט־
לעכער און שאַרפער בעל־זכרון פאַרגע־
דענקט גראַדע אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען
אין זיין צעוועקטן קולטור־אַרום. ער
פאַרצייכנט און געשטאַלטיקט יעדן טיפ
ייד אין די געסלעך און קלויזן, יעדע
איבערלעבעניש און סיטואַציע, יעדן
פּינטל און תנועה אין זיין וויטאַל־צע־
ברויזטער סביבה פאַרמאָגן זיינע ווערק

ד״ר עזריאל נאַקס / ניו־יאָרק

# חיים גראַדע ע״ה

שבת פאַרטאָג, דעם 26טן יוני, (ח׳ תמוז, תשמ״ב), איז נפטר געוואָרן דער פּאָעט און דערציילער — חיים גראַדע. דער טויט פון יעדן יידישן שרייבער איז אַן אבידה פאַר דער יידישער ליטעראַטור, מחמת ס׳איז ניטאָ קיין ממלא מקום, ווי ס׳איז דער דרך אין דער ליטעראַטור ביי מערסטע פעלקער. חיים גראַדעס טויט איז אַן אבידה פון גאָר אַ באַזונדערן באַטייט. אפילו ווען עס וואָלט געווען המשכדיקייט אין דער איצטיקער יידישער ליטעראַטור פון דור צו דור, וואָלט זיך ניט אַזוי גיך באַוויזן אַ שרייבער פון גראַדעס פאַרנעם, מיט זיין מעכטיקן טאַלאַנט, וואָרעם אַזאַ שרייבער ווי חיים גראַדע קומט אויף איין מאָל במשך דורות. אויף דעם ערשטן איינדרוק שיינט עס אפשר אַביסל גוזמאַדיק. טראַכט מען זיך אָבער אַריין אין דעם וואָס חיים גראַדע שטעלט מיט זיך פאָר, שאַצט מען אָפּ אפילו בחפזונדיק זיין צושטייער צו אונדזער ליטעראַטור — הן די שפע און הן דאָס אייכות פון זיינע ווערק — קאָן דאָך וועגן דעם קיין פלוגתא ניט זיין, און עס פאַרשווינדט וועלכער עס איז ספק.

חיים גראַדע האָט אַריינגעשפּאַנט אין אונדזער ליטעראַטור ווי אַ פּאָעט, און אַ פּאָעט בחסד עליון איז ער פאַרבליבן אויף תמיד. הגם דאָס ערשטע בוך זיינס האָט געהייסן „יאָ״, איז זיין ליד געווען אָפּט אומעטיק און מאָנענדיק, אין דעם טאָן און תוכן. און דער יאָ איז געווען ווי אַן אויפמונטערונג צו זיך אַליין.

ס׳איז פאַראַן אַ מערקווירדיקע פּראָזע אין ספר זכריה: אסירי התקוה, געפאַנגענע פון האָפענונג. גראַדעס יאָ איז געווען דער יאָ פון אַ געפאַנגענעם, אָבער אַ געפאַנגענער פון האָפענונג, ווי ער וואָלט זיך אַליין פאַרזיכערט און באַרויקט מיט בטחון: מיין גורל איז צו זיין אַ דיכטער, אַ יידישער דיכטער, אויפצושפּילן מיין ליד אויף די 22 סטרונעס — די כ״ב אותיות פון דעם אלף־בית — און איך וועל מיין חלום פאַרווירקלעכן... און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

חיים גראַדע האָט אויסגעקליבן זיין אייגענעם וועג, ווי ס׳איז דער שטייגער פון אַ שעפערישן מענטשן, און ס׳איז געווען אַ דרך־המלך וואָס האָט אים געפירט, אָבער ניט אָוועקגעפירט פון זיינע חברים מוסרניקעס אין דער ישיבה, פון די גאַסן און מערק פון ווילנע — סיי די ווילנע־של־מטה און סיי די ווילנע־של־מעלה. ער איז געווען אין די היימען פון די ברידער שרייבערס וואָס דער אַכזר אין קרעמל האָט פאַרטיליקט, און שפּעטער איז ער געווען אין דער נאָך־מלחמהדיקער פּאַריז און ענדלעך האָט ער געפונען אַ היים אין אַמעריקע. אומעטום האָט ער געטראָגן מיט זיך זיין שורשדיקע יידישקייט, אָבער אויך ווי איינער וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך לומדות אין דער ישיבה און חכמה ביים חזון־איש, און האָט געטרונקען פון אַלע קוואַלן פון יידישקייט.

כראָנאָלאָגיש, לויט דעם לוח, איז חיים גראַדע אַלט געווען צוויי־און־זיבעציק יאָר, דאָך אין אַ פילאָסאָפישן און קולטור־היסטאָרישן זין — אַז מען פאַרטיפט זיך אין זיינע ווערק, פּאָעזיע און פּראָזע — דאַכט זיך אַז ס׳איז געווען, געכפלט עטלעכע מאָל. ס׳איז געווען מחמת זיין יסודיקער יידישקייט, וואָס איז באַהעפט געווען מיט ברייטן אַלגעמיינעם וויסן, מחמת דעם חותם פון מוסר אין זיין געמיט און מחשבה, און ממילא אין זיין מייסטערישע שטיקער פּראָזע וואָס דערמאָנען אין די גרויסע און באַרימטע בעל־יצירות אין דער וועלט־ליטעראַטור.

גראַדעס אויסגעטאַקטע און געמאָסטענע שילדערונגען, מיט זייער רעאַליזם און אַ צאַרט־פאַרבענקטער ליריזם, וועלן פאַרבלייבן אַ לעבעדיקער און באַדייטיקער, ליטעראַריש־קינסטלערישער צושטייער פון אַמאָליקן און פּאָטענציעלע שאַפערישקייט פון יידישן לעבן פאַר דורות.

לאָנדאָן, אב, תשמ״ב

באַציִונג צו „ליטעראַטור" געווען ווי צו אַ ספר, ניט ווי אַ מקור פון פאַרבײַגייענדיקער פאַרווײַלונג, נאָר ווי די אַנטפּלעקונג פון אונדזערע איבערלעבענישן און דערקענטענישן, דאָס התגלות פון די טרערן פון זאַכן. יידיש לשון אין זײַנע ווערק איז ניט די בידנע אָרעמע שפּראַך, אויסגעליידיקט פון טראַדיציאָנעלן אינהאַלט, צו וועלכער מיר האָבן זיך צוגעוווינט, נאָר ס'איז דער יידיש פון מענדעלע און פּרץ, פון ישראל סאַלאַנטער און פון דעם חזון־איש, און ס'איז אַ וווּנדערלעכער און טייערער געוועב פון אַראַמיש און לשון־קודש און פאַלקישן יידיש.

## 2.

חיים גראַדעס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור איז אַן אײַנגעפונדעוועטער. ער האָט זיך שוין לאַנג דערוואָרבן אַן אויבנאָן אין איר סאַמע מזרח־וואַנט, צוזאַמען מיט די קלאַסיקערס און אירע ווײַטערדיקע בוי־מייסטערס. ער האָט זיך קונה־שם געווען סיי ווי אַ פּאָעט און סיי ווי אַ דערציילער. פאַראַן אין יעדער ליטעראַטור שרײַבערס וואָס זײַנען שעפעריש אין ביידע ספערעס, און דאָך איז עס אַ זעלטנקייט אַז זיי זאָלן זײַן שעפעריש אויף דער זעלבער מדרגה און מיט אַן ענלעכן פאַרנעם.

ווי אַ פּאָעט איז חיים גראַדע אַ יחיד במינו, אַ מעכטיקער דעמב, מיט קרעפטיקע און טיפע וואָרצלען אין אונדזער ווײַטן און נאָענטן עבר און אין אונדזער צערפּולן, „אויסטערלישן" הײַנט, און די צווײַגן פונעם דעמב שפּרייטן זיך אין אַלע ריכטונגען: פון דעם לאַנד פון די אומגעקומענע סאָוועטיש־יידישע שרײַבערס אין זײַן פלאַדיקער אומפאַרגעסלעכער און אויפטרייסלענדיקער עלעגיע, ביז ירושלים עיר הקודש, און דעם כותל אין ירושלים, אין פּאָעמעס אין וועלכע ס'איז דאָ דער ציטער פון צײַט און דער אָטעם פון אייביקייט. און אומעטום און שטענדיק איז דאָ די איכה וועגן „אַ נאַקעט ייִנגל... וואָס טראָגט זײַן שוועסטערל פון אויוון אין טרעבלינקע און וויל ערגעץ־ניט, אַפילו ביים כנרת דעם בלויען, זײַן קאַלט און נאַקעט שוועסטערל דער ערד פאַרטרויען." דאָס שוועסטערל, וואָס ער האָט (ווי דער נביא זכריה) ווי „אַ בראַנדצייכן פון פייער אַרויסגעריסן."

ס'איז לגמרי ניט קיין צופאַל וואָס די שורות אין גראַדעס פּאָעמעס זײַנען ברייטע און דער ריטם אַ קרעפטיקער, מחמת דער ריטם איז ווי אַן אָפּקלאַנג פון דעם ריטם פון מחשבה, ניט אַן אַבסטראַקטע אידעע, נאָר ווי אַ מחשבה וואָס באַוועגט זיך אין אַ פורעם פון געפיל. די שורות זײַנען ניט סתם־אַזוי ברייטע, נאָר עס ליגט אין זיי אַ כוח, וואָס איז גורם שווונג און שטח. ס'איז ניט קלוג צו פאַרגלײַכן פּאָעטן, מחמת איטלעכער פאַרמאָגט זײַן אייגענעם ניגון און דערבליקט זאַכן — די טרערן און דעם שמייכל פון זאַכן — דורך דער פּריזמע פון דעם אייגענעם דמיון, און ס'איז ניט גרינג און אפשר ניט עטיש צו באַצייכענען די גרייס פון אַ פּאָעט, עלעהיי עס וואָלט געווען אַ פּינקטלעכער אַרשין אויף דעם. מען טאָר אָבער דערפון ניט דרינגען אַז ס'איז לגמרי ניטאָ קיין מאָס און קיין נאָרמע, וואָרעם דאָס וואָלט באַטײַט אַז די קונסט פון ליד איז מער קונץ ווי קונסט, אַז פּאָעזיע איז הויל פון אינטערינסקאַלישע ווערטן און אַז ס'איז דורכויס און אַבסאָלוט ניט צו דערשפּירן דעם אונטערשייד צווישן גאָלד און זילבער און בראָנדז.

ס'איז ניט קיין אָפּנייג פון אָט־דעם כלל צו דערקלערן אַז חיים גראַדעס גרייס ווי אַ פּאָעט איז ריזיק און דערגרייכט אַזשנאָר ביז די „דיכטערישע" הימלען. און אויב מען זאָל אים יאָ פאַרגלײַכן מיט עמעצן, איז זײַן קרובהשאַפט צו חיים נחמן ביאַליק בסדר. און טרעפלעך זײַנען די לעצטע צוויי שורות פון זײַן מאָנומענטאַלער פּאָעמע וועגן ביאַליקן:

און קרוין מיך פאַר דײַן יורש,
בלאָז אין מיר אַרײַן
דעם גייסט און פייער פון די
בני הנביאים.

און אויב ער איז ביאַליקס יורש, פאַרשעמט ער אים ניט; און אויב עס זײַנען פאַראַן ביי אים שורות וואָס זענען שטאַרקער ווי אפילו ביאַליקס, איז עס מחמת דעם וואָס „שחיטה־שטאָט" (בעיר ההרגה)

איז דאָך געוואָרן טרעבלינקע, מיידאַנעק, און צענדליקער קרעמאַטאָריעס. ווי ביאַליק האָט אויך גראַדע געלעכצט נאָך ירושלים און געבויגן דעם קאָפּ פֿאַר איר הייליקייט, בעת זיין ווילנע, ירושלים ד׳־ליטע, איז געוואָרן אַ בית־עולם, אַ לאַנדשאַפֿט פֿון טויט, און ער האָט אויסגעוויטיקט דעם „געזאַנג״ — „דיין טאָכטער ווילנע לעבט ניט מער, ירושלים... דיין טאָכטער פֿון דער ליטע איז אַרויף אין פֿייער, ווי איר עלטסטע שוועסטער — וואָרמס, מיינץ און שפּייער, ווי איר צווילינג־שוועסטער, אַלט־לובלין און קראָקע.״ און אין זיין נשמה און געמיט זיינען ביידע ירושלימס פֿאַרקנסט אויף אייביק:

ווען איך האָב דיך דערזען,
מיין שטילע עיר הקודש,
האָב איך דערזען מיין מאַמען
ווי זי בענטשט ראש־חודש.

חיים גראַדעס פּאָעזיע — דאָס איז דער מוסרניק מיטן דראַנג צו שלמות, ס׳איז אברהם רייזענס קלויזניק מיטן „וויינענדיקן ניגון וואָס אין מיין האַרצן גייט אַריבער״, און ס׳איז ווילנע, וואָס עס רעדט נאָך „טיפֿער צו מיר דיין פּעלדזיק־שטומער עבר.״ און ס׳איז אַ נאַקעט יינגל מיטן שוועסטערל פֿון טרעבלינקע וואָס ער וועט ניט „דער ערד פֿאַרטרויען״ און וועט אונדז נאָכגיין אויף אַלע דורות. און ס׳איז דער מאַמעס שבתים אין דער וועלט וואָס איז געווען, וווּ זאָרג און מנוחה האָבן זיך געמיניעט, און ס׳איז ירושלים די באַנייטע, וואָס „אפֿילו אין געפּעכט ביסטו די עיר השלום, אפֿילו אויף דער וואָר ביסטו מיין שטאָט פֿון חלום״. און ס׳איז איבער אַלעמען דער פֿייער פֿון דעם סנה וואָס פֿלאַקערט צוזאַמען מיטן פֿייער פֿון די קרעמאַטאָריעס אין אוישוויץ. ניט אומזיסט האָט דער פּאָעט דוד וואָלפֿע דערזען דעם פּאָעט אַט אַזוי: „אַ כתר־שירה אויף זיין קאָפּ — אַ יעדער אות.״

3.

אַחוץ דעם כתר־שירה האָט גראַדע געטראָגן נאָך אַ קרוין: ער איז געווען דער האַר פֿון וואָרט — אין דער פּאָעזיע און אין דער פּראָזע. און ס׳איז ניט קיין חידוש: עס זיינען דאָ דערציילערישע ניואַנסן, סיפּור המעשה, פֿיינע און קלאָרע פּאָרטרעטן אין זיין פּאָעזיע, און קיינמאָל ניט אויפֿן חשבון פֿון בילד, מוזיק, פֿון די אַטריבוטן פֿון פּאָעזיע. און ס׳איז אין זיין פּראָזע דאָ מאַלערישקייט, עס זיינען פֿאַראַן שילדערונגען פֿון דער נאַטור אין אירע וואַריאַציעס פֿון שיינקייט און פֿאַרוועלקונג, און דער פֿולער דיאַפּאַזאָן פֿון מעלאָדישקייט. דער חידוש באַשטייט אין דעם וואָס ער איז אין דער פּראָזע ניט נאָר מייסטער: ער איז בוי־מייסטער — סביבה, סיפּור־המעשה, און געשטאַלטן — די דריי עלעמענטן אין נאַראַטיווער פּראָזע — „אָרקעסטרירן זיך אין אַ גאַנצקייט, און ס׳איז ניטאָ קיין ריס צווישן זיי.

ס׳איז דאָ אָבער עפּעס מער אין גראַדעס „ראָמאַנען״ — לדוגמא, אין „דער מאַמעס שבתים״, „דער שול־הויף״, „די קלויז און די גאַס״, וכדומה, און דער עיקר אין די צוויי בענד, „צמח אַטלאַס״ און „די ישיבה״, און ס׳איז אַט־וואָס: די געשטאַלטן און געשעענישן שעפּן זיך ניט אויס צווישן די טאָוולען פֿון די ביכער, זיי שפּריצן אַריבער זייערע גרענעצן, און אַן אומענדלעכקייט באַגלייט זיי (און מען קאָן אויף דעם אָנווענדן דעם רעליגיעז־פּאָעטישן משל אַז גאָט איז אין דעם מענטש און דער מענטש איז אין גאָט ווי דער ים איז אין דעם פֿיש און דער פֿיש איז אין דעם ים).

די געפֿילן און שפּאַנונגען און די אידעישע געראַנגלען זיינען ניט פֿאַרשפּאַרט און פֿאַרשלאָסן אינעווייניק אין די געשטאַלטן, ווי אין אַ תפֿיסה, אָדער ווי אין אַ פֿאַרמאַכטן צימער מיט געדיכטע אַראָפּגעלאָזענע פֿאָרהאַנגען, נאָר זיי לייכטן אַרויס און רינגלען אַרום די געשטאַלטן, און די פֿענצטער און טירן פֿון דעם צימער עפֿענען זיך צו דער וועלט, און עס ווערט אונדז קלאָר אַז ניט בלויז זיי, די געשטאַלטן אין די ביכער, נאָר דער אוניווערס נייטיקט זיך אין גנאָד און ליבשאַפֿט.

גראַדעס שורשדיקע ייִדישקייט איז דאָך בולט אין אַלע זיינע ווערק — פּאָעזיע

## משה שקליאַר

### צו דער 30־טער יאָרצייט זינט דער מאָסקווער שחיטה איבער סאָוועטיש־יידישע שרייבערס

# ווי לאַנג אַ יידיש ליד נאָך קלינגט

פרץ מאַרקישן

אין טרויער־צוג קומט אַלע מיט
צום קבר אומבאַוווּסטן,
דאָרט אָטעמט נאָך דאָס יידיש ליד
און רייסט אַרויס פון ברוסט זיך,
אַזוי ווי ס'האָט אַ לעבן־לאַנג
פון פעדער זיך געריסן
און האָט מיט שטורעמדיקן קלאַנג
די פינצטערניש צעריסן.

איז וואָס, אַז ס'איז דער וועג אייך שווער,
אַז איר זענט שוין פאַרמאַטערט —
לייגט צו דאָס אויער
צו דער ערד
ווי ס'האָט זיין פריינד געראָטן
און הערט — דאָרט ריזלען לידער.
ווי אַ שטראָם נישט צום פאַרהאַלטן
גייען ווידער זיינע „ברידער"
קעגן וועלט דער אַלטער.

און ווידער גייט דער אַלטער שניצער
מיט תפילה אויף די ליפּן —
גרייט פון קאַט דאָס בלוט צעשפּריצן,
דורכברעכן די ריפּן
און דעם טאָג אַנטקעגנטראָגן
לויטערקייט און ליבע,
און מיט ליכט פון ערד פאַריאָגן
פיין און אומעט טריבן.

ערגעצווו נאָך איבער וועגן
מיט אויפגעפּאַכטע פּאַלעס
מאַנצעס גייט אַ חשבון פרעגן
ביי יענעם וואָס מיט שטאָל איז
באַצירט געוועזן זיין נאָמען —
אַ חשבון פאַר דערשטיקטע ווערטער
געוואָרפענע אין תהומען
און אויך פון דאָרט דערהערטע.

ווי אַ פרישער ווינט אין צווייגן

---

און פּראָזע — און ער האָט נאָך מתקן גע־וועזן דעם מיטאָס און די ווירקלעכקייט פון מוסר און ליד און אויף דער רחבות־דיקער קאַנווע פון די צוויי בענד „צמח אַטלאַס" און „די ישיבה". ער האָט אָבער די ישיבה ניט פאַרזיגלט און ניט אָפּגע־טיילט פון דעם אוניווערז, און אַקוראַט ווי פלאָבער און דאָסטאָיעווסקי און שלום עליכם, האָט ער געקוקט אויף דער וועלט און געזען זי מיט טרערן אין די אויגן. ער האָט ניט „אידעאַליזירט" די יידישע וועלט וואָס איז געווען און איז מער ניטאָ, און ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט אַ כלומרשטדיקן „רעאַליזם", און האָט ניט באַדעקט איר ערד מיט בלאָטע און מיט קויט. בכן שטראַלט צו אונדז אַרויס דער אינערלעכער אמת פון אָט־יענער וועלט וואָס איז געווען און איז מער ניטאָ, און ס'איז אַ לויטערער אמת אָנגעהויכט מיט קדושה פאַר אונדז און פאַר די דורות נאָך אונדז און פאַר דער יידישער אייביקייט.

צו צוויי און זיבעציק יאָר איז חיים גראַדע נפטר געוואָרן. וואָלט אים באַ־שערט געווען צו לעבן לענגער, וואָלט זיין 75־יאָריקער יובל אָפּגעריכט געוואָרן אומעטום ווו יידיש און די יידישע ליטע־ראַטור האָט נאָך אַ תקומה. לאָמיר עס סיי־ווי טאָן, מחמת כל־זמן עס וועט זיין אַ יידישע ליטעראַטור אין וועלכער ס'איז שפּראַך, וועט חיים גראַדעס נאָמען שיינען אין איר, און זיינע ווערק וועלן זיין דימענטן אין איר קרוין.

רוישן זיינע לידער
און זיי וועלן קיינמאָל שווייגן,
וועקנדיק די מידע.
הערט — עס זינגט נאָך אַלץ און זינגט
אונדזער דיכטער־קרבן,
ווי לאַנג אַ ייִדיש ליד נאָך קלינגט
איז מאַרקיש נישט געשטאָרבן.

## מיין דור...

מיין דור, אַ ניט דערברענטער אינעם פייער,
גייט שוין אויך אַוועק...
און גרויער ווערן טעג,
און איינזאַמער די נעכט.
אַלץ וואָס איז געווען אונדז טייער
ליגט פאַרשאָטן און צעטראָטן
און פאַרשוועכט.
וואָס־זשע לאָזן מיר דאָ איבער
חוץ די שאָטנס
צווישן גריבער
איבער אומבאַקאַנטע וועגן?
אפשר ביי די ווינטן פרעגן,
ביי דעם הימל, ביי די שטערן?

און אויב קומען וועט אַן ענטפער,
ווער וועט אים דערהערן?
זאָט שפּאַנען מיר דאָך שוין אַריבער
לעצטן טראָט
און לאָזן אונדזער פריינדשאַפט, ליבע,
אויף קיינעמס באַראָט.

## אַמאָל דיר וויזט זיך אויס

אַמאָל דיר וויזט זיך אויס,
אַז ביזט שוין דאָ געווען.
די גאַס, דער בוים, דאָס הויז —
זיי האָבן דיך געזען
אַ באַרוועסן, אין שיך,
מיט האָסטיק ברייטן שפּאַן
אַוועק צו וועלט — פון זיך.
אַן אַנדערש מאָל דער מאַן,
וואָס קומט אַהער צוריק
אין חלום יעדע נאַכט
מיט זיינע שיך צעפּליקט,
ווי נאָך אַ שווערער שלאַכט.
זוכט די גאַס, דאָס הויז,
נאָר פון זיי — קיין שיין.
דער בוים געבליבן בלויז,
וואָס שטייט, ווי ער, אַליין.

***

נישט געטראָפן זיך זינט יאָרן —
אַנדערע געווען די וועגן.
זיבן וועלטן אויסגעפאָרן
און אויף ס'ניי זיך איצט באַגעגנט.

זיבן וועלטן און אַן אַכטע —
אויף אַ ווייל בלויז אָפּגעשטעלט זיך —
און געבליבן אויסגעלאַכטע,
ווייל דאָ ענדיקט שוין די וועלט זיך.

און ס'ענדיקט אויך זיך דער זכרון,
טיפער קאָן ער מער נישט גרייכן.
זיבן וועלטן אויסגעפאָרן,
צווישן אונדז — אַ פראַגע־צייכן...

## אַ באַגריסונג פון ירושלימער אַלמאַנאַך

די רעדאַקציע און מיטאַרבעטער פון „ירושלימער אַלמאַנאַך" באַגריסן די רעדאַקטאָרן־עקשנים און דעם לאָס אַנדזשעלעסן קולטור־קלוב און שרייבער־קרייז, די אַרויסגעבער, מיטן הונדערטסטן נומער פון דער פּעריאָדישער שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע ענינים — „חשבון", די איינציקע יידישע אויסגאַבע אין קאַליפאָרניע.

מיר, וואָס קענען אייער אויסגאַבע ערשט פון 90סטן נומער, ווייסן נישט אין וועלכן פאַרנעם די פריערדיקע נומערן זענען אַרויס. פון די 10 נומערן אָבער, וואָס מיר האָבן געלייענט און קענען, מערקט זיך דער המשך פון אַ באַשטימטן קולטור־שעפערישן וועג, פון וועלכן איר טרעט ניט אָפּ.

טייערע פריינד, זייט געזונט און זאָל אייער עקשנות ניט נאָכלאָזן. ציילט ווייטער די נומערן פון „חשבון".

„ירושלימער אַלמאַנאַך"

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# די אייגנאַרטיקייט פון יידישן קיבוץ אין אַמעריקע

I

יעדער וואָס איז באַהאַוונט אין דער יידישער וועלט־געשיכטע ווייסט אַז די תפוצות אונדזערע האָבן נישט געהאַט איין פּנים; אַז יידישע געשיכטע איז די היסטאָריע פון פאַרשידענע, אַנדערשדיקע יידישע קיבוצים. אַברהם העשעל האָט אין זיין בוך: „די אינערלעכע וועלט פון ייד אין מזרח־אייראָפּע" פאַרגליכן דאָס אַשכנזישע און ספרדישע יידנטום, און איז געקומען צום אויספיר אַז די קולטור פון שפּאַנישן יידנטום איז געוואָרן פאָרמירט פון אַן עליטע וואָס האָט געצויגן איר אינספּיראַציע פון דער קלאַסישער פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט. די ספרדישע יידישע געלערנטע האָבן אָפט גענומען אַראַבישע פּאָעזיע און גריכישע עטיק ווי זייערע מאָדעלן. זייערע פּאָעמעס זיינען געווען געשריבן אין אַזאַ קאָמפּליצירטן העברעיש, אַז בלויז די אינטעליגענץ האָט דאָס געקענט פאַרשטיין; בעת, „אויף די ליפּן פון אַשכנזישע יידן איז העברעיש באַפרייט געוואָרן פון די גאָלדענע קייטן פון אַ קאָמפּליצירטער רעטאָריק, און ס'איז געוואָרן לייכט און נאַטירלעך ווי דער העברעיש פון מדרש." (1)

הגם ביידע יידנטומס זיינען געווען קינדער פון זעלביקן פאָלק ישראל, זיינען זיי דאָך געווען אַנדערש איינער פון אַנדערן. און אפילו אין אַשכנזישן יידנטום גופא זיינען געווען פאַרשידנקייטן: דאָס דייטשישע יידנטום איז געווען אין אַ סך פּרטים אַנדערש פון פּוילישן יידנטום, הגם ביידע האָבן געליטן פון רדיפות, פאַרהייליקט דעם תנ"ך און תלמוד, און ביידע האָבן געשטרעבט צו שיבת־ציון.

אויך דאָס היינטיקע יידנטום אין אַמעריקע איז אַנדערש, נישט נאָר פון דייטשישן און פּוילישן יידנטום, נאָר אויך פון די איצטיקע יישובים אין מערב־אייראָפּע. אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליע, איז די מערהייט־קולטור פון לאַנד האָמאָגעניש. איז דעריבער דער דרוק אויף יידן מצד דער נישט־יידישער קולטור אַ סך שטאַרקער ווי אין דער העטעראָגענישער, פיל־פעלקערדיקער אַמעריקע, וווּ יידן לעבן אין אַ פּלוראַליסטישער געזעלשאַפט צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע עטנישע מינאָריטעטן. אין אַזאַ סביבה ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז עס אַ געוויינלעכע דערשיינונג צו באַגעגענען אייגנאַרטיקע רעליגיעזע און קולטורעלע גרופּעס. אין אַזאַ אומגעבונג טאָלערירט מען גיכער אַנדערשקייט. דאָ איז מעגלעך אַז אַ סך קינדער פון געמישטע חתונות זאָלן דערצויגן ווערן ווי יידן — אַ פענאָמען וואָס איז נישט בנמצא אין קיין שום אַנדער תפוצה אין דער מאָדערנער צייט. די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע סטרוקטור פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז ראַדיקאַל אַנדערש פון אַ פּוילן, אַ פראַנקרייך, אָדער וואָסער אַנדער לאַנד, במשך דער גאַנצער לענג פון דער יידישער געשיכטע.

די פאַראייניקטע שטאַטן שטעלן מיט זיך פאָר אַ מדינה וואָס איר אייניקייט איז באַזירט אויף אַ סך לאָיאַליטעטן, ווי דעטאָקוויל האָט דאָס געזען מיט זיין שאַרף אויג לאַנג צוריק. אַמעריקע איז נישט קיין מאָנאָליטיש, האָמאָגעניש, נאַציאָנאַליסטיש לאַנד, ווו אַלע יוונים האָבן, אָדער דאַרפן האָבן איין פּנים. סיי היסטאָריש, סיי קעגנוואַרטיק זיינען די פאַראייניקטע שטאַטן אַנדערש ווי די אייראָפּעישע לענדער. ווי אַ רעזולטאַט פון דער באַזונדערקייט, און צוליב אַנדערע סיבות, אויף וועלכע מיר וועלן זיך שפּעטער אָפּשטעלן, געשטאַלטיקט זיך דער היגער יידישער קיבוץ ספּעציפיש אַמעריקאַניש, אייגנטימלעך, אַנדערש פון די איבעריקע יידישע צעשפּרייטקייטן. אַמעריקאַנער יידן האָבן ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה דערגרייכט אַזוי פיל אנערקענונג און איינפלוס אין אַמעריקע, אַז זיי האָבן זיך נישט געשראָקן פאַר דער באַשולדיקונג אין „טאָפּלטער לאָיאַליטעט". זיי האָבן אָן מורא אויסגעאיבט אַ פּאָליטישן דרוק לטובת ישראל

און וועלן אים ווייטער אויסאיבן, נישט געקוקט אויף דעם שטורעם אַרום די „אַוואַקס" פאַר סאַודי־אַראַביע, ווי מיר וועלן דאָס באַלד באַווייזן.

ריימאָן אַראָן, דער יידיש־פראַנצויזישער פובליציסט און פּאָליטישער דענקער האָט אַנומלטן אין זיינעם אָן אויפטריט אויף דער אַמעריקאַנער טעלעוויזיע צוגעגעבן אַז אויב דער פראַנצויזיש־יידישער קיבוץ וואָלט אין פּאַריז געשאַפן אַזאַ „ו׳רוק־גרופּע" (לאָבי) ווי אַמעריקאַנער יידן האָבן איינגעשטעלט אין וואַשינגטאָן, וואָלט עס אין פראַנקרייך אַרויסגערופן אַ שטאַרקע רעאַקציע קעגן יידן, ווייל פראַנקרייך איז נאָך ביז אַ געוויסער מאָס אַ „יאַקאָבינער נאַציע" נישט אַזוי טאָלעראַנט צו אַנדערש־דענקענדיקע ווי די פּלוראַליסטישע אַמעריקע. דער אַמעריקאַנער עטאָס איז אַ וואָלונטאַריסטישער.. דאָ איז פאַראַן אַ פרייער אויסוואַל, פרייע באַוועגונג, פרייע פאַרזאַמלונגען, פרייער אויסדרוק פאַר יעדנס אידעען און מיינונגען. אָט דאָס האָט מעגלעך געמאַכט פאַר אַמעריקאַנער איינוווינער, אָפּשטאַמיקע פון פאַרשידענע לענדער זיך אויסצודריקן און האַנדלען לויט זייערע געפילן פאַר זייערע פריערדיקע וווינלענדער. די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיך אויסגעלערנט צו אַקאָמאָדירן נאַציאָנאַלע לאָיאַליטעטן אי צום פריערדיקן, אי צום נייעם וווינלאַנד — אַ פּראָבלעם וואָס איז געוואָרן ברענענדיק־אַקטועל אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען אַמעריקע איז געוואָרן פאַרוויקלט אין אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן. מיט אַנדערע ווערטער: אַן אַמעריקאַנער בירגער אין די פאַראייניקטע שטאַטן קען זיין פאַראינטערעסירט אין זיין פריערדיק געבוירן־לאַנד, און דאָך ווערן פאַררעכנט ווי אַ לאָיאַלער בירגער פון אַמעריקע. דאָס איז חל אויף אירלענדער, פּאָליאַקן, גריכן און אויך אויף יידן, וואָס זיינען איבערגעגעבן צו מדינת ישראל.

דאָס פּראָבלעם: טאָפּלטע לאָיאַליטעט, איז דאָ אויפגעקומען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַמעריקע איז אַריין אין קריג קעגן דייטשלאַנד. אין יענער אָנגעגליטער אַטמאָספער זיינען אַמעריקאַנער דייטשן באַשולדיקט געוואָרן אין אומלאָיאַליטעט צו אַמעריקע. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען יאַפּאַנעזער־אַמעריקאַנער אינטערנירט געוואָרן אין לאַגערן. אָט די דאָזיקע דערפאַרונגען האָבן אַרויסגערוקט דאָס פּראָבלעם פון צעטיילטע לאָיאַליטעטן אין אַ מלוכה־סיסטעם פון פרייוויליקע לאָיאַליטעטן. ס׳איז אַ פּראַגע אויף וועלכער ס׳איז נאָך אַלץ שווער צו געפינען אַ י י ן ענטפער וואָס זאָל אַלעמען צופרידנשטעלן. וואָס זיינען די קריטעריעס פאַר אַמעריקאַנער לאָיאַליטעט? וואָסער פאַרבינדונגען צום געבוירן־לאַנד שטימען מיט לאָיאַליטעט צו אַמעריקע? אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, ווי די פאַראייניקטע שטאַטן, וועט די קריטעריע אין אַ גרויסער מאָס זיין אָפּהענגיק פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין געגעבענעם מאָמענט. אין אַ צייט פון אַ קריזיס — אינערלעכן אָדער אויסערלעכן — וועט דער ענין לאָיאַליטעט אויפגענומען ווערן אַנדערש ווי אין אַ רויקער צייט.

אָט איז אַ מוסטער פון אַמעריקעס שטעלונג צו לאָיאַליטעט ווי רעפּרעזענטירט מצד אַ צענטראַלער פיגור אין לאַנד. פּרעזידענט וודראָו ווילסאָן האָט אין אַ רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 10טן מאַי, 1915, צו אַ גרופּע נאַטוראַליזירטע בירגער געזאָגט אָט וואָס: „איר האָט נאָר וואָס געשוואָרן טרייהייט צו אַ גרויסן אידעאַל, צו גרויסע פּרינציפּן, צו אַ גרויסער האָפענונג פון דער מענטשהייט.. ווי אַמעריקאַנער.בירגער דאַרפט איר נישט בלויז טראַכטן צוערשט וועגן אַמעריקע נאָר אַלע מאָל צוערשט אויך וועגן דער מענטשהייט" (2). דאָס איז גאַנץ ווייט פון אָנגענומענעם פּאַטריאָטיזם אין די דעמאָקראַטישע מלוכות פון מערב־אייראָפּע, שוין נישט צו רעדן וועגן די טאָטאַליטאַרע, כלומרשט אינטערנאַציאָנאַליסטישע לענדער.

אַוודאי זיינען מיר באַוווסטזיניק אַז זאָט דער ווילסאָנישער קוק איז געווען פּאָפּולער אין אַמעריקע בעת דאָס לאַנד איז נאָך געווען רעלאַטיוו איזאָלירט פון וועלט־ענינים. דעמאָלט האָט מען געהאַלטן אַז אַמעריקע קען זיין פריי פוז די

אַלע באַציִאָנאַליזמען וואָס האָבן, לויט ווילסאָנס אויסדרוק, צעטיילט די מענטשהייט אין „איבערזיכטיקע לאַגערן.״ מלחמה, און קריזיס־צייטן האָבן אַרויסגערופן ביים אַמעריקאַנער עולם ענלעכע סענטימענטן פון נאַציאָנאַלער לאָיאַליטעט ווי אין אייראָפּע. אין אַזעלכע צייטן איז דאָס פּראָבלעם פון טאָפּלטער לאָיאַליטעט ביי עטנישע גרופּעס וועמענס היימלאַנד ס׳איז פיינדלעך צו אַמעריקע געוואָרן פאַרשאַרפט, ווי עס באַווייזט די דערפאַרונג פון דייטשישע און יאַפּאַנעזישע אַמעריקאַנער. אָבער, אין פאַרהעלטנישמעסיק רויקע צייטן אין אַמעריקע, אָן ספק, טאָלעראַנטער.

אַמעריקאַנער טאָלעראַנץ איז היסטאָריש באַזירט אויף דער טראַדיציע פון אויסנעמלעכקייט, אַז אַמעריקע איז נישט אַ נאַציע ווי אַלע אַנדערע נאַציעס: זי איז נישט באַזירט אויף בשותּפֿודיקער געשיכטע, קולטור, בלוט, אָדער רעליגיע, נאָר אויף אַ געמיינזאַמער געטריישאַפט צו אַ פּאָליטישער סיסטעם וואָס איז געשאַפן צו אַקאָמאָדירן ברייטע פאַרשידנקייטן — אַ סיסטעם וואָס איז געבויט אויפן פּרינציפּ פון רעכט פון יחידים צו פאַרזאָרגן זייערע אינטערעסן לויט זייערע ווערטן און געשמאַק. אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטישער טראַדיציע מיינט לאָיאַליטעט צום לאַנד — לאָיאַליטעט צום פּרינציפּ פון פרייהייט, און אַזאַ לאָיאַליטעט דאַרף נישט שאַפן קיין מחיצות צווישן מענטשן פון פאַרשידענע לענדער.

II

אַזוי איז עס געווען ביז אַרום יאָר 1970. אַמעריקאַנער יידן וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער ישראל־לאָבי האָבן ביז יענער צייט אַרויסגערופן ווייניק אָפּאָזיציע, אָבער ווען די אַראַבישע לענדער מיט זייערע אויל־קוואַלן זיינען געוואָרן נייטיק פאַר דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע, און דערצו אַ קוואַל פון פּראָפיטן פאַר די אויל־קאָרפּאָראַציעס, דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן הערן שטימען וועגן אומלאָיאַליטעט. אַזוי, למשל, אין דער צייט פון דער אַוואַקס־דעבאַטע אין אַמעריקאַנער סענאַט, אין אָקטאָבער, 1981, האָט פּרעזידענט רייגען, און נאָך מער דער געוועזענער פּרעזידענט ניקסאָן געגעבן אָנצוהערעניש אַז אַמעריקאַנער יידן פירן זיך נישט אויף לאָיאַל צו אַמעריקע.

אויף דעם אויפשטייג פון אומטאָלעראַנץ האָט די ליבעראַלע אַמעריקע, ווי רעפּרעזענטירט דורך דער „ניו־יאָרק טיימס״ שאַרף רעאַגירט, בזה הלשון:

„יאָ, די יידישע לאָבי האָט געפירט אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע, אָבער פּונקט אַזאַ לאָבי פון געוועזענע פאַבריקאַנטן, אויל־פירמעס און סאַודי־אַראַבישע אַגענטן און סוחרים האָבן געקעמפט לטובת דעם אַוואַקס־מסחר. קיינער פון דיביידע צדדים האָבן נישט קיין רעכט צו טענהן אַז נאָר ער פאַרטרעט אַמעריקאַנער אינטערעסן. פאַקטיש זיינען אַמעריקאַנער יידן נישט קיין שקלאַפישע אַפּאָלאָגעטן פאַר יעדער ישראל־פּאָליטיק. אָבער אפילו ווען יידן זיינען פּאַראייניקט, ס׳הייסט לטובת ישראל, טאָר מען נישט טאָלערירן די טונקעלע מורמלערייען וועגן אומלאָיאַליטעט . . .

„יידן האָבן אַזוי פיל רעכט אַריינצוטייטשן זאָרג פאַר ישראל אין זייער קוק אויף די נאַציאָנאַלע אינטערעסן, פּונקט ווי גריכישע אַמעריקאַנער וואָס זענען קעגן שטיצע מצד אַמעריקע פאַר טערקיי, אָדער ווי שוואַרצע אַמעריקאַנער וואָס פאַרלאַנגען אַז אַמעריקע זאָל אַרויסטרעטן קעגן דרום־אַפריקעס ראַסיזם. (אונטערגעשטראָכן פון ש. ג.) אַזעלכע באַמיונגען שוואַכן נישט אָפּ אַמעריקע; פאַרקערט: עס קען נישט זיין קיין שטאַרקע אויסלענדישע פּאָליטיק מצד אַמעריקע, אויב זי איגנאָרירט די פאַראייניקטע לעכצונגען פון אינלענדישע אינטערעסן.״ (3).

דער דאָזיקער פאַל לערנט אונדז אַז אפילו אין דער פּלוראַליסטישער, דעמאָקראַטישער, פיל־פעלקערדיקער אַמעריקע איז דאָ אַ גרענעץ צו פרייהייט פאַר אַ מיעוט־גרופּע; אַז כאָטש מיר לעבן דאָ אין אַ לאַנד פון „לאַביס״ — ס׳זיינען דאָ אַן אַראַבישע לאָבי, אַן אויל־לאָבי, אַן אַמוניציע־לאָבי — פון דעסטוועגן מוז אַ מינאָריטעט־גרופּע זיין וואַך צו דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין לאַנד.

פון דעם אַלעם איז אָבער נישט געדרונגען אַז מען מעג מאַכן נישט באַגרינדעטע היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס בנוגע אַמעריקאַנער יידנטום מיט אַנדערע יידישע יישובים. פּעסימיסטן ווילן אונדז איבערצייגן אַז יעדער יידישער קיבוץ אין די תפוצות האָט זיך אַלע מאָל געענדיקט מיט אונטערגאַנג, און דעריבער וועט דער גזר־דין אויך נישט אויסמיידן דאָס אַמעריקאַנער יידנטום. ערשטנס, זיינען נישטאָ קיין אייביקייט־גאַראַנטיעס אפילו אין דעם אַלט־ביילאַנד ישראל, און צווייטנס, איידער מען מאַכט אַנאַלאָגיעס דאַרף מען זיך באַקענען מיט דער איצטיקער אַמעריקאַנער סצענע, מיט דער געזעלשאַפטלעכער און **פּאָליטישער** סטרוקטור, און מיט די ספּעציפישע באַדינגונגען אין אונדזער צייט. דערביי מוז מען אויך אין זינען האָבן אַז די פּאָזיציע פון אַמעריקאַנער יידנטום איז אַזאַ אַז זיין אונטערגאַנג אין דער נאָענטער צוקונפט וואָלט געמיינט דער אונטערגאַנג פון מדינת ישראל.

די דאָזיקע שוללי הגלות רוקן כסדר אַרויס דעם אַרגומענט אַז די אַמאָליקע יידישע קיבוצים האָבן פאַרמאָגט אינסטרומענטן פאַר יידישן קיום וואָס מיר אין אַמעריקע פאַרמאָגן נישט: אַן אינטענסיוו רעליגיעז לעבן, אַן אייגענע שפּראַך — יידיש, אָדער לאַדינאָ. זיי איגנאָרירן אָבער דעם קאַרדינאַלן פאַקט אַז ביז 1948 האָבן די תפוצות נישט זוכה געווען צו האָבן אַ יידישע מדינה, וואָס נישט געקוקט אויף אַלע אירע ראַנגלענישן מיט אויסערלעכע און אינערלעכע פּראָבלעמען, איז זי דאָך אַ צעמענטירנדיקער און נאַציאָנאַליזירנדיקער אינסטרומענט פאַר אַלע יידישע צעשפּרייטקייטן.

עס זיינען נישט גערעכט די דעמאָגראַפן וואָס שרעקן אונדז מיט נביאות וועגן דער צוקונפטיקער פאַרקלענערונג פון דער צאָל יידן אין אַמעריקע. זיי פאַרזען דעם פאַקט, אַז עס גייט אָן אַ כסדרדיקע אימיגראַציע פון יידן אַהער: פון סאָוועט־רוסלאַנד, פון איראַן, פון דרום און צענטראַל אַמעריקע, און אויך פון ישראל. דערצו פאַרקלענערט זיך נישט די געבורט־ראַטע אין אַמעריקאַנער יידיש־אָרטאָדאָקסישן סעקטאָר. פּאַקטיש מערקט זיך דאָ, אין די פּאַראייניקטע שטאַטן די זעלביקע טענדענץ ווי אין מדינת ישראל, ווו די פרומע ספרדישע עדות וואַקסן שנעלער ווי די וועסטערניזירטע אַשכנזישע יידן.

אָבער די אונטערגאַנגיסטן באַנוצן זיך אָפט מיטן געשריי: אַסימילאַציע! אַ באַגריף וואָס שליסט איין אַלערליי „זינדיקע", און וואָס האָט פאַרשידענע טייטשן, פאַר די פאַרשידענע ריכטונגען אין יידישן לעבן. אַזוי למשל, וועט ביי די וויליאַמסבורגער פרומע יידן, די אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקסיע מיט איר ישיבה־אוניווערסיטעט גילטן ווי אַ האַלב־אַסימירלירטע עדה, און מכל־שכן די רעפאָרם־יידן: ווי גאַנץ־אַסימילירטע; ביי די דאָזיקע אונטערגאַנגיסטן איז יעדער אָפּנייג פון מזרח־אייראָפּעישן יידישקייט־נוסח, אַסימילאַציע. זיי פאַרגעסן אַז אויך אין אַלטערטום און מיטלאַלטער זיינען די יידישע יישובים נישט געווען ענלעך איינע צו דער אַנדערער, און אוודאי נישט קיין קאָפּיע פון ארץ־ישראל.

אַסימילאַציע, האָבן יידישע דענקער אָנגעוויזן, האָט דריי סטאַדיעס: רעוואָלט קעגן ייד־זיין; גלייכגילטיקייט צום יידישן קיום, און אימיטאַציע, ס'הייסט נאָכמאַכן דער נישט־יידישער מערהייט, איבערנעמען אירע פירונגען. רעוואָלט קעגן ייד־זיין איז אומבאַדייטנדיק אין אַמעריקע. גלייכגילטיקייט צום יידישן המשך איז היינט־צו־טאָג דאָ שוואַכער ווי מיט פערציק יאָר צוריק. אפשר איז דאָס צוליבן דריטן חורבן וואָס האָט אָנגעצונדן דאָס לאַטענטע פינטעלע ייד, אָדער צוליבן אויפקום פון מדינת ישראל. אימיטאַציע ווידער, נאָכמאַכן דער נישט־יידישער מערהייט, מיינט נישט אַז ס'מוז דערפירן צו אויפלייזונג. עס קען אויך פירן און ס'דערפירט אַ סך מאָל צו אַפּירמאַציע, צו אַקצעפּטירן דעם נאַציאָנאַלן „איך" אין אַ נייער פאָרם. אויף דעם פענאָמען האָט ריכטיק אָנגעוויזן אחד־העם מיט ניינציק יאָר צוריק.

אין זיין עסיי: „אימיטאַציע און אַסימילאַציע" ווייזט אחד־העם אָן אַז נישט יעדער מין אימיטאַציע פון דער נישט־יידישער קולטור פירט צו אַסימילאַציע. „לאַנג איידער די העלעניסטן אין ארץ־

ישראל האָבן געוואָלט איבערנעמען די גריכישע קולטור אויפן פּלאַץ פון יהדות", שרייבט ער, "האָבן יידן אין עגיפּטן געהאַט אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט די גריכן, מיט זייער לעבן, זייער גייסט און פילאָסאָפיע. און דאָך באַמערקן מיר נישט ביי זיי קיין אויסדריקלעכע באַוועגונג לטובת אַסימילאַציע. פונקט פאַרקערט: זיי האָבן גענוצט זייער גריכיש וויסן צו באַווייזן דעם אמתן גייסט פון יהדות, צו ווייזן דער וועלט איר שיינקייט און פאַרטיידיקן זי קעגן דער שטאָלצער פילאָסאָפיע פון די גריכן. דאָס הייסט, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן פון אימיטאַציע... און מיט דער הילף פון דער אימיטאַציע, וואָס איר ערשטע סיבה איז געווען זעלבסט-פאַרלייקענונג לגבי אַ פרעמדן גייסטיקן כוח, האָבן זיי מצליח געווען צו באַנוצן דעם כוח כדי צו שטאַרקן די יהדות, אין אַריבערגיין פון זעלבסט-פאַרלייקענונג צו אַ קאָנקורענץ מיטן העלעניזם" (4).

אחד-העם קומט דעריבער צו דער מסקנא אַז די רעטונג פאַר יידישקייט ליגט אין אַ דריטן וועג — נישט אין סתם אימיטאַציע און נישט אין אַסימילאַציע, נאָר אין אַן אימיטאַציע פון אַ סאָרט קאָנקורענץ. אויב אַסימילאַציע וואָלט דערגרייכט די סטאַדיע פון גלייכגילטיקייט, און וואָלט דערגאַנגען ביז צו אַ פאַרלאַנג צו ווערן פאַרשלונגען אין פרעמדן לעבן, דעמאָלט וואָלט שוין נישט געווען קיין אינטערעס צוצופּאַסן די אייגענע קולטור צו מאָדערנע פאָדערונגען. דער נאַטירלעכער גאַנג וואָלט געווען זי צו לאָזן צורו ביז זי וואָלט פאַרשוווּנדן פון זיך אַליין, און דערווייל זאָל מען זי אָנהאַלטן אָן שום ענדערונג.

אַזוי למשל, ווען אַ ייד וויל ווערן אַ מיטגליד פון אַ גאָלף-קלוב דורך דעם וואָס ער וועט זיך פאַרשטעלן ווי אַ גוי, איז דאָס זעלבסט-פאַרלייקענונג, דעפּיטיטיש. אָבער ווען יידן שאַפן אַן אייגענעם גאָלף-קלוב ווערן זיי דורך דעם נישט אַסימילירט. ס'איז אַן אימיטאַציע דורך קאָנקורענץ (5). אויך רעפאָרם-יידישקייט האָט אָנגעהויבן מיט אימיטאַציע, און ס'האָט אויסגעזען, מיט פופציק יאָר צוריק, אַז זי מוז פירן צו שמד, צו פולשטענדיקער אויפלייזונג פון יידישן כלל. היינט זען מיר אַז רעפאָרם-יידן דיסקוטירן שוין וועגן גרינדן יידישע טאָג-שולן, און זיי זיינען אין זייער רוב ציוניסטיש געשטימט. ראַביי אַלעקסאַנדער שינדלער, זייער פירער, איז אַן איבערגעגעבענער פריינד פון דער יידישער מדינה. גערעכט איז דער היסטאָריקער גרשון קאָהען אַז די גרויסע תקופות פון יידישער שעפערישקייט זיינען אַלע מאָל געווען פּראָדוקטן פון דעם אַרויסרוף מצד אַסימילאַציע, און דעם אָפּרוף פון די יידישע פירער וואָס זיינען צום טייל אַליין געווען אַסימילירט. די פעיקייט זיך צוצופּאַסן צו נייע סיטואַציעס, און דערביי אָנהאַלטן אַ המשכדיקן קאָמפּאָנענט אין יידישקייט איז ביז אַ געוויסער מאָל פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יידישן קיום און וויטאַליטעט.

אין דער איצטיקער נאָך-חורבן עפּאָכע האָט די מערב-קולטור אויפגעהערט צו זיין אַן אַטראַקציע פאַר אַ סך האַלב-אַסימילירטע יידן, ווי זי איז עס געווען ביז דער צווייטער וועלט-מלחמה. יידישקייט איז נישט אַ משא, אַן עול פאַר אַמעריקאַנער יידן. די יידישע צענטערס אין די אַמעריקאַנער שטעט זיינען איצט אַ סך יידישלעכער, רייכער אין יודאַיקאַ-פּראָגראַמען ווי אַ מאָל. יידישע טאָג-שולן זיינען געוואַקסן אין צאָל, און אין איבער דריי הונדערט אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס זיינען איצט איינגעפירט געוואָרן יידישע קורסן. אויך די יידישע זומער-קאָלאָניעס (קעמפּס) זיינען געוואָרן יידיש-דערציערישע אינסטיטוציעס.

די אַלע אויסגערעכנטע אַנטוויקלונגען אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן פירן אונדז צו דער מסקנא אַז אין היגן יידישן קיבוץ גייט איצט יידישקייט באַרג אַרויף; אַז נישט געקוקט אויף די שאָטנדיקע זייטן — די אָפּגעשוואַכטע פּאָזיציע פון יידיש, געמישטע חתונות — איז די מערכה פון יידישקייט, אין ברייטסטן זין פון וואָרט, ביי הי-געבוירענע יידן, אַ סך בעסער ווי זי איז עס געווען פריער. עס זיינען דאָ פּערספּעקטיוון אַז דאָ וועט זיך אויסקריסטאַליזירן אַ יידישער נוסח-אַמעריקע וואָס וועט זיין נישט ווייניקער אויטענטיש, שורשדיק, ווי עס איז געווען נוסח-ספרד און נוסח-אַשכנז.

מאיר חרץ / ירושלים

# לידער

## דער בייזער גייסט

זיין חומר — שפּיציקע פעלדזן גראַניטענע,
זיין גייסט איז אַ לשון פון ווערטער צעשניטענע,
זיין פרייד — אַ יאַריד פון פאַרבן פאַרביטענע
און זאַלץ, וואָס שיט זיך אויף הערצער געליטענע.

זיין גאַנג ווישט אָפּ שפּורן פון גאָט אויסגעטראָטענע,
זיין טראָט ווי אַ שטיין אויף קערנער צעשאָטענע,
זיין קומען — אַ פּחד פאַר פרוכטן געראָטענע,
וואָס ער דערקלערט זיי פאַר פרוכטן פאַרבאָטענע.

זיין רום איז אַ כאַר פון לויבערס געדונגענע,
זיין גלאַנץ זענען שפּליטערס פון בעכערס צעשפּרונגענע,
צעפּלאַצטע געפילן היסטעריש צעקלונגענע
און ווי טוען ווי אים לידער צעזונגענע.

(ירושלים, מערץ, 1979)

---

דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ קען נישט געמאָסטן ווערן מיט מזרח־אייראָ־פּעישע, אָדער ישראלדיקע מאָסן. ס׳איז אַן אייגנאַרטיקער שבט אין פאָלק ישראל, אין וועלט־יידנטום, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ קיבוץ־גלויות פון אַלע עקן וועלט אין באַדינגונגען פון פרייהייט און פּלו־ראַליזם, וואָס זיינס גלייכן האָט די יידי־שע געשיכטע קיינמאָל פריער נישט גע־קענט. סימפּליציסטישע פאַרגלייכונגען מיט אַנדערע יידישע קיבוצים, און פרי־ערדיקע תקופות, קענען אונדז ווייניק אַרויסהעלפן. אונדזער הויפּט־דאגה און אָנשטרענג דאַרף זיך איצט קאָנצענטרירן אויף איבערגעבן די קומענדיקע דורות אַ וואָס גרעסערן עקסטראַקט פון אונדזער גייסטיקער ירושה, און ספּעציעל פון דער טויזנט־יעריקער מזרח־אייראָפּעישער תקופה.

## נאָטיצן:

1) A. J. Heschel: The Earth is the Lord's, pp. 26-28; Henry Schuman, N. Y. 1950

2) Harvard Encyclopedia of American Ethnic Groups, S. Thernstrom, Editor; pp. 78-86; Harvard University Press 1980.

3) "New York Times", Nov. 1, 1981.

4) כל כתבי אחד־העם; הוצאת דביר, תל־אביב, 1956, זייט 88־92.

5) Maurice Samuel: The Faith of Secular Jews, by Saul L. Goodman; Ktav Publishing, N.Y. 1976; pp. 249-56.

# דיין בלוט און דיין נאָמען

דיין בלוט ווערט פֿאַרהיט פֿון זיין זאָמען,
איז נעם עס אַריין דיר אין קאָפּ,
פֿאַרהיט נישט דעם גלאַנץ פֿון דיין זאָמען,
די טאַטן פֿון בלוט היט אָפּ.

פֿאַרהיט נישט פֿון נאָמען די קלאַנגען,
זיי היטן זיך אָפּ אַליין
אין אַנדערע ווערטער געפֿאַנגען,
אין שטייג פֿון אַן אַנדערן מיין.

און אויב דער קלאַנג בעט פֿאַרפֿירן
דעם טאַט און דעם רום פֿון דיין בלוט
צו עפּעס אַ גנבֿס געהירן
באַצירן מיט טראַלדן זיין קנוט,

באַדויער און וויס, אַז אייביק
גנבֿים קומען צום שניט,
האָסט אָנגעהויבן זייען — פֿאַרענדיק!
ווי איך פֿאַרענדיק דאָס ליד.

(ירושלים, 1980)

# וואָס גייט מיר אָן?

וואָס גייט מיר אָן דאָס ווילדע בלוט
פֿון אומדאַנקבאַרן בייזן שכן,
צי שרייבט ער שלעכט, צי שרייבט ער גוט,
צי האָט זיין ווייבל וואָס צו קאָכן?

וואָס לעב איך איבער, ווען ער פֿאַלט
און כ'לייג אים אונטער ווייכע קישן
און זאָרג, עס זאָל נישט זיין אים קאַלט
און ליכט זאָל שיינען אויף זיין טישל?

אַז טאָג ווי נאַכט פֿאַר אים איך זאָרג,
צעשטעל זיין בילד אויף אַלע וועגן,
עס טרעפֿט אַ מאָל אַ גראַם איך באָרג
ביי אַנדערע פֿון זיינעט וועגן.

מיט טינט פֿאַרזאָרג איך אים די פֿען
און שרייב אים צו מיין בעסטע שורה
און זיין גאונות כ'אָנערקען
דע פֿאַקטאָ און דע יורע.

איך פֿרעג אַליין זיך: צוליב וואָס
איך דאַרף דאָס בייטן זיך מיט בעמען,
זיך אויפֿצוגייען לויט יענעמס מאָס
און שטענדיק אָנטאָן זיך אויף יענעם?

און ענטפֿער זיך אַליין און זאָג:
ווייזט אויס, איך דאַרף עס האָבן נייטיק
אויף אים זיך אָנטאָן ווי אַ ראָק
און זיך, זיך אויסטאָן פֿונעם ווייטיק.

(ירושלים, דעצעמבער, 1981)

# מיטן אויסמעקן

כ'ווייס, דו גייסט מיין הויז צעוואָרפֿן,
אויפֿשטעלן פֿון דעם אַ נייס.
מיינע ציגל טוסטו דאַרפֿן,
וואָס דו האָסט זיי אָפּגעווייסט.

אַז מ'זאָל זיי נישט דערקענען
און נישט וויסן ווער און וואָס
און מיין נאָמען ווילסטו פֿאַרשעמען,
מאַכן נידעריק ווי גראָז.

גראָז וואָס קלייבסט זיך צו צעטרעטן
מיט דיין אומפֿאַרשעמטן טראָט,
פֿון די ציגל פֿון מיין שטעטל
בויסטו דיר אַ הויז אין שטאָט.

מיינסט אַז מיטן איבערשטעלן
טיש און בעט, וואָס האָסט פֿאַרמישט,
מעגסטו שוין דיין נאָמען שטעלן
אויף מיין בעט און אויף מיין טיש.

ס'וואַקסט אַ גאָרטן פֿון די זאָמען
פֿון מיין מאַרך און פֿון מיין קראַפֿט,
מיטן אויסמעקן מיין נאָמען
האָט אויך דיינער נישט קיין האַפֿט.

(ירושלים, אויגוסט 1979)

בלומע לעמפּעל / ניו־יאָרק

# געראַטעוועט אַ נשמה

ער איז געזעסן מיטן קאָפּ געבויגן ביז אַרונטער צום האַרצן. ער האָט זיך אײַנגעהערט צו דעם יונגן רבי וואָס איז געשטאַנען בײַם שטענדער און מספּיד געווען די פרוי וואָס איז שוין געלעגן פאַרקלאַפּט אין אַ פּריש לאַקירטן קאַסטן.

דער יונגער רבי מיט דער יאַרמולקע אויפן שפּיץ קאָפּ, מיטן צוגעשוירענעם בערדל, האָט די פאַרשטאָרבענע פרוי ניט געקענט. אַלץ וואָס ער האָט געוווּסט וועגן איר — איז געווען דאָס וואָס מ׳האָט אים געזאָגט מיט אַ פערטל שעה פאַר דער לוויה. אײגנטלעך איז דאָס אויך נישט נייטיק געווען. ער האָט געקאָנט דעם מאמר פון אויסנווייניק. ער האָט זיך בלויז געניטיקט אין אַ פּאָר טרוקענע פאַקטן; ווי עלטער, שטאַנד, קינדער, אַ מאַן? דאָס איבעריקע איז שוין געווען סטאַנדאַרט.

אויפן שטענדער פאַר אים איז געלעגן אַן אָפן ספר. כדי אויסצופילן די דרײַסיק מינוטן, האָט ער צווישן איין פּיקטיוו בילד און אַ צווייטן אַרײַנגעבראָקט פּראַזן פונעם אָפענעם ספר, וואָס קיינער פון די אַנוועזנדע האָט במילא ניט פאַרשטאַנען. ער האָט גערעדט וועגן אַן אשת־חיל וואָס האָט געווידמעט איר לעבן פאַרן וווילזיין פון דער משפּחה. זי איז געגאַנגען אויפן דרך פון איר מאַמען, פון איר מאַמעס מאַמע און די מאַמעס פאַר זיי, ביז צוריק צו שרה, רבקה, רחל און לאה. זי האָט געצויגן דעם פאָדעם מיט גרויס אחריות און מיט דער זעלבער אַחריות אים איבערגעפלאַנצט אין די הערצער פון אירע קינדער לדור דורות.

דער מאַן וואָס איז געזעסן אויף דער לעצטער באַנק אַליין, האָט געהאַלטן זיין רעכטע האַנט אין בוזעם־קעשענע, פּונקט אויף דעם אָרט ווו עס האָט גערוט דאָס דינע העפטל לידער געשריבן אין גראַמען. ער האָט דאָס העפטל פאָרזיכטיק אַרויסגענומען, עס אַוועקגעלייגט אויף די קני, אויפגעמישט דאָס ערשטע זייטל און מיט גרויס פּיעטעט איבערגעלייענט: „פון מיר צו דיר, מיט ליבשאַפט.“ איר בילד איבער דעם געשריבענעם האָט אַרויפגעקוקט צו אים. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר יונגן פּנים, אַ גלעט געטאָן די פינגער וואָס זי האָט געהאַלטן אויף איר ברוסט — און צו דער זעלבער רגע דערפילט ווי אַ האַנט האָט אָנגערירט זיין אַקסל. ער האָט נאָר האַלבוועגס איבערגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט זיך ניט געניטיקט צו זען, ער האָט געוווּסט וועמעס האַנט דאָס איז. ער האָט זי דערקענט אין דער אײדלקייט, אין דער שפּילעוודיקייט פון באַריר. די האַנט האָט זיך געגליטשט אַרויפצו צום אויער און ווי אַ ים־מושל אָנגעלאָדן מיט סודות, האַסטיק אַ שעפּטש געטאָן: „טרעף ווער דאָס איז?“

ער האָט זיך ניט געניטיקט צו טרעפן. איצט, פּונקט ווי אַמאָל, האָט ער געוווּסט ווער זי איז, ער האָט געוווּסט לויט דעם ציטער פון האַרצן, לויט דעם ווי די האָר האָבן זיך אים געשטעלט קאַפּויער. ער האָט אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבערן אויער און די מושל האָט זיך אָפּגעטאָן. די שטים וואָס ער האָט איצט געהערט איז געקומען פון אַן אַנדערן מקור, אַ טיפקייט וועלכע ער האָט מיט דער האַנט ניט געקאָנט אַוועקמאַכן. „מאָריס“, האָט די שטים געזאָגט, „גיי אַרויף און זאָג עפּעס, עפּעס וואָס איז נוגע מיך, ניט דעם סטערעאָטיפּ וואָס האָט מיט מיר ניט קיין שייכות. ווער מער ווי דו ווייסט ווער איך בין, וואָס דאָס לעבן האָט געמיינט פאַר מיר? דער מאַן וואָס רעדט דאָרט, רעדט וועגן עמעצן, אפשר זיין מאַמע, זיין באָבע, אָדער גאָר אַרויסגענומען פון אַ טעקסט־בוך? דו מאָריס, וואָס האָסט געקאָנט מיין יחידישן איך, געקאָנט מיין נשמה, געוווּסט אירע ראַנגלענישן, איר פליען און איר פאַלן — דו גיי אַרויף און זאָג עפּעס; זאָג עפּעס פאַר איר, פאַר דער נשמה מיינער. פאַר מיין גוף דאַרפסטו שוין ניט זאָרגן. דער גוף איז שוין אַ באַרויקטער, אויסגעברענט אַלע ליידנ־

שאַפטן, אויסקרענקט אַלע חולאתן; זי אָבער, די נשמה מיינע, וויל ניט אָפגעבן אירע לעגיטימע פליגל. זי וויל אַ תיקון, מאָריס. זי ציט נאָך אַלץ צו די פאַרבלענדענישן צו וועלכע מיר האָבן זיך געבוקט. זי איז נאָך אַלץ באַצויבערט פון די עפעמערישע חלומות וואָס באַגלייטן דעם מענטש פון דאָרטן אַהער.

איצט, ווען דער געדרייטער וועג האָט זיך אין גאַנצן איבערגעריסן, באַשטייט זי אויף איר רעכט ווייטער אָנצוגיין. באַפריי זי צו איר גורל, מאָריס. ראַטעווע זי פון אונטערגאַנג. טראַכט ניט, מעסט ניט, זוך ניט קיין לאָגיק. דער וואָס האָט פאַרטראַכט דאָס לעבן און דעם טויט, האָט זיין אייגענע אויסרעכענונג... אייל זיך מאָריס איידער עס ווערט צו שפעט. אַ שווערער נעפל הענגט איבער מיר. איך פאַל אונטער זיין דרוק. מיר דאַכט איך הער דאָס קול פון קדיש, נאָר איך ווייס ניט ווער עס איז דער מת. איך ווייס אויך ניט צי דו ביסט זי — אָדער זי איז דו? וואָס העכער דער יתגדל — אַלץ טיפער זינק איך... אייל זיך, מאָריס, אַנטפלעק מיין איך — און ראַטעווע די נשמה...

דער מאַן האָט געעפנט די אויגן. ער האָט געזען ווי דער זעלבער יונגערי רבי איז שוין מספיד אַן אַנדערן בר־מינן: „איש תם וישר", הערט ער אים זאָגן. ער ליגט אַריין דאָס העפטל לידער אין בוזעם־קעשענע און שלייכט זיך אַרויס פון טויטן־הויז.

אין דרויסן האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. אַ מאַרצאָווער רעגן האָט אים געפאַרסקעט אין פנים. „דעם מלאך המות' הויך־סעזאָן!" טראַכט ער. „די ערד באַפרייט זיך פון די שיברי־כלים, גרייט אויפצונעמען ניי לעבן, וואָס אַן אַנדערער דור וועט באַלד פאַרדעקן. אַלץ וואָס לעבט מוז שטאַרבן", פילאָסאָפירט ער גייענדיק מיט דריבנע שפאַן אונטערן קאַלטן רעגן. די וועלדער, די פעלדער, די בערג און טאָלן, די טייכן און ימים — אַלץ וועט פאַרגיין. די ערד וועט בלייבן הענגען אויפן זוים פון צייט, ווי דער טויטער וואַלפיש אויפן זאַמדיקן ברעג, מיט בלינדע אויגן געווענדט צו דער אייביקייט.

מיט דעם בילד פאַר די אויגן איז ער אַריין אין דער קאַפעטעריע וווּ זי און ער פלעגן זיך אָפט טרעפן. ער האָט אָפגעזוכט דאָס טישל וווּ זיי האָבן ליב געהאַט צו זיצן, און באַשטעלט אַ טעפל קאַווע און אַ בייגל מיט לאַקס. פון די פאַפירענע רויזן אויף דער וואַנט זענען די קרוינבלעטלעך געפאַלן — און פאַלנדיק געוווּנקען ווי פינגער פון אָפשייד. ניט ווילנדיק הייבט ער אויף די האַנט און ווינקט צוריק . . .

„און איך האָב געמיינט אַז דו גלייבסט ניט אין נשמות", הערט ער דאָס קול פון אויסגעליידיקטן רויזן־בעכער. און שוין זיצט די נשמה קעגנאיבער אים און קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין. „איך וואָלט גערן געבליבן מיט דיר, מאָריס. דו ווייסט דאָך אַוודאי אַז דאָס איז דער ווייבערשער יאָרהונדערט, מוז איך אונטערשטעלן אַן אַקסל צו דער שפיל. באַזונדערס וואָלט דאָס ניט געווען עטיש. דו מוזט פאַרשטיין אַז איך בין ניט פון די נשמות מיט וועלכע מ'גייט פון וויגל צום גרוב. איך בין וואָס מ'רופט אַ נשמה־יתרה, אַ צוגאָב נשמה, אַזאַ וואָס מ'פלאַנצט איבער, ווי למשל אויגן, הערצער; אויך נשמות נוצן זיך אָפ, פאַרלירן דעם זין פון זייער באַרוף — דעמאָלט קום איך ממשיך זיין דאָס וואָס דער בעל־דבר האָט פאַרלוירן. דו שמייכלסט, העי? גלייבסט ניט דיינע אייגענע אויערן. זעסט דאָס מיידל דאָרט ביי דער טיר? זי איז מיין קומענדיקע אונטערנעמונג. דו גלייבסט נאָך אַלץ ניט? זעסט ניט ווי זי קוקט אויף מיר מיט אַזאַ געבעט אין די אויגן?"

„איך זע ניט."

„קוק אַריין אין שפיגל וועסטו זען. זי איז נאָר וואָס שטעקן געבליבן אין מדבר. זי האָט פאַרמישט דעם קאַלענדאַר, פאַרבלאָנדזשעט אין צייט. זעסט ווי אירע ליפן ציטערן מיט תפילה. זי ווייסט ניט אַז עשתורת איז שוין פון לאַנג אַ שטיין. זעסט ווי זי האַלט די פינגער צעשפרייט, ווי זי וואָלט געדוכנט אין בית המקדש?"

„איך זע גאָרניט."

„דו דאַרפסט ניט זען. זי זעט. איך זע. אין איר דמיון איז זי די מלכה שבא אויפן וועג צו דעם קלוגסטן, דעם שענסטן, דעם מעכטיקסטן מלך בן מלך. זי איז איבערגענומען מיט איר אייגענעם

רייץ. כוואַליעס פון לײַדנשאַפט רוישן אין איר בלוט. די הייסע מדבר בריט איר לײַב. דער ווינט רײַסט איר שלייער, דעקט אָפּ איר פּנים, פּילט אָן אירע אויגן מיט זאַמד. זי ווייסט נאָך ניט אַז איר געוויינלעכע נשמה האָט דעם דרוק ניט אויסגעהאַלטן. זי ווייסט אָבער יאָ, אַז זי מוז וואַרטן. האַלט זי די אויגן צוגע־מאַכט. זי וואַרט. זי וואַרט אויף מיר, איך זאָל זי פירן צו איר גורלדיקן ציל...

„איידער איך האָב זיך באַקענט מיט דער וועמענס בילד דו טראָגסט פאַר־שטעקט אונטער דײַן מאַרענאַרקע, האָט זי אויך אַזוי אויסגעזען ווי אָט דאָס מיידל: אַזוי בלאַס, פאַרלוירן, צוגענאָגלט מיט אַלע גלידער צו אײַנגעשטעלטע כללים. יעדער ריר האָט איר געקאָסט בלוט. איך האָב נאָר וואָס זיך געזעגנט מיטן גוף פון אַ דאַמע פאַר וועמען איך האָב שוין קיין סך ניט געקאָנט אויפטאָן. זי האָט דער־טרונקען איר נשמה אין קנייפּעס. זי איז גראָד געווען אַ פײַנע מאָלערין. אירע סוזשעטן זענען געווען גאַסן־מיידלעך ביי די טויערן פון פאַרלאָזטע הייזער. נאָך אַ טאָג מאָלן און אַ האַלבע נאַכט שיכורן, האָט זי ליב געהאַט צו פאַרבייסן מיט אַ ליבע אונטערן פרייען הימל. ניט ער האָט געוווּסט ווער זי איז — ניט זי האָט געוווּסט ווער ער איז. איין מאָל האָט אַזאַ בחור אונטערן אײַנפלוס פון 'מלאכים־שטויב', איר דעם האַלדז איבערגעשניטן."

„נאָך וואָס דערציילסטו מיר די אַלע מעשׂיות?"

„ווײַל איך וויל דו זאָלסט וויסן, אַז איך בין צו די שטעקן געבליבענע אין זאַמד — דאָס וואָס די שלעפּ־מאַשין איז צום אויטאָמאָביל. אויך דו מאָרים בײַטיקסט זיך אין אַ שטופּ. קענסט ניט שווימען, פּרוּווט מען פליען — פון דער הייך איז די פּערספּעקטיוו בעסער. „אַפּיזן" די נשמה מיט אַ בייגל און לאַקס — איז ניט גענוג! מוזט נעמען די שפּיל אַליין אין די הענט אַרײַן...

„איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך וואָלט גערן געבליבן מיט דיר, נאָר אַזוי ווי איך בין בטבע אַ פלאַפּלער, וואָלט ניט געווען עטיש אויסצופלאַפּלען וואָס זי האָט געטראַכט וועגן דיר, וואָס זי האָט געפילט וועגן דיר — דעריבער וועלן מיר זיך גע־זעגענען טאַקע איצט, שוין. דאָס מיידל וואָס איז געבליבן שטעקן אין דער מידבר — וואַרט. זעסט ווי זי קוקט אויף מיר, שטרעקט אויס די האַנט, ווי דער טרינק־קענדיקער צו דער לעצטער שטרוי?"

„נאַרישקייטן! ווי אַזוי קאָן זי זען אַזאַ פענאָמענאַלע דערשײַנונג ווי אַ נשמה?"

„וואָס הייסט ווי אַזוי? ווי אַזוי זעסטו דעם בייגל מיט לאַקס, דאָס טעפּעלע קאַ־ווע? אַלץ איז רעלאַטיוו, מײַן פרײַנד. עס געווענדט זיך אין די סיגנאַלן וואָס קומען צו דיר פון אונטער דעם פּאַרוק. זיי דיק־טירן דיר ווען צו הונגערן נאָך אַ בייגל מיט לאַקס און ווען נאָך אַ פרוי וואָס שרייבט ליבע־בריוועלעך אין גראַמען... וואָס הייסט מען זעט ניט? אַוודאי זעט מען. עס ווענדט זיך אין קוקער ווי אַזוי ער באַנעמט דאָס געזעענע, אָדער בעסער געזאָגט, דאָס אומגעזעענער."

„קאָן מען דיך פרעגן אין וואָס דײַן פונקציע באַשטייט?"

„מײַן פונקציע איז צו סטימולירן דײַנע פונקציעס."

„און ווער סטימולירט דיך?"

„פאַראַן אַן העכערע אינסטאַנץ. ניטאָ מער קיין צײַט וועגן דעם צו רעדן. טאָ זײַ־זשע מיר געזונט. פאַרגעס ניט דעם בייגל מיט לאַקס. איין ביס און דער טעם קומט צוריק. איך וויל זאָלסט וויסן, מײַן פרײַנד, אַז אַפילו אַ סטימולאַטאָר בײַטיקט זיך צומאָל אין אַ סטימולאַנט"...

וועגן אַלע רעדאַקציע ענינים פון „חשבון"
זיך ווענדן צו:
SOL SCHLOSSER
1108 South Clark Drive Los Angeles, Calif. 90035

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אַניואיטי פאנד

**איר קענט האָבן**

**אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן**

**מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל**

**עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן**
**אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה**
**און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!**

**שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט**
**פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:**

סטענפאָרד דויטש, קאָונסיל פּרעזידענט • טעלעפאָן: 655-8100

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

# JEWISH NATIONAL FUND

WESTERN REGION, JEWISH NATIONAL FUND

**6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048**

***Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.***

Name..............................................................................................

**Address**.......................................................................................

**City**.................................................................Zip Code.............................

ד״ר ישראל שטערן / מאָנטרעאל

# יעקב י. מייטליס: פון וויטן אַמאָל ביזן היינט

יעקב י. מייטליס איז נישט קיין פּנים חדשות ביי אונדז. אין לעצטן נומער „חשבון" (99) האָט ער אונדז מהנה גע־ווען מיט אַ לוסטריזע איבער די פּיזיש־רוחניותדיקע לאַנדשאַפטן פון מיטלאַל־טערלעכן יידישן פראַנקרייך. ער באַלעבט פאַר אונדז די סביבה, דעם ציבור, און די פּערסאָנאַזשן פון וועמענס מויל מיר לעבן נאָך טיילווייז בזמן הזה, סיי דורך זייער תורה, סיי דורך די שפּורן וועלכע זיי האָבן געלאָזן אין יידישן לשון.

אין מאַי־יוני „צוקונפט", 1982, וויזט ער אונדז דעם ברעג פון אַ געשטריקטן סערוועט וועגן דער יידישער ליטעראַטור. דער צוזאַגנדיקער אָנהייב רייצט דעם אַפּעטיט צו געניסן פון גאַנצן פאַרענ־דיקטן פאַרשפּרייט.

ר' יעקב איז פון דעם שניט ייד וואָס מען פלעגט ביי אונדז רופן: „תורה, סחורה און געפּוצטע שטיוול." משמע, אַז ער איז בקי און אויסגעבונדן אין גפ"ת, ראשונים, אחרונים, שו"ת, חסידות, ח"ן, און קריקוועגס — תנ"ך און מדרשים; 'סחורה', מיינט דאָ אייגנטלעך — וועלט־לעך וויסן, מיט גרויסע אויפטוען אין באַנוצן עס ביים פאַרשן און דאַביוועז אונדזערע אַלטע קוואַלן, און ברענגען זיי צו דער ליכטיקער שיין אין אַ יידיש, אָדער עברית, לבוש; 'געפּוצטע שטיוול', בין איך מפרש, ווי מידות און מאַנירן געבונדן מיט אויסטויגלעכקייט צו דיס־ציפּלינירטער עפעקטיווקייט. ביי אונ־דזערע צעבראָכטעטע, געוועזענע ישיבה און בית־מדרש בחורים, איז עס פון די זעלטנסטע אייגנקייטן.

דאָס דערקלערט זיין ראָלע ביים אויפ־האַלטן אַ ניצוץ פון יידישער קולטור טו־אונג און אייגנוועדע אין די ערשטע יאָרן פון נאַצי־רעזשים אין דייטשלאַנד; זיין אָנטייל אין די אַקטיוויטעטן פון הילף און הצלה; און זיינע שפּעטערדיקע טו־אונגען אין ענגלאַנד, פאַר און בשעת דעם אַנטי־נאַצי קריג.

מרגלא בפומיה דר' יעקב, אָנצוהענגען אויף אונדזערע באַליבטע שרייבערס דעם טיטל — „בר הכי". לדוגמא: „אָפּאַטאָשו דער בר־הכי" (ז. 356). ר' יעקב גופא איז פון אונדזערע געציילטע, אָפּגעניגלטע בר־הכיס — פון די שרידי מזרח־וצענט־ראַל־אייראָפּע, וחכמיה.

ווי נאָר מען איז טועם פונעם בוך, פאַרזוכט מען דעם געשמאַקן, זאַפטיקן, לומדישן יידיש, באַווירצט מיט חנעוודי־קע סלאַוויזמען און לאָקאַליזמען. איך האָב זיך דערקוויקט מיטן אַלטן באַליבטן „בילע־וואָס", אין „זיך געכעסט און גע־שלאָגן מכות־רצח פאַר בילע־וואָס" (ז' 295). טשיקאַווע־ניי האָט מיר געקלונ־גען, 'פאַרשלעכטערט', זייט ביי זיי מיטן כלל־באַנוצטן 'פאַרערגערט'. אויף אַריינ־לאָזן זיך אין דיקדוקים פון זיין לשון, פאָדערט זיך אַ באַזונדערע אַרבעט. איך רעקאָמענדיר מיינע פריינד, די זוכערס פון שפּראַך־ראַזשינקעס, אַט די דאָזיקע ספּיזשאַרניע פון „געשמאַק זאַפטיק יידיש לשון", וואָס מ'הערט אַלץ זעלטענער ביי אונדז.

יעקב י. מייטליס לאָזט זיך צום בעסטן דערקענען אין דעם אַפּטייל, „זכרונות און באַגעגענישן". גאָר אינטערעסאַנט און רייך באַשריבן איז זיין מלמד, ר' אַלטער וולאָטשעווער. אַן עכאָ פון נאָסטאַלגיע נ אָך אַזאויף אייביק אויסגעזעגטן עבר, הענגט איבער דער באַשרייבונג פון דער מיליע אין און אַרום דעם שטעטל „מאָנ־דזשעוו, נאָענט צו סאָסנאָוויצע, אויף דער גרענעץ פון קירהס גאַליציע און דעם דייטשישן אויבערשלעזיע." מיר באַגע־גענען דאָ די קאָנטראַסטן און זיווגים פון גער־אַלעקסאַנדער, גרויסשטאָט און פאַר־וואָרפענער העק, גרויס־ייחוס, נגידיש־קייט (תמרל, ר' שמואל זביטקאָווער, די בערקסאָנס), און צניעותדיקע חלומות פון שטילע נשמות. דער אָפּשטאָם און די סביבה האָבן געכאָוועט אַ שרייבער איינ־פאַטענץ. אַ שאָד וואָס דער יונגער מייט־ליס האָט זיך געלאָזט באַווירקן פון דער קילער אויפנאַמע ביי קאַצענעלסאָנען און בראָדערזאָנען. עס איז בלי־ספק דאָס גע־

ווינס פון דער יידיש־און־יודאַיקאַ פאָר־
שונג, אָבער דער הפסד פון דער יידישער
בעלעטריסטיק. דאָס קאַפּיטל יוגנט־
זכרונות, „שימעק", איז אַ ראיה לדבר.

אגב אורחא, דערוויסן מיר זיך, אַז דאָס
איז די סביבה פון וואַנען ס'איז אַרויסגע־
וואַקסן זלמן מערקין, דער באַוווסטער
מאַקס עריק. ווען מייטליס איז צו גאַסט
אין ראַדעם, אין 1918, באַגעגענען מיר
דורך אים דעם גאָר סימפּאַטישן דוד
איינהאָרן, וועלכער דערמוטיקט אים אויף
זיין „וועג... אין דער יידישער ליטעראַ־
טור". דער קאָנטאַקט איז ווייטער אָנגע־
האַלטן געוואָרן בכתב. אַ דיפּלאָמירטער
שוין, טרעפט זיך ד"ר מייטליס, דער
פאָרשער, מיט איינהאָרנען, אין די 30ער
יאָרן, אין פּאַריז. אויך דעמאָלט טוט ער
אים מקרב זיין צו דער יידיש־סביבה.

פאַרוואָס דאָס זאַגלעמביער בחורל,
יעקב, ראַטשקעט זיך אַוועק אַן אַ זייט
פונעם ברויזנדיקן קעסל פון ציוניסטיש־
סאָציאַליסטישע יוירונגען, בענקשאַפטן
און האָפענונגען, בעת דער ערשטער
וועלט־מלחמה, און הייבט אָן אין 1921
„שטודירן יידישע לימודים אויף דער
'האָכשולע פיר די וויסנשאַפט דעס יודנ־
טומס'", דערקלערט ער אונדז אַליין:

„אין די נאָך מלחמה־יאָרן בין איך
אַוועק קיין בערלין לערנען. מיין דור,
ווי דער קודמדיקער, האָט אויך געזוכט
אַ סינטעז פון תורה און מאָדערנע
וויסנשאַפט. רוישיקע עסקנות, פלאַמי־
קע רייד, וואָס האָבן פון תמיד געצונדן
דעם ברייטן עולם, זענען מיר נישט
געווען צום האַרצן. מיך האָט געצויגן
נישט דער האַרמידער פון גאַס מיט
זיינע לאָזונגען, נאָר דווקא דאָס ציכ־
טיקע און שטילע אין דער התגלות פון
מענטש אין אַלע זיינע גייסטיקע מאַני־
פעסטאַציעס. און אין בערלין האָב איך
דעמאָלט געפונען אַן אָנשפּאַר און אַן
אחיזה פאַר מיינע נטיות און זוכענישן.
עס איז געווען דער עבר מיט זיין תמ־
צית און קולטור־עשירות וואָס האָבן
צעוואַרעמט מיין געמיט, און דערפאַר
זיך גענומען עוסק זיין אין לימודים פון
שפּראַך, געשיכטע און ליטעראַטור,
וואָס האָבן צעוואַרעמט מיין געמיט, און
דערפאַר זיך גענומען עוסק זיין אין
לימודים פון שפּראַך, געשיכטע און
ליטעראַטור, וואָס פון זייער ירושהדי־
קייט ציט איך נאָך ביזן היינטיקן טאָג
מיין יניקה."

די גרויסע השפּעה פון ד"ר לעאָ בעק,
צו וועמען מייטליס האָט דערפילט אַ
"מענטשלעכע קרובהשאַפט", זעט זיך אָן
אין ר' יעקבס דרך פון אויסטייטשן אַ
פּרשה חומש, אָדער אַ קאַפּיטל פּסוק.
מייטליס איז אָבער מער יידיש מזרח־
אייראָפּעיש פון זיין רבין. כאָטש דער
פויזנער קאַנט, פון וועלכן בעק האָט גע־
שטאַמט, איז היסטאָריש פּוילן, האָט זיך
אָבער די 150 יעריקע פּרייסישע גרענעץ
פאַרוואַנדלט אין אַ יידיש־גייסטיקער
דעמאַרק־ליניע.

אין בערלין ווערט מייטליס אַן אַריינ־
גייער ביי חיים אַרלאָזאָראָוו, וועמענס
שטוב „האָט מאַגנעטיש צוגעצויגן אַ ריי
אינטעלעקטואַלן, באַקאַנטע שרייבערס
און פּאַרטיי־חברים.

אין דער מייטליס „משפּחה האָט גע־
לעבט אַ שטיקל ביאַליק־טראַדיציעס...
אין שייכות מיט דער ביאַליקס לערער־
שאַפט אין סאָסנאָווצע ביים סוף פון פאַ־
ריקן יאָרהונדערט." משה מייטליס, יעקבס
פעטער, איז געווען „צווישן די חשובע
בעלי־בתים... וואָס האָבן געלאָזט לער־
נען זייערע קינדער העברעיש ביי ביאַ־
ליקן." יעקבן האָט דעריבער געצויגן,
אפשר מער פון אַנדערע, צו באַגעגענען
זיך מיט ביאַליקן, „וועלכער איז דעמאָלט
אָנגעקומען פון סאָוועט־רוסלאַנד." די באַ־
געגעניש, אין האַרבסט 1921, איז באַ־
שריבן מיט אָפּשיי, ליבשאַפט, און סענ־
סיטיווער פאַרשטענדעניש פאַר דער
פּסיכאָלאָגיש קאָמפּליצירטער געשטאַלט
פון דיכטער. ענלעכעס ווערט דערציילט
וועגן די שאַרפע בייטענישן אין פּרצעס
געמיט־צושטאַנד. אגב, איז געווען אַ
גייסטיקע קרובהשאַפט צווישן די ביידע
קינסטלערס, כאָטש אַנדערע איז געגאַנ־
גען אין לעבן אָנצומאַכן בייז בלוט
צווישן זיי. מייטליס פאַרצייכנט ווי ביאַ־
ליק איז אַנטלאָפן פון כבוד ווען מען האָט
אין בערלין אין 1923, געפייערט זיין
יובל. קען מען זיך עפּעס אָפּלערנען דער־

פון, פאַר אונדזערע טעג? אָדער, היינט האָבן שוין יידישע שרייבערס נישט פון וואָס צו אַנטלויפן. קיין כבוד יאָגט זיי חלילה נישט נאָך...

מייטליס איז אַ גרויסער באַוואונדערער פון אָפּאַטאָשון דעם שרייבער, דעם בר־הכי, דעם ערודיט, דעם פאַראינטערעסירטן אין, און מבין אויף, מייטליסעס אויפטועו אין דער פאָרשונג פון אַלט־יידיש. ער ווייזט אונדז אויך אָפּאַטאָשוס גרייטקייט צו טיילן זיך מיט נויטבאַדערפטיקע שרייבערס (זיין פאָרלייג צו שענקען שטענצלען דעם גאַנצן האָנאָראַר פאַר די איבערזעצונגען פון זיינע ווערק אויף דייטש). אָפּאַטאָשו איז להוט איבערגעזעצט צו ווערן אויף דייטש — שוין אונטערן נאַצי־רעזשים — אַזוי שפּעט ווי 1935. ער איז בכלל להוט נאָך איבערזעצונגען. ער באַרימט זיך: „מיינע ווערק זענען איבערגעזעצט אין אַ סך (!) שפּראַכן. איך האָב ביי מיר 15 איבערזעצונגען פון מיינע ביכער.“

פון דעם בריוו אויסטויש אָפּאַטאָשו־מייטליס, 6-1935, דערוויסן מיר זיך פיל ליטעראַרישע און קולטור־נייעסן פון יענער צייט. למשל, נאָך אַ געשריפטס פון צינבערגן, קאָמענטירט אָפּאַטאָשו: „ביי טאָג, כעמישע פאָרמולעס, און ביינאַכט, אין שלאָף, קומט אים צו חלום מולכו.“ אַרויסנעמען שטענצלען פון דייטשלאַנד קיין אַמעריקע וועט נישט העלפן. „אין ניו־יאָרק קען ער פאַר אים גאָרנישט טאָן: ’ס'דרייען זיך אַרום דיכטערס, וואָס שטאַרבן פון הונגער‘.“

מייטליס האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט צווישן פוילישע יידן אין דייטשלאַנד אונטערן נאַצי־רעזשים. פאַרפאָלגט פון געסטאַפּאָ, באַשליסט ער, אין 1936, צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד. דורך דער באַמיאונג פון אָפּאַטאָשון, פאַרבעט אים דער יידישער פּען־קלוב אָפיציעל קיין אַמעריקע. אויפן סמך פון דער פאַרבעטונג, באַקומט ער אַן אַמעריקאַנער וויזע. בינו לבינו, לייגט מען אים פאָר די שטעלע פון עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון לאָנדאָנער ביוראָ פון וועלט־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן. קלייבט ער בעסער אויס די לאָנדאָנער ברירה, וואָס דאָס דערמעגלעכט אים צו ראַטעווען זיין פרוי און זון. די לאָנדאָנער שטעלע האַלט ער אָן בלויז אַ קורצע צייט, אָבער ער פאַרבלייבט שוין אַ לאָנדאָנער תושב ביז היינט. אויף צוריקוועגס פון דער ייקוף־קאָנפערענץ, אין אין 1937, טרעטן אָפּאַטאָשו און לייוויק אָפּ אין לאָנדאָן. דעמאָלט באַגעגנט זיך מייטליס מיט ביידן פנים אל פנים.. דאָס צווייטע מאָל, באַגעגנט ער אָפּאַטאָשון אין 1948, ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק, און קריגט פון אים אַ מילדן אויסרייד, למאי האָט ער אָפּגעגעבן אַזאַ פּעסימיסטישן גרוס וועגן מצב פון יידיש קולטור אין לאָנדאָן. משמעות, אַז מען וויל, אין אַלע צייטן און אומעטום, דעם אמת אַ ביסל פאַרפּוצן און שענדן. דאָס איז דער דרך פון אַ קאָכלעפל. דער נחבא אל הכלים, דער ניכטערער מייטליס, וועלכער וווינט נאָך דערצו ווייט פון אונדזערע יידיש־צענטערן, מישטיינס געזאָגט, וועט ביי אונדזערע קאַזיאָנע אָפּטימיסטן קיין קאָנקורסן און גלעקער־קלינגען און טרומייטערן נישט געווינען.

* * * * *

די קאַפּיטלעך זכרונות וועגן אַשן — צו זיין צוואַנציקסטן יאָרצייט — זיינען געשריבן מיט ליבשאַפט, ווייטיק, און באַדויער. כאָטש זיי רופן צומאָל אַרויס מיטגעפיל צו אַ ש ס גייסטיקע יסורים, שטרייכן זיי אויך אונטער די גוט־באַקאַנטע, פיל־באַרעדטע און פאַרשפּרייטע נעגאַטיווע שטריכן פונעם גרויסן מייסטער. ווי ס'ווערט דערמאָנט אין זוהר הקדוש: „הכל תלוי במזל...“ ביי אָפּאַטאָשון, און יבדל לחיים, באַשעוויסן, דערזעט נישט דער מחבר די פליאַמעס. ביי אַשן פאַרזעט ער נישט אפילו די פליעוקעס, ווי אין משלי שטייט: „ועל כל פשעים תכסה אהבה.“ וועגן אַשן שרייבט ער:

> „... ער האָט אַפּנים נישט געוואָלט פאַרבלייבן בלויז אַ גוטער, יידישער שרייבער, נאָר געצילט איבערמוטיק צו ווערן אַ שרייבער פון וועלט־פאַרנעם. ווי גרויס איז אָפט ביי יידן, אפילו ביי די שענסטע און קלוגסטע, די אייגענע התבטלות פאַר דער וועלט דרויסן? מען רייסט אין וועלטן, אַבי נאָר צו געפעלן דעם גוי! אַש האָט

געוואָלט אַפּנים געפּעלן, איז ער אַוועק צוביסלעך אויף פרעמדע וועגן, הגם ער איז פאַרבליבן שורשדיק דער אַמאָליקער, היימישער, פּוילישער ייד. האָט דאָך שוין פּרץ געזאָגט, אַז אַש שרייבט מיט אַן אויג „אויף יענער זייט פּאַרקן." זיין ציל איז געווען, אויב נישט נאָך העכער... (ז. 363).

איז עס דען נישט אָנגעמאָסטן צום רוב יידיש און העברעיש שרייבערס, קינסטלערס, רבנים און ראַביים, און סתם יידן?

אין אַשס התלהבות פאַר זיין פאַרטראַכטער יצירה „ישעיה", קומט צו רייד אי וועגן אַשס שטעלן ישעיהן (דעם פון די ביבל־קריטיקער אויסגעזויגענעם, דעם 2טן (העכער) פון דעם אדון־הנביאים, משה רבינו, אי וועגן קריסטאָלאָגישן פּראָבלעם פון דעם געפּלאָגטן און פאַרנגעטן 'עבד ה'' (זע לעצטע צוויי פסוקים פון ישעיה נ"ב, און קאַפּיטל נ"ג). איןביידע פאַלן שטעלט זיך מייטליס אויף דער זייט פון די טראַדיציאָנעלע מפרשים און דער מסורה. איז אַ שאָד וואָס זיין צוגאַנג איז אַ קאַפּיטשקע אַנדערש אין די תנ"ך שטודיעס פון בוך.

עס איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז די גרויסע שרייבערס לייענען נישט די ווערק פון זייערע גרויסע בני־דור (קל־וחומר, אַז זיי לייענען נישט די קליינע פישעלעך...). טאָמאַס מאַן איז מבטל די „יידישע רדיפות", וועגן וועלכע אַש האָט זיך געהאַט באַקלאָגט פאַר אים נאָך אין קאַליפאָרניע. אַשס קריסטאָלאָגישע ווערק האָט ער אפשר אין האַנט געהאַלטן, אָבער נישט געלייענט. מאַנס פרוי, קאַטיאַ, איז זיך מודה, אַז זי „האָט אָנגעהויבן לייענען זיין 'אַפּאָסטאָל', אָבער אים באַלד אַוועקגעלייגט... (וואָרן) אַש איז נישט אויפריכטיק."

אַש, מצידו, האָט מאַנס אַרויסוויזן בקיאות און ערודיציע אין זיינע ווערק, געהאַלטן פאַר אַ חסרון. אַש איז נישט אַליין מיט זיין צוגאַנג צו דעם ענין, כאָטש מייטליסן זענען מסתמא ליבער די ברהכים צווישן די ראָמאַניסטן בכלל, און שרייבערס פון היסטאָרישע ראָמאַנען בפרט.

דאָס אַרויסבולטן אַשס צופעליק־געמאַכטע גרייזן אין דער פריוואַטקייט פון זיין היים, אחר מותו, איז נישט אין בעסטן געשמאַק. אגב, טרעפט זיך אָפט דווקא ביי 'שיננאָס'— חריפים, שאַרפע קעפּ — וועלכע לאָזן זייערע מחשבות בליצן אומגעצוימט, אַז זיי מאַכן גראָבע גרייזן. און, ס'איז לא מעלה ולא מוריד, וואָרן ס'איז שוין סיי ווי ווייט פאַרשפּרייט, אַז אַש איז כלומרשט אַן עם־הארץ.

די שילדערונג פון שלום אַשס ווידוי איז דראַמאַטיש טראַגיש. דאָס באַשטעטיקט מיין טענה אַז דער פאַרשער האָט פאַרשלונגען מייטליסעס בעלעטריסטישן ניצוץ. שטאָטס דער בלאָטע וואָס ווערט פון אַלע זייטן געוואָרפן אויפן טויטן לייב, לאָמיר זיך בעסער בריען פון דער קאָכעדיקער לאַווע וואָס איז געפלאָסן פון אַ האַרץ אַ ווולקאַן:

„איך בין אַ ייד, אַ זקן, און האָב אויך מיינע ספקות. אָבער אַז איך וועל קומען פאַרן בית־דין של מעלה, און מען וועט מיך פרעגן, וואָס איך האָב געטאָן אויפן עולם השקר, וועל איך ענטפערן: רבונו של עולם, איך האָב געפּרוּווט אויספירן דיין שליחות, אויף מיין אופן געזוכט דעם אמת און מיט מיין שרייבן געוואָלט דערקוויקן אַ יידיש האַרץ. איך בין געבליבן געטריי דעם דיכטערישן חזיון מיט וואָס דו, כביכול, האָסט מיך געבענטשט. איך האָב נישט אָפּגענייגט אויף אַ טריט פון דעם וואָס דו האָסט מיר אויפגעגעבן. דאָס איז מיין זכיה, און דיר, גאָטעניו, אַ דאַנק דערפאַר!" 3ז. 386).

אַשס טראַגעדיע איז אַ טראַגעדיע פאַר דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

## ב.

„אויף די וועגן פון תנ"ך" איז כולל פינף שטודיעס. מייטליס וויזט אָן ביים סאַמע אָנהייב, „אַז אונדזער צוגאַנג צו דער פילמיניקייט פון תנכישן ווערק איז אַ ריין ליטעראַרישע און האָט כלל גאָרנישט צו טאָן מיט ענינים פון אמונה און דת. אונדזער טעמע איז נישט קיין טעאָלאָגישע נאָר אַ היסטאָריש־ליטעראַרישע, וואָס וויל באַשיידן די וועלט פון תנ"ך און איר דערהויבענע יצירה." (ז. 15).

און ווייטער אויפן זעלבן זייטל, זאָגט ער: „ביי יידן האָט תורה געהייסן, לערנען, זוכן, זיך אַריינטיפן און טאַקע פאַרשטיין. יעדער דור האָט עסק געווען אין תורה און אויף זיין אופן געטייטשט און געלערנט פשט, כדי צו דערגיין צו אַ נייעם אויספּיר. דער יידישער אידעאַל איז לערנען און דאָס מוזן מיר ווייטער טאָן!"

מסכים. ווי סע שטייט געשריבן: „לא בשמים היא". אָבער ווי נאָר מיר דערמאָנען דאָס וואָרט 'תורה', איז שוין נישט געמאָלט, אַז סע האָט „גאָרנישט צו טאָן מיט ענינים פון אמונה און דת."

„לכל זמן ועת לכל חפץ תחת השמים", זאָגט קהלת. געווען צייטן, ערשט נישט לאַנג פאַרלאָפענע, ווען וועלטלעכע יידן האָבן געפּרוווט קונה זיין ביידע וועלטן: אי ייחוסן זיך מיט דער „דערהויבענער יצירה", אי חלילה נישט דערהייבן זיך אַזוי הימליש הויך, אַז מען זאָל זיך חלילה קאָמפּראָמעטירן מיט „אמונה און דת". און, אַזוי ווי ליטעראַטור איז געוואָרן אַ סוראָגאַט רעליגיע ביי אונדז, האָט מען זיך, דורך פאַרליטעראַרעווען אויך די תורה איינגעקויפט אַ כשרן טאָפּ און אַ כשרן לעפל. די צייטן האָבן זיך אָבער ראַדיקאַל געביטן. יידישקייט אָן אמונה און דת (אין וועלכער עס איז אינטערפּרעטאַציע) איז מער נישט געמאָלט. טייל פון אונדז, יידישיסטן אין מצב פון שקיעה, האָבן עס שוין דערלערנט פון דער ביטערער וואָר. די עברים (וועלכע נאַרן זיך נאָך אַלץ אַז זיי האָבן געכאַפּט דעם פויגל...) וועלן עס לערנען מיט אַ שעה שפּעטער.

הרבה פנים לתורה. מען קען ביבלקריטעווען אויפן תנ"ך; מאַכן פילאָלאָגישע אַנאַליזן; עמענדירן, צושטעלן און איבערשטעלן; באַנוצן אַרכעאָלאָגישע אויסגעפינסן; פאַרגלייכן מיט אַנדערע סאַגעס און מיטאָסן. עס איז אַ פרייע וועלט, און פאָרשונג איז פריי. די וועלט איז משוגע־פאַרקאַכט אין פאָרשונג. מען קען זיך אָבער איינצייטיק נישט אַסעקורירן קעגן די קאָנסעקווענצן פון פאַרטשעפּען ענינים פון אמונה און דת, וואָס זענען עלול אויפצודעקן רויע נערוון ביי מאמינים און אַנדערע ביי וועמען די ענינים פון אמונה און דת וואָס זיינען עלול אויפצודעקן רויע נערוון ביי מאמינים און אַנדערע ביי וועמען די ענינים זענען אַ טייל פון זייער וועלטבילד און פסיכישן געזונט.

דאָס איבערדערציילן אַ קאַפּיטל תנ"ך און איינצייטיק רעטושירן דאָס בילד מיט עפּיזאָדן (וואָס פעלן אין טעקסט), גלייך מען וואָלט דערביי געווען, איז אַ מעטאָד וואָס בובער (און אַנדערע) האָבן אָפט באַנוצט, כדי אויסצוטאָן דעם תנ"ך נסים־נאַקעט און מקרב זיין די סיפורי התורה על הניכטערן שכל פון סטערילע ראַציאָנאַליסטן. עס איז אַ גרויסער ספק צי עס ליגט דאָ עפּעס אַ חידוש, וואָס איז שוין נישט געפּרוווט אין אַלטערטום; צי דער היינטיקער דור נייטיקט זיך אין דעם; און צי די שעה איז פּאַסיק דערפאַר.

זייענדיק באַשאָנקען מיט אַ בעלעטריסטישן טאַלאַנט, שטעלט אונדז מייטליס צו דראַמאַטיש - צוציעוודיקע סיפּורים וואָס האַלטן אונדז געשפּאַנט. עס איז אָבער כמעט אַזוי ריזיקאַליש צו צורירן זיך צו די קאָנטראָווערסיאַלע, קיצלדיקע און אַנגעווייטיקטע שטעלן אין תנ"ך, ווי עס איז געווען אַ שס פּרוּוו מיט קריסטאָלאָגיע. (אגב, למאי וויל מען טאַקע אַזן נישט פאַרגעבן פאַר צורירן זיך צו אַן „אומשולדיקער" ליטעראַריש־היסטאָרישער טעמע?)

איך בין איבערצייגט אַז אונדזער דור נייטיקט זיך מער אין צלם־אלקים ייחוס איידער אין אַ צלם־פּרימיטיוו אָפּשטאַם. די טראַגעדיע פון יפתחס טאָכטער באַקומט אַ יידישלעך הומאַנערן פּנים דורך די פירושים פון רד"ק, רלב"ג, מצודת דוד, מלבים, און אַנדערע. אָפּגערעדט שוין פון די קבלישע טייטשן וואָס וואַרפן אַ קאָסמישן זין און מיין אויף מענטשן און געשעענישן. אלא, די באַלעבאַטישע פאַרציע וואָס עס קומט יפתחן, האָט שוין די גמרא באַוואָרנט מיט איר שאַרפער איראָניע: „יפתח בדורו כשמואל בדורו..."

מיט דער דראַמע־טראַגעדיע „דוד־בת־שבע" פאַרנעמט זיך די גמרא, די מדרשים, די מפרשים, און די קבלה. וויפל באַשולדיקונג און שטראָף עס קומט דודן, באַקומט ער דאָך שוין פון פסוק גופא. און דאָך, מעשה פלא, איז ער אויסגע־

וואָקסן צו דער געשטאַלט פון מלך המשיח
אין דער אמונה און פאַנטאַזיע פון פאָלק.
איז עס די פונקציע פון הײנטצײטיקער
יידישער אינטערפּרעטאַציע אַרײנצושטע־

די געשעעניש אין דעם רעם פון דער
יידישער משיח־סכעמע: באַשאַף־ חטא־
הקדמון־ תיקון־גאולה". אַנדערש איז
מען פוגע די קאָלעקטיווע פּסיכיק און
נשמה פון פאָלק. אמת, נאָך אַלע תירוצים
פאַרבלייבן נאָך האַרבע קשיות. צו פאַר־
ענטפערן זיי אויף אַ הײלנדיקן אופן, איז
בילכער פאַר אונדז הײנט. די גויים וועלן
שוין באַזאָרגן די שטעכיקע טײטשן (אויב
ס'וועלן זיי נישט מקדים זיין די „העב־
רעישע גויים"...).

אַחיה השילוני (בגימטריא: אמ"ת), אַ
סודות־געהילטע געשטאַלט וואָס רופט
אַרויס משיחיש־אַפּאָקאַליפּטישע אַסאָצי־
אַציעס, ווערט דאָ געמאָלן מיט גרויס
ליבשאַפט ווי אַ מוסטער־נביא. זיין שלי־
חות צו, און קאָנפראָנטאַציע מיט, דעם
קאָנטראָווערסיאַלן ירבעם בן נבט איז
באַשריבן דינאַמיש, אין היסטאָריש־טי־
טאַנישע מאָסן, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ
גורלדיקן מאָמענט אין דער געשיכטע פון
יידישן פאָלק. די ליבשאַפט פון מחבר
צום נביא שטראַלט־אָפּ אויפן מחבר גופא.

ריזיקירנדיק אַז מען זאָל מיר פאַר־
וואַרפן: „תבן אתה מכניס לעפרים?" וועל
איך דאָך באַמערקן, אַז לויט דברי הימים
ב', ט:כט, וואָלט אויסגעקומען אַז אַחיה
השילוני קען יאָ גערעכנט ווערן צווישן
די שריפט־נביאים (זע אויך מצודת דוד
דאָרט). דער מחבר האָט אָבער אין רש"ין
אַ שטאַרקן תנא דמסייע ליה. מיר געפי־
נען אויך נישט אַז אַחיה זאָל האָבן מוכיח
געווען ירבעמען פאַר זיינע חטאים, נאָכן
באַקומען די מאַכט, איידער ירבעמס פּרווי
איז געקומען פאַרשטעלטערהייט צום
נביא, כדי צו בעטן פאַרן לעבן פון איר
זון אביה. מען מוז אָבער צוגעבן אַז דער
רד"ק האַלט אַז ירבעם האָט געוווּסט אַז
אַחיה האָט אים פיינט. קען מען דערפון
דרינגען אַז אַחיה האָט זיין שינאה מאַני־
פעסטירט עפנטלעך.

אין „טעמאַטישן אַרײנפיר" צו „צוויי
סאַטירישע משלים אין דער אַלט העב־
רעישער ליטעראַטור" לייענען מיר:

„... יידן האָבן שוין פון קדמונים אָן...
געלערנט, אַז מענטשלעך לעבן איז
נישט הפקרדיק, סתם אַ ווילדער צו־
פאַל, נייערט עס איז פאַראַן אַן אייביק,
וואַכיק אויג וואָס היט אָפּ די וועלט פון
איר צעטומלעניש און אַלדאָס בייז,
פינצטערקייט און טומאה. אַדרבא, עס
איז פאַראַן אַן איינגעשטעלטער וועלט־
סדר, אַן אוניווערסאַלער פּלאַן, עטיש
און הומאַן געגרונטפעסטיקט, וואָס איז
עלול סוף־כל־סוף צו דערפירן די
מענטשהייט צו אַן אימאַנענטן תיקון
און אַ העכערע מדרגה פון שלימות."
(ז"ז 74־75)

לכן, וואָלט מען אפשר דעם נאָכקומענ־
דיקן זאַץ: „יידן לעבן איבערצייטלעך,
מחוץ פון דער היסטאָרישער צייט," גע־
דאַרפט לייענען: „מחוץ דעם לויפיקן
צייטגייסט". וואָרן, ס'איז אַ סברא, וואָס
מ'קען אויך דרינגען פון אויבן־ציטירטן,
אַז יידן זענען גאָר דאָס היסטאָרישע
פאָלק פאַר עקסעלאַנס. די סכעמע,
„בראשית תיקון גאולה אחרית הימים
יום שכולו שבת", לעבט אין דער יידי־
שער קאָלעקטיווער פּסיכיק. 'איבערצייט'
איז אַן ענין פון „עין לא ראתה"—„אחרי
כלות הכל" ווען „לבדו ימלוך נורא."

## ג.

„שרייבערס און ווערק" נעמט אַרײן
16 עסייען און רעצענזיעס. דאָס קעפּל
באַשיידט שוין דאָס שותפותדיקע אין זיי־
ער תוכן. די ערנסטקייט און טיפקייט
פון דער באַהאַנדלונג, און דאָס זאַפטיק־
לומדישע לשון, גייען האַנט אין האַנט
מיט אַ קלאָרער הסברה. מען פילט אַז
דער מחבר האָט געשריבן מיט חשק, אָפט
מיט ברען, און עס לייענט זיך דעריבער
מיט גרויס הנאה.

„ליטעראַרישע און קולטור־היסטאָרישע
באַטראַכטונגען" ברענגט אַרויס אמתן
וועגן בראשית און פונקציע פון שפּראַך
בכלל און יידיש בפרט. און געטאָן ווערט
עס אויף אַן ערלעך, טיפן, לומדישן אופן.
מען ווערט פאַרבליפט פון די שפּראַך
איידלשטיינער וואָס געפינען זיך בשפע
אין יעדן זאַץ און אין יעדער שורה.
לדוגמא, עטלעכע שורות וועגן יידיש:

„קאָן גאָר זיין אַ הוה אמינא, אַז די דאָזיקע ירושהדיקע שפּראַך־קולטור מיט איר תוך און נוסח, אפילו מיט אירע העוויות און תנועות, איז דער עיקר אַ פרעמדער שפּראַך־פּענאָמען, אָן טיפע וואָרצלען אין דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט מיט איר ספרים־קולטור און איז נישט מסוגלדיק צוגעפּאַסט צו דעם גייסט פון יהדות און זיין אייגנדיק־יידישלעכן דרך אין לעבן?״ (ז׳ 98).

און ווייטער:

„דער פאַקט, וואָס גראַד פרומע, אָפּגעהיטענע יידן, מיט זייער געזונטן חוש־הריח פאַר יידישער קיומדיקייט, האַלטן אָן און וואַרעמען זיך אינעם דורותדיקן יידיש, טאַקע אָן וועלטלעכע אידעאָלאָגיעס, נאָר לויט זייער השגה און אויסקוק זענען זיי ממשיך די גאָלדענע קייט פון יידיש, סיי אין שטוב און סיי אין חינוך פון זייערע קינדער, ווייזט אַז פאַר דעם סאָרט יידן איז יידיש נאָכן חורבן פון מיזרח־אייראָפּע געוואָרן אַ פאַרהייליקט לשון פון די אומגעקומענע אויף קידוש־השם, אַ צווייטן לשון־קודש. קוקן מיר, די וואָס שטייען אויף דער אַנדערער זייט פלויט, זיך דערצו צו מיט באַהאַלטענער קינאה און אַ התפעלותדיקן שוויגן, אָבער אונדזערע כוחות זענען שוואַכע און די מעשים קליינע און גרינגע!״ (ז״ז 99־100)

„קולטור און פאָלקלאָר״ איז מסביר וואָס קולטור שטעלט מיט זיך פאָר: ווייזט אָן אויף דעם פענאָמען פון „נעמען און געבן״ אין די צווישן־פעלקערלעכע קולטור באַציונגען; און מונטערט צום זאַמלען, אפילו אין דער איצטיקער שפּעטער שעה, כאָטשבי די „שברי לוחות״ פון פאָלקלאָר, איינגעשלאָסן די „פרעמדע עלעמענטן... וואָס האָבן זיך קונה־שביתה געווען סיי אין דער יידישער שפּראַך און סיי אין דער פאָלקשאַפונג.״ דערמיט טרעט ער נאָך די פיסטריט פון פרצן, אַנסקין און אַנדערע פּיאָנערן־פאָלקלאָריסטן.

„אגדה און מעשה אין דער פאָלקס־ליטעראַטור״ עפנט זיך מיט דער פּאָרטקע פון אויפקלערונג פון די ראָלן פון ‚האָמאָ־סאַפּיענס׳ דעם בעל־שכל״ און „‚האָמאָ־נאַרראַנס׳, דעם דערציילנדיקן מענטש, דעם פאַבוליסט״; דער ערשטנס, „ווי אַ יסוד פאַר דער בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קולטור״; דעם צווייטנס, „ווי אַ וואָגיקן פאַקטאָר אינעם סאָציאַלן אויפגיי און געבוי פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.״ מערקווערדיק, אַז מענטש, דער מדבר (מעדאַבער) אין דער סכעמע: „דומם־צומח־חי־מדבר״ איז כולל ביידע. דיבור באַטייט תורה שבכתב, אמירה מיינט תורה שבעל־פה, און אַזוי ווי זיי קענען נישט אויסקומען איינע אָן דער אַנדערער, זאָגט דער פּסוק אַלע מאָל: „וידבר ה׳ אל משה לאמר״ — ביידע באַהאָפטן צוזאַמען; תורה שבכתב — אין אָנהייב פּסוק; תורה שבעל־פה ביים סוף פּסוק. (זע, שערי אורה, פון יוסף בן אברהם ג׳יקטיליה, כרך ראשון, ז׳ 85).

דערנאָך פירט אונדז ד״ר מייטליס אויף אַ היסטאָרישן טור, מיט באַלערנדיקע אויפקלערונגען, איבער די אַנטוויקלונגשטאַפּלען פון דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור. מיר דערווישן דאָ „די איבערזעצונג פון ‚שיר השירים׳ פון יצחק סולקעס (קראָקע, 1579) ... די פאַראַפראַזע פון ‚מגילת אסתר׳ פון לייב בן משה מעליר (קראָקע, 1589)... די ‚וויבערישע תורה׳ — דער ‚צאינה וראינה׳ פון יעקב בר׳ יצחק אשכנזי פון יאַנאָווע מדינת פּוילין.״ (ערשטער דרוק אין לובלין 1600, דערנאָך קראָקע 1602, באַזעל 1622, אא״וו). „אַנשל לוי, וואָס האָט געלעבט אין אויבער־איטאַליע אין דער צווייטער העלפט פון 16טן י״ה, [האָט געשאַפן אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן מדרש צום פּרק אין יידיש״. „... יעקב בן אברהם פּאָלאַק פון מעזריטש, אין רייסן, אַ בריה אַ דרוקער און אַ פּאַקנטרעגער, אי צוגעטראָטן אָפּצודרוקן די ערשטע גרויסע זאַמלונג פון אַלט־יידישע מעשׂות. עס איז געווען דאָס באַרימטע מעשׂה־בוך (באַזעל, 1602)... וואָס האָט געזאָלט זיין אַ ‚טייטשע גמרא׳ אַפּנים לויטן מוסטער פון יעקב אַשכנזיס ‚וויבערישע תורה׳.״

דאָס מעשׂה־בוך „האָט אין 18טן י״ה צוביסלעך געביטן זיין צורה. מחברים

און קאמפילאטארן... האבן צוגעגעבן א צאל מעשיות פון זוהר און קבלה ספרים מיט פלאדיקע דערציילונגען פון אר"י ...און אנדערע מקובלים." אין יידיש פון 16טן און 17טן י"ה, האט די ליבלעכע מעשיה געמילדערט די הארבקייט פון די מוסר־ספרים: „צום אונטערשייד... פון 'בר־אנטשפיגל', 'לב טוב', האט... דער מחבר פון שמחת הנפש' פארשטאנען צו דערקוויקן דאס הארץ פון מענטש מיט זיינע קלוגע רייד און דער עיקר מיט א שיין מעשהלע און ליבלעכן משל." חסידות האט די „פארחלומטע, הארציקע מעשה... דערהויבן צו נייע, פלאמיקע הייכן... ר' נחמן בראצלאווער... דער זעלטענער בעל־חלומות, (האט אונדז) אויסגעכישופט אן אידעאלע, פארהוילענע, סודותדיקע וועלט. (וועלכע צעבליט זיך) אין די ווערק פון פרץ און אגנון, און אין די ווערק פון דער פלעיאדע העברעישע און יידישע דיכטער אין אונדזערע לעצטע דורות."

אין באטראכטונגען וועגן בחירה און גאולה", רעהאביליטירט מייטליס דעם פיל בארעדטן „אתה־בחרתניזם" וואס איז דער יסוד פון יידישער שליחות און דער שטויס צום נצחדיקן קיום פון עם ישראל. אונדזער אויסדערוויילטקייט איז נאר כדי לתקן עולם במלכות שדי. אן אפגרונט טיילט אפ די דאזיקע ריכטיק־פארשטאנענע בחירה למען גאולת העולם ותיקונו, פון דעם אראגאנטן עליטיזם און ראסיסטישער „אויסדערוויילטקייט" ביי די אומות העולם.. דערביי דארף מען געדענקען, אז די שוידערלעכסטע חבלי־תיקון וועלן אויסגעטראגן אויף די פלייצעס פון ישראל עבד ה', כדי צו ברענגען די אוניווערסאלע און קאסמישע גאולה פאר אלע בני־נח, און דעם גאנצן באשאף.

דאס מנהגים ספרל „אורח חיים" (געדרוקט אין באזעל, אין 1602, דורך יוסף בן אליעזר חלפן, פון פויזן) גיט ד"ר מייטליסן א געלעגנהייט ארויסצוווייזן זיינע גרויסע קענטענישן אין זיין ספעציאליטעט — אלט־יידיש, זיין מעשה־בוך אויסגאבע, און קרובישע ענינים — און אויך זיין גרויס לומדות. עס איז אבער א חידוש וואס מייטליס מאכט, ווי כלאחר יד, די באמערקונג, אז דער מנהג צו מאכן א שטריך איבער דער חלה ביי דער שבתדיקער סעודה, איידער מען מאכט די ברכה המוציא, איז מעגלעך פון קריסטלעכן אפשטאם. היתכן, אז אפגעהיטענע יידן ווי דער מהרש"ל, די תלמידי האר"י ז"ל (זע, מעשה וועגן טישעוויצער משיח בן יוסף, קבוצת כתבי אגדה פון אברהם שטערן, דף תקו), ר' יעקב עמדין אין זיין סידור, אנדערע פארשפרייטע סידורים, זאלן נאכגיין דעם דאזיקן מנהג, אויב דער טעם און אפשטאם זאל האבן געווען אזא תועבהדיקער? דער מחבר מוז דעם ענין מסביר זיין א ביסל אויסשעפיקער.

זייער באלערנדיק איז די רעצענזיע איבער חיים שווארצבוימס בוך וועגן „משלי שועלים" פון רב ברכיה בן נטרונאי הנקדן. עס איז א חידוש, פאר א נישט־בקי, הלמאי יעקב קאפלמאנס יידישע איבערזעצונג (געדרוקט אין 1583), וואס ווערט דערמאנט פון נ. ב. מינקאוו (אלג. ענציקלאפעדיע, יידן ג', שפאלטן 61־62), ווערט דא אין גאנצן פארשוויגן.

„פראזאיקערס אין דער היינטיקער יידישער ליטעראטור" איז אן „אמן" וועגן „א מזומן פון געהויבענע, קינסטלערישע בעלי־יכולתן" — אן „אמן" אן אייגענער, אן אינטערעסאנטער. עס איז נישט צו דערווארטן, אז מען זאל זיך ביי אונדז אנטוויינען פון דעם שאבלאן פון „נמנו וגמרו", און פון דעם מיסטישן ציפער „דריי". אויב שוין „דריי", למאי נישט איבערשטעלן דאס מעבל אויף א נאווינע?

אגב, איז אפשר א סברא, אז א שפרענקעלע פון „א מין מיסטישן ניהיליזם און... אנטינאמיניזם פון הפקרות, און אויסגעלאסנקייט" (ז' 165) וואס באשעוויס באשרייבט, איז אריין אין זיין אייגן אויג, און ער קען דערפון נישט פטור ווערן, ווי טיטוס פון דעם יתוש?

די שבחים זאל באשעוויסן ווויל באקומען, אבער זיי ווערן געשטעלט אונטער א שאטן דורך ד"ר מייטליסעס נאכקומענדיקע דברי־אמת:

„פאר די נישט־יידישע און מיט זיי די כמו־יידישע לייענערס, וואס קענען באשעוויסן גלייך פון די איבערזעצונגען, גייט אוועק פארלוירן פון דעם תוכיק־יידישלעכער אייגנקייט, נוסח און שטייגער, דער עיקר די פאלקיש־

זאַפטיקע שפּראַך פונעם דערציילער, מיט איר פּשטות און אידיאָמאַטיק, מעטאַפאָרן און פּיקחותדיקע אָנצוהערענישן. עס פעלט אין די איבערזעצונגען על־פּי־רוב די יידישע נקודה, פאָלקישע תמימות און פּשטות, דער אמתער יידישער טעם. וואָס אַזוינע לייענערס לערנען אָפּ דערפון, איז דאָס פרעמדע און עקזאָטישע, אפילו דאָס גראָטעסקע און עקסצענטרישע אין יידישן לעבן, אָפּט פאַרבראָקט מיט אַ שמיץ פאַרשייטקייט און עראָטיק, וואָס איז היינט אַזוי שטאַרק אין דער מאָדע אין דער פאַרמוחטער, אויסגעקליגלטער וועלט־ליטעראַטור מיט איר סעקסועלן רעאַליזם און ציניזם.״ (ז׳ 161).

עס איז מוטל בספק צי לשון אַליין קען אויף אַלץ מכפּר זיין. און ווער טוט דאָס אַליין דאָס פאַרבראָקעכץ, צי נאָר דער איבערזעצער אַליין? און ווי אַזוי באַווייזט עס מייטליס צו געפינען די „יידישלעכע נקודה״ אין ים פון טינוף? עס וואָלט נישט געהאָלפן ווען באַשעוויס וואָלט טאַקע געווען דער מייסטער סטיליסט און דערציילער, עס וואָלט נאָר געהייסן אַז ער באַנוצט אַ גאָט־געשענקטן טאַלאַנט צו דינען דער עבודה־זרה. און דורך זנות איז יידן געשען פיל אומגליקן. (לייען פּרשיות בלק און פּינחס). אַזוי, אַז מען טאָר עס נישט נעמען אַזוי לייכט. עס שטייט: „בעקבותא דמשיחא חוצפּא יסגי״. טייטשט דער הייליקער ריזשינער: קודם ביאת הגואל וועט אַ נפקא, הרה לזנונים וכרסה בין שניה, שפּאַצירן איבער אַלע שטראָזן און שרייען אויף אַ קול — „איך כ׳דאָג אייך משיחן״. ווי צו אונדז וואָס אַלע אונדזערע באָטאַבעלן פּליעסקען צו מיט די הענט פאַר גרויס נחת. שלום עליכם איז טויט! און נאָך אַלעמען, ווער האָט עס דערזען מייסטער־דערציילקראַפט מחוץ פון אַ נאַראַד פון אימפּאָטענטע ער ואונבס? אויב ס׳איז געווען אַ דערציילער איז ער דערטרונקען געוואָרן אין זיין אייגענעם טינוף.

אמת איז, אַז באַשעוויס איז אַ „תינוק שנשבה״, אָבער נישט באונס. יהי רצון, אַז ער זאָל זיך נאָך אומקערן באַצייטנס, ווו ער האַלט אין דער וועלט. וואָרן איינציקע דערציילונגען — גאַנץ זעלטענע ביי אים — ווייזן אַז די טויערן פון תשובה זענען נישט פאַרשלאָסן פאַר אים. לפי דעתי, נייטיקט זיך שוין נישט באַשעוויס אין קיין תהלות ותשבחות — ער האָט זיי גענוג און גענאָך. איז וואָס ער נייטיקט זיך יאָ, איז אין אַ שאַרפן: „חזור בך!״ ווי יענער אַנדערער העלד צו וועמען די רייד זענען געקומען דירעקט פונם כביכול, איז ער שעדלעך נישט נאָר פאַר זיך. די גאַנצע שארית פון דער יידישער ליטעראַטור פאַרקוקט זיך אויף אים, און פיל רייַנע טאַלאַנטן פאַרשעמען זייערע פריערדיקע טריט, פּרווונדיק דערגרייכן דעם שטנס גן־עדן...

וועגן גראַדען ע״ה, לית מאן דפליג אַז ער איז געווען סיי אַ וואָגיקער דיכטער סיי אַ באַדייטיקער פּראָזאַיקער. צי ער געהערט גראָד צום ערשטן מזומן, צי ערגעץ אַנדערש ווו, איז נישט וויכטיק געווען בחייו, מכל־שכן איצט. ווי עס זאָגט ביי אים דער מחזה אברהם: „...אַ שטילער ייד. אויב ער איז אַ גדול, איז זיין גדלות אַ סוד צווישן אים און דעם רבונו של עולם. אַן אמתער תלמיד־חכם קרעכצט וואָס ער מוז זיין אַ רב אָדער אַ ראש־ישיבה.״ (ז׳ 170). די זעלבע מאָס דאַרף מען נעמען פון קינסטלער, מנהיגים, אא״וו. אָבער מיר ווערן נישט געבאַרט פון דעם מין ענוו וועמען ס׳איז קשה דער פּסוק „והאיש משה ענו מאד״ (במדבר י״ב:ג) אונטערגעשפּאַרט פונעם פּסוק „ולא קם ... בישראל כמשה״(דברים ל״ד:י), ווען זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין דער אייגענער עניוות.

דעם מחזה אברהם, באשר ער איז מחזה אברהם, איז גרינג צו בענקען צו ווערן אויס מחזה אברהם; דעסגלייכן, וואָלט דעם פּויזנער גאון, רבי עקיבא אייגער, באשר ער איז פּויזנער גאון, געווען פיל מער ניחא עוסק צו זיין אין מלמדות. בינו לבינו, בלייבט יעדער, קרעכצנדיק נעבעך... ביי זיינעם. דער כבוד לאָזט נישט אָפּ — שווער נעבעך צו אַנטלויפן פון אים, ווען ער יאָגט דיך נאָך... פּשוטע בשר־ודמס דאַרפן נישט אויסשטיין אַזאַ ביטערן נסיון... זיי קענען זיך אויך אַזאַ עניוות נישט פאַרגינען...

דער דריטער פון „מזומן״, עלי שעכט־

מאַן, איז מיר האַרציק־איִגן. עס קומען אים אַלע פאַרדינטע שבחים. וויפל מ'זאָל אים נישט ליבן, קען מען אים נישט פאַרגיטיקן פאַר די ליידן און דעם עלנט, וואָס ער און זיין שבט האָבן אַריבערגעטראָגן, און טראָגן נאָך אַריבער, אפילו אין דער מדינה. ווי ער האָט מיר אַמאָל געשריבן: ער איז נישט ווייניקער עלנט אין ירושלים, ווי ביי די ברעגן פון דניעפער... כ'האָף, אַז איצט איז אַנדערש. ווען איך האָב געלייענט דעם דאָזיקן קרעפטיקן שרייבערס ליבע־סצענעס (אין אָנהייב פון „ערב"(, האָב איך נישט געקענט פאַרטרייבן די עכאָס פון אַברהם מאַפּוס היפער זיסן ניגון. איך האָב דעמאָלט חושד געווען אַז דאָס קומט אָדער פון דעם מנהג המדינה ((פאַרגלייך מיט דר. זשיוואַגאָ); אָדער עס קומט פון דער געצוווּנגענער אָפגעריסנקייט פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור, אָדער גאָר אַז נאָך דער גזירת שמד אויף יידיש, האָט ער מחבר געווען אויף אַן אַלטפרענקישן, משכילישן לשון־קודש, וואָס ר'האָט שפּעטער איבערגעזעצט אויף שיר השירימדיקן יידיש. שעכטמאַן האָט זיך אויסגעעלאַכט פון אָט די אַלע בויך־סברות מיינע.

אַבנרס זאָג: „אין דער וועלט איז קיין היים נישטאָ, און אין דער היים איז קיין וועלט נישטאָ", ווייזט אַז דאָס אַהיים־קומען זיינס איז קיין אַהיים־קומען נישט געווען. עס איז אַן אומקערן זיך פון אַ געשלאָגן הינטעלע. וואָרן, אויב ער זאָל געווען באַנעמען זיין פאָטערס קבלה, וואָלט ער דאָס אוניווערסאַלע געפונען ביי זיך אין דער היים. דער גאַנצער אוניווערז שפּיגלט זיך דאָך אָפּ אין אַ טראָפּן וואַסער. נתן לאַנדעס כפירה און מרידה באַגעגענען מיר, אין אַנדערע וואַריאַציעס, ביי ראַוויטשן (זע, מיין לעקסיקאָן, באַנד 4 בוך 1, ז"ז 42‑43). דאָס שטרייכט נאָר אונטער ווי אומעטומיק און אומגעהייער ס'איז דער איובדיקער נסיון פון יידישן פאָלק, און ווי אָפּגרונטיק ס'זענען זיינע יסורים אין אונדזערע טעג.

מייטליס שטעלט זיך אָפּ אויף ר' בונימס רעוואָלט אין שפּיגלס אויבן־דערמאָנטן בוך. דער אויסגעשריי פון אַ צעשפּאָלטן האַרץ אַרויס: „יידן, זאָגט נישט קיין תהלים מער! גאָט איז מיט אונדזער שונא! גאָט איז מיטן דייטש!" איז פון קאָסמיש־קאַטאַסטראָפישע דימענסיעס. דער געוואַי איז מרעיש עולמות, און שטייגט אַרויף צום כסא־הכבוד, צוזאַמען מיט נתן לאַנדעס און י. ל. גראָזמאַנס מרידה־טענות. זייער כפירה גרייכט אפשר נאָך העכער פון די העכסטע מדרגות פון אמונה. (אגב, אין „ערב" פּרוּווט מען אויך אַרויפצווינגען די גאולה אויפן דרך פון כללו חייב).

איז אויב שוין יאָ אַ „מזומן", הלמאי נישט פאַרבעטן שפּיגלען צום בענטשן? זיין קינסטלערישע ראַפינירטקייט, סיי אין פּראָזע, סיי אין ליד, איז דאָך לעילא ולעילא. יאָ כיבוד, נישט כיבוד, שפּיגלס שטערן לייכט פון תהום אַרויס און רייסט אויף די אויגן. אויב מען איז מסוגל פון תהום אויסצוהאַמערן פיליגראַנע שטערנבלעכן, אויסשלייפן פאַרגליווערטע, פּיעקלדיקע טרערן־שטערן, און דעם תהום סובלימירן אין סובטילער קונסט, איז מען אַ קינסטלער משכמו ומעלה, אָן אַ גלייכן, אָן אַ מזומן.

און, מי יודע, ס'קען נאָך געמאָלט זיין, אַז באַשעוויסעס שאַפן איז אויך אַ מין פּראָטעסט פון פאַרצווייפלונג, נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער האַלט אין איין דעקלאַרירן ווי אַ פאַרווילער.

„קאָצקער חסידות" (אויפן ראַנד פון א. י. העשלס „קאָצק") גיט מייטליסן אַ מעגלעכקייט צו שמועסן אין חסידות, באַוווּנדערן דעם התלהבותדיקן העשל, און איינבייסן די האַרבע סוגיא „קאָצק". עס איז היינט אַ חסידות־קולט, און דער טיטל ווערט אָנגעהאָנגען אויף באַוועגונגען וואָס האָבן זיך פאַקטיש אָפּגעזייגט פון חסידישן דרך. דאָס איז אין הסכם מיטן לויפיקן מנהג־העולם, ווו עס הערשט אַ ביבול המוחות ועירבוב התחומים. מען קליידט זיך אין פרעמדע מלבושים. טאָג ווערט פאַרביטן מיט נאַכט — און גיי זיי אַ חכם, און קלייב זיי פונאַנדער. אָנרופן זאַכן ביים ריכטיקן נאָמען, צילט נישט צום פאַרמינערן כהוא זה פון עמיצנס גרויסקייט אָדער פאַרדינסטן. מען דאַרף אָבער אָנהייבן זען זאַכן ווי זיי זענען באמת, און אָנרופן דאָס קינד ביי דעם נאָמען. מען וויל אונדז פאָרשטעלן דעם

דרך פשיסכע־קאָצק ווי אַ רעוואָלוציע אין חסידות מיטן צוועק להחזיר עטרה ליושנה, ד״ה אומקערן זיך צו די בעל־שמסקע קוואַלן כביכול. האָט אָבער נאָך דער ייד הקדוש (שמו כשם רבו, החוזה) דיסקרעט געחוזקט פון זיין רבין מיט די ווערטער: „אַ בעל־מופת צו זיין איז נישט קיין קונץ. אַ ליאַדע בעל־מדרגה קאָן פאַרדרייען שמים וארץ... און באַווייזן אַ נס. שווער איז אָבער צו זיין אַ ייד.״ (ז׳ 197). אַ טריט ווייטער:

„דערציילן חסידים, אַז בשעת ר׳ בונעם איז צוריקגעקומען פון חוזה פון לובלין, האָט ער געזאָגט, אַז פון די תורות פון רבין האָט ער גאָרנישט פאַרשטאַנען. פאַרשטאַנען האָט ער אָבער, אַז דער עולם העליון, דער סאַמע עולם הבא, איז דאָ אויף עם עולם־הזה, טאַקע ביים חוזה פון לובלין. אָט דעם סאָרט סקאַרבאָווע חסידות האָט מען נישט גורס געווען אין פשיסכע.״ (ז״ז 197-198).

דאָס הייסט שוין אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע כלים די זיין־צייטיקע מנהיגים פון חסידות, וואָס האָט געפירט טיש און געפּראַוועט, פון בעש״טס התגלות אָן, דורכן רבין ר׳ בער, ביזן חוזה.

„די הייליקע חברה אין פשיסכע מיטן ייד הקדוש, ר׳ יעקב יצחק, און זיין שפּעטערדיקער ממלא־מקום ר׳ שמחה בונעם, האָט דערזען, אַז חסידות איז אַראָפּ פון דרך הישר. פנימיות ווערט פאַרוואַנדלט אין חיצוניות.״ (ז״ז 196-197). דער שאַרפער ר׳ מענדל האָט עס געמאַכט פויליש־גראָב (אַלאַ פילסודסקי, להבדיל): „זיי האָבן פאַרפּאַסקודעט דאָס חסידות!״ (ז׳ 197). הייסט עס, אַז פנימיות איז זיי געקומען צו חלום. לאָמיר־זשע הערן וואָס מען דערציילט אונדז:

„אין פשיסכע, ווי שפּעטער אין קאָצק, איז נישט געווען קיין פלאַץ פאַר מיטל־מעסיקייטן, פאַר נאָכשלעפּן זיך נאָך אַנדערע און אויסגעדראָשענע פירעכצן. דאָרט האָט געשטורעמט מקורדיקייט, געקאָכט מיט אמתער עבודה און גרויס יראת שמים, מיט מוח און לומדות. מען האָט געהאַלטן פון ניגלה און נישט פון ניסתר. די שאַרפע פשיסכער קעפּ האָבן געהאַלטן, אַז צופיל הרגשה, סענטימענט און געמיט־אַפעקטן פאַרפירן דעם קלאָרן מוח און טעמפּן אָפּ דאָס האַרץ. דעם טראָפּ האָט מען געלייגט אויף מוח, אויף לערנען, וואָס פאַרטיפט די רעיונות און שאַרפט דעם שכל. (דאָרט).

ווזשע איז אַהינגעקומען דעם בעל־שמס מדגיש זיין אַז „רחמנא ליבא בעי״, די האַרציקע פאָלקישקייט, די אהבת ישראל, דאָס מלמד־זכות זיין, דער אַנטי־רבניזם־פרומיזם, דער בסתר?

אַז דער „עם־הארץ״ ר׳ זושע האָט געדאַפט פאַרענטפערן אַ האַרבן רמב״ם איז ער עולה געווען דירעקט צום מקור הדעת. ער איז אויסגעשטאַנען אי דעם חוזק, אי די געפלעפטקייט פון די זיידענע יונגעלייטלעך אויף קעסט, אַבי נאָר מען זאָל שיקן נאָך „תיקון״. אַ גאָר גרויסער מהלך פון דעם דרך ביז צו דעם סנאָבישן עליטיזם פון שאַרפן די מוחות, האָדעווען גאווה, און קולטיווירן עזות־פנימדיקייט.

ס׳איז וואָר, אַז דאָס סקאַרבאָווע חסידות איז דערגאַנגען דיאַלעקטיש ביז אַ געוויסער מדרגה פון ירידה, ביז עולם־הזהדיקייט און חיצוניות. אָבער דער צד שכנגד האָט מורד געווען נישט בלויז אין דער ירידה, נייערט אויך אין מקור גופא. ער האָט באַשאַפן אַ בריאה חדשה, אַ נייעם דרך פון קאָצקער עליה, וואָס האָט זיך צעשיידט, אָפּגעצווייגט, און זיך אין גאַנצן דערווייטערט פון מקור החסידות. אויב דעם בעל־שמס דרך האָט געהייסן חסידות, האָט שוין קאָצק געטראָגן דאָס דאָזיקע היטל אונטער פאַלשע אויסגעבונגען. קיין חסידות (על פי הבעש״ט) איז דאָס שוין נישט געווען. דאָס סקאַרבאָווע חסידות איז פון קאָצק נישט געגעזן, נייערט געניזוקט געוואָרן.

וואָס האָט מען זיך אַזוי צעזונגען קאָצק־חסידות? זיי זענען אין תוך אַנטיפּאָדן. פון אמונה פשוטה, פּאָפּוליזם, חוזקט מען דאָ. אין אָריגינעלן חסידות פירט מען זיך סיי מיט מופתים, סיי מיט עילויישקייט, בהצנע לכת. מען נעמט זיי אָן מיט זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט און מען מאַכט נישט דערפון קיין צימעס. לייב־שרהס

מוז זאַמלען אויף פדיון־שבויים. דער סאַסאָווער שטייגט „אויב נישט נאָך העכער" מיט זיינע מעשים טובים בסתר. די צדיקים העלפן דאָס פאָלק און היילן עס פסיכיש, מאַטעריעל און פיזיש. פון דבקות צום צדיק, וואָס איז מצדו דבק אין „צדיק יסוד עולם", שעפּט דער חסיד חיזוק; די חברייא איז זיך מתלהב בחברותא פון די רמזים וועגן דער גאולה שלמה, וואָס גליט אַרויס פון חסידישער פלאַי־פלאַימדיקער מעשה, פון דעם פאַרדבקהטן ניגון, ריקוד, און פאַרברענגען ברוב עם.

מען פאַרגעסט ביי אונדז, אַז פאַר דעם בעש"ט זענען יידן אויך געווען יידן, און אפילו מקובלים אויך. דער גר"א זי"ע איז געווען איינער פון די גרעסטע פון זיי. דעם חסידות האָט אָפּגעגליקט דאָרט ווו אַנדערע כיתות האָבן זיך אויסגעגליטשט און געוואָרן איברים מדולדלים פון יידישן פאָלקס־גוף. נישט געקוקט אויף די מחלוקתן, אַרעסטן, מסירות און רדיפות, איז דעם חסידות פאָרט געלונגען איינצוגלידערן זיך אין, און צונויפצושמעלצן זיך מיט כלל ישראל; און דערביי לאָזן פליסן נייע זאַפטן אין די פאָלקס־אָדערן, פאַרייִנגערן און אַרייִנבלאָזן אַ באַנייטע נשמה אין ישראל־סבא.

די פשיסכע־קאָצקער סכיזמע אין חסידות איז דערגאַנגען צו סכנותדיקע שיידוועגן. דאָס קאָנווענציאָנעלע חסידות האָט דעריבער אַרויסגעלאָזט אַלאַרם־סיגנאַלן. סוף־כל־סוף איז דער קאָצקער געצאַמט געוואָרן. דער ווי־אַזוי איז נאָך אַלץ געהילט אין סודות. אָבער דער פאַקט איז, אַז די תלמידים זענען אַראָפּ אויף אייגענע קעסט, זיך פאַרבאַלעבאַטעוועט, פאַרישיבהט, זיך פאַרקערעוועט צוריק צום פאַר־חסידישן סדר. פון חסידות איז געבליבן ביי זיך בלויז דער נאָמען, און דער רבי. דער דגש ווערט געלייגט אויף פרומקייט און לומדות. דער טאַטע האָט די מאַמע גענומען. גער, סאַנץ, בעלז, סאַטמאַר, און אפילו ליובאַוויטש, זענען גיכער קאָנקורירנדיקע סאָציאַלע מוסדות, ישיבות און פרנסה מאָנפאָלן איידער חסידישע חברייאות.

דער קאָצקער רעוואָלט איז געווען אַנטי־חסידיש, עליטאַר־אינדיווידואַליסטיש, מוחדיק. דער בראַצלאַווער רעוואָלט, להיפוך, איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון מער הארץ, פאָעזיע, פאַנטאַזיע, און מקרב זיין די גאולה דורך בענקען און רייסן זיך צום האַרץ פון דער וועלט. ס'איז קיין ספק נישט, אַז דער קאָצקער איז געווען אַ גרויסע, קאָמפּליצירטע און צעפּייניקטע פערזענלעכקייט, אָבער קיין חסידישער רבי איז ער נישט געווען. פאַרגלייכן אים צו סערען קירקעגאַרד איז גאָר נישט מוסיף צו זיין כאַראַקטעריזאַציע. עס איז אַ מאָדערנעם ראַבייס אויספיינען זיך מיט זיין גרויס געלערנטקייט, און באַווייזן זיך סיי פאַר זיין קאָנגרעגאַציע, סיי פאַר די גוים, אַז אָט מיר פאַרמאָגן אויך אַן עקזיסטענציאַליסטיש פאַרצווייפלטן טעאָלאָג. דעם קאָצקערס באַשייד דאַרף מען זוכן אויף יידישע־פוילישע שליאַכן. זיינע „שטעכיקע דיבורים":

„וואָס מיינט עטץ, אַז עס וועט אַלץ אַזוי ווייטער גיין ווי ביז יעצט? דער רבי וועט אַרבעטן פאַר אייך און איר וועט כאַפּן שיריים? עטץ ווילט אַ רבין וואָס זאָל האַלטן אין זיינע הענט די שליסלען צו די אוצרות פון הימל און ענק אויסטיילן חלקים וויפיל איינער וויל... ער זאָל מתפלל זיין, אַז אייערע בוגרותן זאָלן באַקומען חתנים? ניין, איך בין נישט קיין בייגל־בעקער. דער בורא־עולם האָט מיר נישט געגעבן קיין קאָרב מיט בייגל זיי צו צעטיילן צווישן עולם . איך בין נישט קיין פאַסטעך וואָס זוכט אַ ברייטע, שיינע פאַשע פאַר זיינע שאָף. אָדם לעמל יולד. דער מענטש מוז האָרעווען. יעדער פאַר זיך, גיין אַליין, אַליין געפינען דעם וועג." (ז' 202).

זענען מעגלעך דער נישט־סטיליזירטער, פאָלקסטימלעכער מקור פאַר פרצעס אימפּראָוויזאַציע וואָס ער לאָזט רעדן ר' שלמהן אין דער „גאָלדענער קייט". ר' שלמה מאַכט קיין הבדלה נישט, וואָרן די גאולה ברענגען וויל ער, און פאַרן יום שכולו שבת, שבת־יום־טובדיקע יידן זוכט ער. „קדושים תהיו ־ ־ ־ דמיהם בם", טייטשט ר' מענדל: „בלוט זאָל עס קאָסטן און אַ קדוש זאָל מען זיין." ווי ווייט איז עס פון: —

„חרוב זאָל ווערן די וועלט!
און מיר —
מיר שבתדיקע,
מיר יום־טובדיקע,
מיר נשמה־יתירהדיקע יידן,
וועלן איבער אירע חורבות גיין...״

„מ׳פאַרגלאָצט די אויגן פאַרפרומט צום הימל און מ׳פאַלט כורעים צו זיך אַליין״ (ז׳ 203), זאָגט ר׳ מענדל. דער מענטש לעבט אין אַ בלאָנד, אַ מיראַזש, ווען ער זעט זיך ווי אַן אומאָפּהענגיקן נמצא. געשיקט זיך טאַקע, אַז דער פרומער זאָל זיך טועה־זיין ווי אַ הומאַניסט, און מיינען סאיז שייך אַן אַנדערע פאַרזיכיקע עקזיס־טענץ מחוץ גאָט ברוך הוא? די פאַר־בלענדעניש גופא איז אויך פאַרדינגט פון השי״ת, איינצייטיק איז דער „זיך״ אַ חלק אלקי ממעל, אַזוי, אַז אפילו אין טעות, בוקט מען זיך פאַרט צום הימל. אין ריינעם מאָנאָטעיזם געשיקט זיך נישט אַז „גאָט איז אמת און מענטש איז שקר״ (ז׳ 204). אין לעצטן סך־הכל, נאָכן תיקון העולם, קערט זיך אַלץ צוריק צום שורש און באַהעפט זיך מיט אים, דעם אחד; דעמאָלט און דאָרט זענען נישט שייך קיין קוואַליפיקאַציעס, אָדער גאָר ניגודים: נגע איז איינס מיט ענג; רשע איז זיך מצרף מיט עשר, אא״וו.
לייענען מיר ווייטער:

גיט ער אַ מאָל אַ פרעג ר׳ יעקעלע ראַדזימינער, וואָס איז געווען אין קאָצק: „יעקל, צוליב וואָס איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן?״ פאַרחידושט ענט־פערט אים ר׳ יעקעלע מיט עניוות: „ס׳טייטש, דער מענטש איז געוואָרן באַשאַפן מתקן צו זיין דאָס נפש, די נשמה.״ אַ צעקאָכטער רופט ר׳ מענדל אויס: „יעקל, אַזוי האָבן מיר נישט גע־לערנט אין פשיסכע. דער מענטש איז געוואָרן באַשאַפן צו הייבן די הימלען.״ (ז׳ 205).

קיין סתירה צווישן „הייבן די הימלען״ און „מתקן זיין דאָס נפש, די נשמה״ איז נישטאָ. ר׳ יעקעלע ראַדזימינער איז גע־רעכט. די דיכאָטאָמיע, „איך״־„אני״־„אַין״, עקזיסטירט נישט. „הנני מוכן ומזומן לייחד״ איז דער דרך. תיקון איז חסידישער דרך — דער וועג קריק אַהיים — צו דער נעסט פון עין לא ראתה. די טראַגעדיע פון הסתר־פנים געבערט די הימלען־שפּאַלטנדיקע בענקשאַפט נאָך יחוד: לשם ייחוד קודשא בריך הוא וכנסת ישראל ור׳ ישראל. אַן אַנדער זאָג פון קאָצקער: „גאָט איז דאָרט, ווו מ׳לאָזט אים אַריין״ (ז׳ 208). האָבן מיר דאָך אַ קיימא־לן, אַז „לית אתר פנוי מיניה״, און אַז כביכול איז מקומו של עולם. איז דען עמיצער בכוח אים נישט אַריינצו־לאָזן? און ווידער: „די וועלט איז נישט ווערט, אַז מען זאָל צוליב איר טאָן אַ קרעכץ״ (דאָרט). ווי קען מען דאָס שולל זיין די בריאה, דעם געטלעכן פּלאַן, דעם „סוף מעשה במחשבה תחילה״? כאָטש סע זעט אויס אין פלוג ווי נאָכטאַקעווען קהלתן, קען מען עס אָבער אויך נעמען ווי אַ דערמונטערונג־וואָרט צו אַ דער־שלאָגענעם, אויף וועלכן די הוויות העולם וועגן צו שווער און דריקן אים אַראָפּ.

ר׳ מענדל האָט צופיל אַרויסגעהויבן דעם מענטש ווי אַ זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ, כביכול; צופיל צוריקגעפּאַלן צום פעסימיזם פון מיטלאַלטערלעכע מוכיחים; פאַרצווייפלט געוואָרן זענענדיק אויף וויפל דער תיקון החטא איז געווענדט אין דעם ילוד אשה, וועלכער איז מלא שוואַכקייט, שקר און זינד. האָט דערי־בער די חסידישע שמחה געמיטן זיין צע־פייניקט געמיט.

עכאָס פון דער שינאה פון חסידים שוטים צו קאָצק (און בראַצלאַוו) האָט זיך פאַרוואַלגערט פון גאַליציע אַזש ביז בערלין, אין צייט פון ערשטן וועלט־קריג. ווי מייטליס דערמאָנט אונדז: „אָרטיקע חסידים אין גאַליציע האָבן מורא געהאַט צו דערמאָנען דעם שם קאָצק ביינאַכט.״ (ז׳ 209). ווערט טאַקע אין עגנונס „עד הנה״ (ז״ז קנו־קנז, הוצאת שוקן, תשכ״ד) דערציילט וועגן דעם, און דער אויספיר איז „שכידע קוצק שם של שין דלת הוא״ — משמע, אַז ווי ס׳איז באַוווסט איז קוצק דער שם פון אַ נישט־גוטן. אָבער „מחמת ער באַטרעפט די אותיות ש׳ד׳ה — אַ שדיכע רחמנא ליצלן״ (מייטליס, דאָרט) שטימט עפּעס נישט דער חשבון. אמת, ׳קוצקה׳ באַטרעפט ׳פוריה׳; קלינגט עס צו מאָדערן פאַר ביטשאַטש; ׳קצק׳ באַ־

טרעפט 'צר'— דער אייביקער שונא פון מענטשלעכן מין; דאָס איז אויך בדוחק; 'טומשוב' באַטרעפט הנחש (אויך המשיח ...); הקוצקאי באַטרעפט 'אב שדה'— נאָענט צו מייטליסעס שדה — אָבער דאָס לשון איז צו מאָדערן און צו קאָמפּליצירט; 'שדה' מיטן קולל באַטרעפט 'קוצקי'— לייגט זיך אפשר יאָ, און אפשר נישט, אויפן שכל; אפשר האָט באַשעוויס, וועלכער איז אויסגעקאָכט מיט שדים, דעם שליסל צו דער מיסטעריע. און מסתמא האָט דער מחבר גופא דעם ענטפער צו דער „הרת־עולמדיקער" פראַגע.

לאָמיר פאַרענדיקן דעם טרויעריקן טרויעריקן שפּאַס מיט דער הערה, אַז 'קוצק' באַטרעפט אויך 'צור' = מרון (ווי אין כבני מרון, פון „ונתנה תוקף..."). ווען מען באַזייטיקט דעם שם ח"י פון „מטטרון", בלייבט איבער 'מרון'. ווי סע שטייט אין חגיגה טו"ב, וועגן ר' מאירן וועלכער האָט געלערנט תורה פון „אחרן": „רמון (מרון) מצא, תוכו אכל (די 2 טיתן = ח"י), קליפתו זרק", משמע, ר' מאיר האָט געפונען אַ מילגרוים, זיין אינעוויניק האָט ער אויפגעגעסן, זיין שאָל האָט ער אַוועקגעוואָרפן.

די אַרבעטן וועגן 'נחבא אל הכלים', אהרן שטיינבערג; וועגן גרויסן מחבר און שפּראַך־בויער, יודל מאַרקן; וועגן וויכטיקן היסטאָריקער, סאַלאָ באַראָן; וועלן באַלויכטן יעדן איינעם וואָס וועט זיי לייענען. אָפּגערעדט שוין דערפון, אַז דאָס איז חל אויף דער עסיי, „מערב־איראָפּע און די מזרח־איראָפּעישע יידישקייט". אָבער די עסיי: „צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער מזרח־איראָפּעישער יידישקייט" איז גאָר לעילא ולעילא. דער מחבר האָט אַריינגעלייגט אין איר זיין גאַנצע נשמה. אָפּשטעלן זיך ברייטער אויף דער דאָזיקער אַרבעט וואָלט געפאָדערט אַ באַזונדערע עסיי, און וואָלט סיי ווי איבערגעחזרט ד"ר מייטליסעס מיינונגען. רעקאָמענדיר איך דעריבער אַז מען זאָל לייענען פאַר זיך דעם דאָזיקן שיר־מזמור צו אונדזערע וואָרצלען.

איך וויל בלויז אָנווייזן: א( אויף ז' 269 ווו ס'ווערט אַרויסגעבראַכט דער אונטערשייד צווישן אַשכנז און דעם קדמונישן יידישן יישוב אויף סלאַווישער ערד; ב( אויף ז' 270, ווו ס'רעדט זיך וועגן דער „סינטעזע פון האַרץ און מוח, פון געלייטערטקייט און לומדות, תורה און גוטע עמידות"; ג( אויף ז' 272, ווו דער אַזוי־גערופענער „יידישער פּאַרטיקולאַריזם" ווערט אַרויסגעהויבן קעגנאיבער דעם „כלומרשטן אוניווערסאַליזם" פון קריסטנטום; ד( אויף ז' 276, ווו ס'ווערט באַשריבן די סאָציאַלע מוסדות וואָס דער יידישער יישוב אויף סלאַווישער ערד האָט זיך אויפגעבויט, כדי צו באַשיצן זיין קיום און המשך; ה) אויף ז' 281, ווו דער אויפקום פון חסידות ווערט געזען אין דעם ראַם פון דער סכנותדיקער צייט; ו) אויף ז' 283 ווערט אַרויסגעבראַכט די געבענטשטע השפעת־גומלין צווישן חסידות און יידיש; פאַר אַ „הדרן" לאָמיר לאָזן הערן ד"ר יעקב י. מייטליסעס ווערטער, אויף זייט 288:

„די היסטאָרישע לייטער פון פאָלק ישראל שטייט וויטער פעסט פאַרפונדעוועט אונטן אויף דער ערד און איר שפּיץ גרייכט ביזן הימל. אויב היינט גייען נישט מער אויף איר קיין מלאכים ווי אין יעקב אָבינוס צייטן, טאָ שפּאַנען אויף איר איצט מיט באַדאַכטע שטאָלצע טריט אונדזערע שבת־יום־טובדיקע יידן, באַהויכטע קינסטלערס און נאמנותדיקע וואָרטזאָגערס. זיי שפּרייזן דערהויבענע און קינסטלעריש צעשטראַלטע אַלץ העכער און העכער צו די נייע שאַפערישע הייכן. מיטן ברען פון זייער פאַרבענקט האַרץ און צעברויזט־האָפערדיקן ניגון זענען זיי ממשיך די ליכטיקע ירושה פון עבר, סטימולירן און באַנייען גדלותדיק און תוכיק די קוואַליקע יידישע שאַפערישקייט צו אַ וויטערדיקן נאַציאָנאַל־אוניווערסאַלן פאַרמעסט אין איר דור־דורותדיקן גאַנג."

ד"ר יעקב י. מייטליס איז אָן ספק איינער פון אונדזערע שבת־יום־טוב־דיקסטע שרייבער, פאַרשער, און דענקער, מיט אַ פאַרבענקט האַרץ און צעברויזט־האָפערדיקן ניגון.

**חנן קיעל / ניו־יאָרק**

# לידער

## נוסח יידיש

עפּן דעם פֿאַרחתמעטן ווײַן
אין פֿאַרהוילענעם קעלער־ווינקל,
וועלן מיר דעם יין המשומר טרינקען;
מיט חתן־כּלה פֿיבערן אין שווײַגנדיקן טויער,
טובלען די לבנה־נאַכט אין פֿאַרליבטן טרויער.

אויף מײַן דאַך זיי יאָמערן,
פֿון וועגנס שפּאַרונעס גרילן זיי,
און די אַלטע ווערבע חלומט בײַ אַרײַן אין פֿענצטער:
מה נאה אילן זה.*)

אין ווינט פֿלאַטערט פּרצס
פֿאַרשפּעטיקטער האַרבסט־רויז,
פֿיאָלעטער בעז,
וועלן אונדזערע שוואַלבן צוריקברענגען
אין שנאָבל דעם געגאַרטן נס.

די כאַליאַסטרע רעבעלן
געזונט־לאַכנדיק, יינגליש־מוידיש
וועלן קלעזמערן די שירי קודש
ווי אַמאָל ירידיש
אויסזמרן די גליאיקע ניגונים
נוסח יידיש.

(1982)

*) ווי שיין איז אָט־דער בוים.

## דניאל

אין דײַן גרויליקע וויזיע, דניאל,
כ׳בין אַ שטויב פֿון פֿאַרחתמעטן סוד;
געשלײַדערט אין פֿײַער־טײַך,
אויפֿן שוים אַ געבונדענער בן אדם —
האָבן אויף מיר געווייט דײַנע חסדים.

אין לייבן־גרוב כ׳האָב מיט דיין טלית זיך געהילט,
איינגעלוליעט די חיות הקודש אין צערטלעכן שלאָף,
נאָר די סאַטראַפּן און כשדים האָבן געברילט,
געטריבן די פאַסטעכער ווי מען טרייבט די שאָף.

כ׳האָב געזען דיך, איש חמודות,
אין יענער נאַכט פון צעקרישלטן גלאָז,
ווען ס׳האָבן פענצטער געפלאַקערט אין וואַרשע,
אותיות־בליצן האָבן געקריצט
אויף צעריסענע גרודעס :
מנא, מנא, תקל ופרסין.

אויף קוילנזשאַר, געלייטערטע ווענן
מיט דיר, דניאל, כ׳גיי נאָך אַלץ
דעם וווּנדערלעכן קץ אַנטקעגן. (1981)

## מיר טרינקען נאָך דעם צויבער

בלעטער־שמות פלאַטערן אויף סומנע שטראָזן,
אין מיין גורל־וועג באַשער דיין ווינטיקן באַריר,
ניט פאַרברען די סטעזשקע צו דיין בלויער טיר;
מיר זיינען תפילות נע־ונד׳ע פון מימאָזן.

ווען אַנטלויפן כ׳וועל פאַריאושט פון בגידה
אין נאַכט־געוויטער מיט דיכטער נאַכטיגאַלן,
פאַרוועב אַ זילבער־נעסט פון לבנהדיקע שטראַלן
פאַר מיינע אויסגעשפּילטע פליגל, מידע.

שיפורע, מיר טרינקען נאָך דעם צויבער און דעם טרוים,
אונדזער אומעט — איינגעלוליעט אין פאַרהוילענע שפּאַרונעס,
מיר זיינען קליינע סלאָוויקעס, דערהערטע קוים.

מיינע פינגער ציטערן אויף ווייַנענדיקע סטרונעס,
ווי אַמאָל דער פחד אין מיין מאַמעס אויגן,
ווען פון דער ברוסט כ׳האָב שוין מיין ערב־ליד געזויגן. (1982)

# וועסעליע

אין געקנויל, ווער פלאָנטערט זיך אויף דער פּוילישער וועסעליע?
ס'איז דער פרומער געטאָ־ייִד אין די עקזאָטישע ראַכעלאַ.

אויף דער חלום־חתונה, דער דיכטער מיט דער כלאָפּקע,
פעלד־כאַכאָלן, מתים־געסט אין וויספּיאַנקיס שאָפּקע.

די נאַכט־הוליאַנקע קאָסט ניט גאָר, ס'איז בלויז אַ טוכלער שפּאַס;
אָפּגעטאַנצט אַ ווײַלע, איינער — סאָס, דער צווייטער — לאָס.

פּאַרכלינעטע פּאָעטן, די שײַן־גײַסטיקע עליטע,
אין שיכּורן געווירבל מיט שיקסעס רוי־צעבליטע.

פון אויפגעפּראַלטער כאַטע מיט זשיזוויצע און קאַרע
טראָגט זיך אין גראַמאַדע דעם פענטאָם, ווערני האַרע.

אין דער כלהס אויגן ברענען תאווהדיקע ליכט
בגילופינדיק אין טונקלשײַן פלעמלט איר געזיכט.

ראַכעלאַ מאַזורקעוועט מיט סטאַנטשיקן, דעם בלאַזן,
אויף דער וואַנט טרייסלען זיך די הייליקע אָבראַזן.

די פּאַנעס מיט די כלאָפּקעס צעברידערטע, צעגליט,
און פלעשער ניט געבליבן מער קיין טראָפּן אָקוויט.

דרימלדיקע כאָכלעס מיט בעזעמער פּאַרזוויגט
— האָסט געהאַט אַ גאָלדענעם האַרן, געבליבן איז אַ שטריק.

ס'אַ פרעמד־פּאַרווירטע חתונה, די פּוילישע וועסעליע —
אַנטלויף פון דער שאָפּקע, מײַן עקזאָטישע ראַכעלאַ.

(1982)

## לילי בערגער / פּאַריז

# קייטן אַרום האַרץ

(פראַגמענט פון ראָמאַן, וואָס דאַרף דערשיינען)

אַ ווינטערדיקער פאַרטאָג. אין דרויסן נאָך נאַכט. פינצטער. סהאָט זיך געעפנט אין טויער, אַ צווייטער. מיינע באַגלייטער האָבן מיך אַריינגעפירט אין אַ גערוימען צימער. אפשר אַ צענדליק איינגעקאָרטשעטע, צעשראָקענע געשטאַלטן אויף די בענק וואָס ביי די ווענט. אַ גוטער האַלבער טוץ באַוואָפנטע וועכטער. די מענטשן אויף די בענק זענען, זעט אויס, די ערשטע געבראַכטע פון דעם ביינאַכטיקן שניט. נישט ווייט פון מיר אַ מאַן אין מיינע יאָרן, אפשר עלטער פון מיר. אויף זיין געזיכט איז אויסגעגאָסן אי פאַרוואונדערונג, אי עפעס אַזאַ רוחניותדיקייט. מסתמא אַן אינטעלעקטועלער. איך פיל זיינע בליקן אויף מיר. צי קען ער מיך? ס׳זעט מיר אויס ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרפירן מיט מיר אַ שמועס. כ׳בין זיך נישט טועה. איך דערהער באַלד:

— אַנטשולדיקט, וויפל האַלט דער זייגער?

— שווייגן! פאַרבאָטן צו רעדן!

דער וועכטער האָט זיך געוואָנדן צום פרעגער, ער האָט זיך אָבער גלייך אויסגעדרייט צו מיר מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, מיט אַ שטיינערנעם פנים ווי ער וואָלט מיר געוואָרנט נישט צו באַגיין דאָס ניייע „פאַרברעכן" און זאָגן מיין שכן וויפל ס׳האַלט דער זייגער. טאָמער פאַרשטיי איך נישט פון זיין שטרענגן קוק, וואַרפט ער מיר צו:

— פאַרבאָטן צו רעדן !

מיר זיצן ווייטער שווייגנדיק. די בליקן פון דעם אומבאַקאַנטן מענטש בלאָנקען ווייטער אין געהיים צו מיר. ווען כ׳דריי אויס דעם קאָפ צו אים, שענקט ער מיר אַ דיסקרעטן, בלאַסן שמייכל. ווער איז ער? אַזאַ פנים זאָגט מיר יאָ עפעס. ווער קאָן דאָס זיין? מיט אַמאָל איז אַ בליץ דורכגעלאָפן אין זכרון: פראָפעסאָר קאַנטעלעוויטש! ס׳איז דער אַקאַדעמיקער אָסיפ אַלעקסאַנדראָוויטש קאַנטעלעוויטש.

ווי ער האָט זיך געענדערט! ער איז מיט 6 יאָר צוריק געווען איינגעלאַדן אויפן מערב־אוניווערסיטעט צו האַלטן אַ ציקל לעקציעס וועגן היינטצייטיקער געשיכטע. געווען דעמאָלט אַ יונגער מענטש פון אַ יאָר35־40. איצט איז זיין געזיכט פון אַש קאָליר, די באַקן איינגעפאַלן, און די שוואַרצע האָר — זילבערנע פעדים. ווי אַזוי געבן אים צו וויסן אַז איך דערקען אים? ווי אַזוי אים זאָגן אַ וואַרעם וואָרט? כ׳האָב זיך אויסגעדרייט צו אים, אויפגעצוווּנגען זיך אַ שמייכל צו טאָן:

— נישט קוקן איינער צום אַנדערן!

ד זעלבע האַרטע באַפעלערישע שטימע. ס׳ציט זיך אויס אַ האַנט, ווייזט אָן:

— זעצט אייך דאָרטן!

ג׳האָב גענומען מיין באַגאַזשל, זיך איבערגעזעצט. די אַראָפּגעלאָזענע אויגן פון פראָפעסאָר קאַנטעלעוויטש האָבן אַרויסגעשיקט צו מיר געהיימע, וואַרעמע בליקן. כ׳האָב געפילט ווי עס פאָלגן זיי נאָך שטומע, פריינדלעכע ווערטער. מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן ווי ער, פאַרזיכטיק, מיט געהיימע בליקן ענטפער איך אים אָפּ שטומערהייט. מיר פירן אַ שמועס אויף שטום־לשון, שיקנדיק קעגנזייטיק צו זיך אויסבאַהאַלטענע בליקן. אין דעם מאַכט זיך אויף די טיר.

— פרומקינאַ, קומט!

עס עפנט זיך אַ דערנעבנדע טיר און איך געפין מיך אין אַ קליינעם, כמעט ליידיקן צימער. ביים וואַנט אַ קליין טישל, אין מיטן צימער אַ טאַבורעטקע. איך בלייב אַליין, זעץ מיך צו אויף דער טאַבורעטקע. זאָל דאָס זיין מיין תפיסה־קאַמער? אָן אַ בעטל? אַזוי באָענט צום וואַרטע־צימער? פאַרוואָס האָב איך נישט געפרעגט? דער סוד קלערט זיך באַלד אויף. ס׳קומט אַריין אַ פרוי אין אַ ווייסן שירץ. ווי אַלט קאָן זי זיין? איר קאַלט, שטרענג פנים, די שאַרפע אויגן, די פאַרביסענע ליפן זאָגן דאָס נישט אויס. מס־

תמא אַ תפיסה־דאָקטער, זי טראָגט דאָך אַ ווייסן שירץ.

— טוט אייך אויס!

כ'האָב געטראָפן, אַ דאָקטער... כ'נעם אַראָפּ פון זיך די אויבער־מלבושים, בלייב שטיין אין אונטערוועש.

— נעמט אַראָפּ אַלץ! טוט אייך אויס נאַקעט! די שיך, די זאָקן אויך!

— נאַקעט? כ'בין נישט קראַנק. מיר איז קאַלט.

— טוט וואָס מ'הייסט אייך!

— איר זענט אַ דאָקטער?

— שטעלט נישט קיין פראַגן! טוט וואָס מ'הייסט אייך!

כ'פיר אויס דעם באַפעל. כ'בין נישט אויסגעשלאָפן, ציטער פון קעלט. די פרוי אין ווייסן שירץ איילט זיך נישט. זי בודקט פריער מיינע קליידער, קוקט דורך יעדעס נעטעלע, דרייט איבער די זאָקן, דרייט אויס די אַרבל, די קעשענעס פון מאַנטל, פון דער בלוזע, זוכט אין די שיך. ס'דויערט לאַנג. איך שטיי נאַקעט, מיט באָרוועסע פיס אויפן קאַלטן דיל. כ'נעם צוזאַמען די אָרעמס, פאַרלייג זיי פאַר זיך ס'זאָל מיר וואַרעמער ווערן.

— לאָזט אַראָפּ די הענט!

זי האָט פאַרענדיקט מיט די קליידער און נעמט זיך צו מיין נאַקעטן קערפּער. זי הייבט אָן פון קאָפּ, זוכט אין די האָר, צעפּלאָשעט זיי, מאַכט אַ תל פון מיין פריזור, קוקט אַריין אין די אויערן, שטעקט אַריין אַ פינגער, הייסט מיר עפענען דאָס מויל, הייבט אונטער די בריסטן, קוקט אַרונטער אונטער די אָרעמס.

— שטעלט אַרויף אַ פוס אויפן טאַבורעט! דעם אַנדערן!

זי צענעמט די פינגער פון די פיס, קוקט אַריין, לאָזט נישט דורך קיין איין שפּעלטעלע פונעם קערפּער.

צעשפּרייט די פיס! מער, מער!

זי שטעקט אַריין די האַנט. כ'לאָז אַרויס אַ געשריי: אומווירדיק! נידערטרעכטיק!

— שווייגט! אויב איר ווילט נישט אַ מאַנסביל זאָל אייך באַזוכן. טוט וואָס איך הייס אייך. דרייט אייך אויס מיטן הינטן צו מיר, בויגט אייך אָן, מער!

איך פיר ווייטער אויס די באַפעלן. זי צענעמט מיט בײדע הענט בײדע זייטן פון מיין הינטן, קוקט אַריין. ס'גייט מיר דורך אַ ציטער איבערן לייב, נישט נאָר פון קעלט נאָר פון צאָרן, פון עקל. איך שטאַמל שטיל: אומווירדיק, אומווירדיק. צום גליק האָט זי געהערט נישט דייטלעך.

— וואָס מרוקעט איר אין דער שטיל? מ'האָט אייך געזאָגט, ס'איז פאַרבאָטן צו רעדן.

זי האָט פאַרענדיקט מיט מיין קערפּער און גענומען זיך צו קאָנפיסקירן די פאַרבאָטענע זאַכן, אָפּגעלייגט אין אַ זייט דעם ביוסטנהאַלטער, דאָס גאַרטעלע פון מיין בלוזע, די בראָשקע, דעם האַלדז־שאַליק, באַפוילן איר אָפּצוגעבן דאָס חתונה־ריטגל, אַ צווייט רינגל און דאָס זייגערל.

— טוט אייך אָן!

— גיט מיר דעם ביוסטהאַלטער.

— טוט אייך אָן אָן אַ ביוסטהאַלטער!

— איך קאָן נישט זיין אָנגעטאָן אָן אַ ביוסטהאַלטער. איר האָט דאָך שוין מיין ביוסטהאַלטער שוין באַזוכט. וועל איך נעמען מיין ביוסטהאַלטער פון מיין באַגאַזשל, אויב דער איז קאָנפיסקירט.

— טוט אייך אָן אָן אַ ביוסטהאַלטער, זאָגט מען אייך. שטעלט נישט קיין קאָנטערעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען.

בעת כ'האָב זיך אָנגעטאָן האָט זי קאָנטראָלירט מיין האַנט־בײטל, מיין באַגאַזשל, אַוועקגענומען מיין נאָטיץ־ביכל, די פעדער, די בלייפעדערס, אַ שאַכטעלע מיט נאָדל־פאָדים, קנעפּלעך, אַ שערעלע, אַ מעסערל, דאָס געלט, אַ צווייטן ביוסטנהאַלטער, אַ שאַליק פון מיין באַגאַזשל, אַנדערע קלייניקייטן.

ווי גיך כ'האָב זיך אַ ביסל אָנגעטאָן, כאָטש אָן אַ ביוסטנהאַלטער, האָב איך אָנגעהויבן זיך פילן צוריק אַ מענטש. ס'איז אויסער דערנידערנדיק זיך צו געפינען מחוץ יעטוועדן געזעץ, זיין אין הענט וואָס קאָנען מיט אייך טאָן וואָס זיי ווילן; שטיין אָבער מחוץ יעטוועדן געזעץ אַ נאַקעטער מענטש, איז טאָפּלט דערנידריקנדיק. די פרוי אין ווייסן שירץ האָט נישט געוואַרט איך זאָל זיך אָנטאָן די שיך, זי האָט צוזאַמענגענומען די פאַרבאָטענע זאַכן, אויך אַלע דריי ביוסטנהאַלטערס און איז אַוועק. איך בלייב

ווידער אַליין. ווי שפּעט קאָן זיין? כ'האָב פאַרגעסן אַ קוק צו כאַפּן אויפן זייגערל, איידער כ'האָב עס אָפּגעגעבן. די אונ־טערזוכונג האָט געדויערט לאַנג. ווי לאַנג וועל איך נאָך וואַרטן אין דעם ליידיקן קאַמער? דאָס טאָר איך זיכער נישט פרעגן אויב ס'וואָלט אפילו ווער פון די וועכטער דאָ געווען. כ'בין פאַרמאַטערט פון דעם לאַנגן אָביסק, דערשלאָגן, שלעפּ־פּעריק. כ'רוק צו די טאַבורעטקע צום טישל, זעץ מיך אַוועק און שפּאַר אָן דעם מידן קאָפּ. צי האָב איך איינגעדרימלט? גיכער געהאַלטן איינגענורעט דעם קאָפּ אין די אָרעמס. כ'האָב נישט געהערט ווי די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט.

— אויפשטיין! דאָ טאָר מען נישט שלאָפן!

אַ נייער פאַרשווין איז אַריין, לויטן אוניפאָרם פון נישט קיין הויכער ראַנגע. ער האָט מיר דערלאַנגט צוויי בויגנס פּאַפּיר איבערצולייענען און אונטערצו־שרייבן. ס'זענען פאַרשריבן געווען אַלע מיינע קאָנפיסקירטע זאַכן, אפילו די צוויי נאָדלען און די זיכער־שפּילקע, גענוי אַלץ פאַרשריבן. וואָס־וואָס, נאָר אין פּרט פון פּירן חשבונות, אַלץ פאַרנאָטירן, פאַר־שרייבן אַ סך פּאַפּיר, קאָן מען זיי גאָר־נישט פאַרוואַרפן. דאָ, אין לאַגער, ווערט אויך אַלץ גענוי פאַרשריבן. ווען אַ מענטש, עטלעכע מענטשן שטאַרבן אַוועק, ווערט דורכגעפירט אַ גאַנצע בוכהאַלטע־ריע: ווו און וויפל ליידיקע נאַרעס עס בלייבן, וויפל שפּיז ווייניקער מ'דאַרף גלייך צוטיילן פאַר דער קיך און ענלעכע וויכטיקע פּרטים. למען האמת: ס'ווערט אויך פאַרצייכנט גענוי ווען דער מענטש איז אַוועקגעשטאָרבן, די גענויע דאַטע.

כ'האָב אונטערגעשריבן די צוויי בויגנס מיט מיינע קאָנפיסקירטע זאַכן, אויסגע־נוצט די געלעגנהייט און געפרעגט ווען מ'וועט מיך איבערפירן אין אַ קאַמער, באַשטימט פאַר מיר. דער באַאַמטער האָט אַ קוק געגעבן אויף מיר ווי כ'וואָלט באַגאַנגען אַ גרויסע אומטאַקטישקייט. ער איז אַוועק אָן אַ וואָרט צו זאָגן. כ'וויס ווייטער נישט וואָס ס'וועט ווערן מיט מיר. ווי לאַנג האָב איך נאָך געוואַרט? ס'האָט מיר אויסגעזען זייער לאַנג. די טיר האָט זיך פאַרט געעפנט. דער זעל־בער מונדירטער באַאַמטער:

— נעמט אייער קלומעק און קומט!

מיר זענען אַרויף אויפן ערשטן שטאָק; געגאַנגען דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר (און אפשר האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז ער איז זייער לאַנג). אומעטום פאַרהאַקטע טירן, אַ טויטע שטילקייט. ביים סוף קאָרידאָר שליסט אויף אַ וועכטער אַ שווערע מעטאַלענע טיר. כ'בין אַריין אין אַ קליינטשיקן קאַמער, אַן „אַדינאָטשקע", איינצל־קאַמער, ווי אַ שטייג. גרויע ווענט, אַ בעטל, אַ טאַבורעטקע און די באַרימטע „פּאַראַשאַ" אין אַ ווינקל, אויבן, אויבן, כמעט ביים סופיט, קליינטשיק פאַרקראַ־טעוועט פענצטערל. די „פּאַראַשאַ" האָט באַלד געלאָזט הערן פון זיך. כאָטש זי איז פאַרדעקט, טראָגט זיך פון איר נישט באַלד צונויף געקומען.

כ'האָב זיך „איינקוואַרטירט", אַריינ־געדרוקט מיין טשעמאָדאַנטשיקל אין אַ ווינקל, אַוועקגעלייגט דעם מאַנטל און אַ מידע זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל. כ'האָב דערפילט אַ דערלייכערונג. מיין גאַנצער קערפּער איז געווען צעבראָכן, די אויגן האָבן זיך געקלעפּט. קוים ווי כ'האָב אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם ווי איך דערהער אַ צוק אין טיר. צו מיינע אויערן זענען דערגאַנגען באַפעלערישע ווערטער:

— נישט ליגן אויפן בעט! פאַרבאָטן צו שלאָפן בייטאָג!

כ'האָב געוואָנדן די אויגן צום טיר. דאָס „אויגן" איז אָפן געווען. ס'האָט ווי־דער אַריינגעשריגן:

— אויפשטיין! פאַרבאָטן צו ליגן ביי־טאָג אויפן בעט!

כ'האָב צוזאַמענגענומען די צעבראָכע־נע גלידער, אויפגעשטאַנען, אַרומגעקוקט זיך. מיינע אויגן האָבן זיך אָנגעהאַנגען אויפן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל. אַ גרויע, קאַרגע פרימאָרגן־ליכט האָט זיך אַריינגעשפּאַרט דורכן פענצטערל אין קעמערל. כ'האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער טאַבורעטקע מיטן פּנים געוואָנדן צום פענצטערל, ווי ס'וואָלט מיך געמונ־טערט דערמיט וואָס פון יענער זייט איז פאַראַן אַ לעבעדיקע וועלט. אין טיר האָט ווידער אַ צוק געטאָן. אַ גרילצנדיקע

שטימע האָט ווידער אַריינגעשריגן דורכן „אויגל“:

— נישט זיצן מיט דער פּלייצע צו דער טיר! מיטן פּנים צו דער טיר!

כ'האָב זיך אומגעדרייט, דאָס „אויגל“ האָט זיך פאַרמאַכט. ס'איז מיר באַפאַלן אַ קלעפּעדיקע שלעפעריקייט. כ'האָב די נאַכט געלייגט זיך שפּעט. מ'האָט מיך אויפגעוועקט 4 אַזייגער, געשלאָפן אַ פיר שעה. שלאָף איך איין אויף דער טאַבורעטקע, וועל איך אַראָפּפאַלן, ברעכן האַלדז און נאַקן. בעסער זיך אַוועקזעצן אויפן דיל. ס'איז צעמענט, קאַלט, אָבער איך ריזיקיר נישט צו פאַלן. כ'האָב אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער קאַלטער בעטאָנענער וואַנט, אויסגעצויגן די פיס. אַ דומפּיקע קעלט האָט אַריינגעטריפט אין מיין לייב. כ'ווער פאַרשטיינערט. אין האַלדז איז טרוקן. ס'ברענט אַ דאָרשט. דער קאָפּ איז שווער, הייבט אָן זיך צו וואַקלען, די אויגן קלעפּן זיך ווידער. עס באַפאַלט מיך ווידער אַ שלעפעריקייט. צי האָב איך איינגעדרימלט? ניין, כ'האָב בפירוש געוואָלט פאַריאָגן דעם דרימל, אָבער פאַרמאַכט די אויגן. איך דערהער אַ הייזעריקע, גראָבע שטימע:

— מ'האָט אייך געזאָגט ס'איז פאַרבאָטן צו שלאָפן בייטאָג! זיצן מיטן פּנים צום טיר! וויפל מאָל דאַרף מען עס אייך איבערחזרן?

און שוין מיט אַ ווייכערן טאָן:

— נעמט אייער פרישטיק. עסט נישט אויף דאָס ברויט מיט איין מאָל, ס'איז אויפן גאַנצן טאָג.

דאָס קעטדעלע שוואַרצע, וואַרעמע וואַסער מיטן שטיקל צוקער האָט מיך דערוואַרעמט, געלאָשן דעם דורשט. איך האָב אויסגעטרונקען ביזן דנאָ. דאָס ברויט נישט געפּרוווט אפילו איינבייסן. ס'איז שווער, קלעפּיק, אַ שטיק ליים. דערווייל בין איך נישט הונגעריק. אבי אָפּגעיאָגט דעם דורשט. די שלעפעריקייט אויך אָפּגעטראָטן. וואָס טוט מען אָבער מיט זיך? ווו זיך אַהינטאָן? כ'האָב אָנגעהויבן זיך דרייען, שפּאַנען אין קליינטשיקן קעמערל, ווי אַ געפאַנגענע חיה אין אַ שטייג. עטלעכע טריט אין דער לענג, עטלעכע טריט אין דער ברייט. אָט זיץ איך אויף דער טאַבורעטקע און אָט שפּאַן איך ווידער. ווען מ'וואָלט כאָטש געקאָנט וויסן וויפל ס'האַלט דער זייגער. כ'האָב זיך דאָך דערוווּסט. אַ גרילץ אין טיר. מיטאָג. אַ בלעכן שיסעלע אָנגעפילט מיט אַ שלאַמיקער פליסיקייט מיטן אויסזען פון פּאָמיעס. אויבן שווימט אַרום אַ בלעטל פון קרויט. כ'פּרוּוו פאַרזוכן, כ'קאָן דאָס נישט אַראָפּשלינגען, כ'בין נאָך נישט גענוג אויסגעהונגערט. כ'גיס עס אויס אין דער „פּאַראַשאַ“. כ'בייס איין אין ליימיקן ברויט. יאָ, אַזאַ ברויט וועט סטאַיען אויפן גאַנצן טאָג.

דער ווינטערדיקער קורצער טאָג האָט זיך אויסגעצויגן אומענדלעך. כ'וואַרט אויפן אָונט, ווי ער וואָלט געדאַרפט ברענגען אַ דערלייזונג. דער אָנקומענדיקער אָונט דינט אויך פאַר אַ זייגער. כ'האָב שטענדיק געלעבט מיט אַ זייגער, אפילו אין די צאַרישע תפיסות. די צייט איז ביי מיר שטענדיק געווען אויסגערעכנט, זי איז געגאַנגען שנעל. איצט, שוין דעם ערשטן טאָג, האָט זיך די צייט אָפּגעשטעלט. ווי קאָן דאָס אַ טאָג, אַן אָונט זיין אַזוי לאַנג? איך טראַכט נישט וואָס ס'וועט ווערן מיט מיר, ווי אַזוי זיך צו פאַרטיידיקן; איך טראַכט בלויז ווי אַזוי דורכצושטופּן פריער דעם טאָג, איצט דעם אָונט. מיין גאַנצער קערפּער באַגערט אָפּרו, שלאָף; דאָס פאַרבאָטענע בעטל ציט מיך, לאָקט מיך ווי אַ גוטע שפּייז אַ הונגעריקן. כ'פאַל צו צום בעטל און צי מיך אויס. ווי אַזוי האָט מען זיך פון דער אַנדערער זייט מעטאַלענער טיר דערוווּסט וועגן מיין „פאַרברעכן“?

דורכן אָפענעם אויגל ריטשעט אַריין אַ שטימע:

— איר וועט גיין אין קאַרצער אויב איר וועט זיך בונטעווען קעגן רעגולאַמין!

— כ'דריי מיך ווידער ווי אַ חיה אין אַ שטייג. כ'הייב אָן ציילן מיינע טריט, ס'העלפט נישט. כ'בין דערשעפּט, שלעפעריק. איך ריזיקיר, קלאַפּ אין טיר. דאָס „אויגל“ עפנט זיך, אַ שטימע ווי פון יענער וועלט פרעגט:

— וואָס איז ווידער?

— כ'וויל זען עמעצן פון דער דירעקציע.

— שוין דעם ערשטן טאָג? בונטעוועט איך נישט!

— גיט מיר עפּעס צו לייענען.

— פֿאַרבאָטן צו לייענען!

דאָס „אויגל" פֿאַרקלאַפּט זיך. כ'קלעפּ מיך צו צו דער טאַבורעטקע, קוק שטאַר צו דער טיר, צום מיסטעריעזן „אויגל", כ'באַקום ווידער מורא נישט איינצודרימלען, הייב אָן צו רעציטירן פֿעריזן פּאָעזיע, וואָס כ'האָב אַמאָל געקענט אַ סך אויף אויסנווייניק. איך רעציטיר שטיל מ'זאָל נישט דערהערן פֿון דער צווייטער זייט טיר. כ'האַלט אין מיטן רעציטירן אברהם רייזען, ווי איך דערהער אַ סקריפּע אין טיר:

— נעמט אייער פּאָרציע!

כ'האָב זיך דערוואַרט. דער אָונט האָט זיך אַ רוק געטאָן. ווידער אַ שיסעלע געקעכץ, אַ ביסל האָבער־גרויפּן אין אַ שוואַרצער פֿליסיקייט. דאָס מאָל האָב איך געגעסן. דער הונגער לאָזט זיך שוין פֿילן. כ'האָב יעדע לעפֿל אַריינגעגאָסן אין האַלדז, האַלטן אין מויל אַזאַ ווייסן מאכל איז נישט קיין פֿאַרגעניגן. כ'בין נאָך נישט צוגעוווינט געווען. כ'האָב פֿאַרביסן מיטן רייפֿטל קלעפּיקן ברויט. צו פֿאַרטרייבן די צייט — געצופּט קליינע שטיקלעך און געלייגט אין מויל. דאָס ברויט האָט זיך געענדיקט. כ'בין געזעסן אויף דער טאַבורעטקע אַ פֿאַרגליווערטע. אין קאָפּ אַ פּוסטקייט. כ'האָב נישט געהערט דעם צוק פֿון „אויגן", דערהערט די גלילצנדיקע שטימע:

— לייגט איך שלאָפֿן!

אָ, ווי כ'האָב געוואַרט אויף דעם! פֿון 4 אַזייגער פֿאַרטאָג ביז 10 אָוונט. 18 שעה אין אַ שטייג אָן אָפּרו. כ'האָב גיך אַראָפּגעצויגן פֿון זיך די אויבערשטע קליידער און אין די טאָג־וועש זיך אַרונטערגערוקט אונטער דער שמוציקער דינער דעק. שלאָפֿן! שלאָפֿן! כ'האָב זיך איינגענורעט, אויסגעדרייט צום וואַנט, דאָס ליכט פֿון עלעקטרישן לעמפּל זאָל נישט ברענען אין די אויגן. איך מוז שלאָפֿן. אָט שלאָף איך שוין איין. אַ כריפּנדיקע שטימע האָט מיך אַרויסגעריסן פֿון האַלבן שלאָף:

— נישט ליגן אויף דער זייט! אויף דער פּלייצע! נישט פֿאַרבאַהאַלטן די הענט! די הענט אויף דער דעק!

כ'האָב אין פֿלוג נישט באַנומען. דער באַפֿעל דורכן „אויגל" האָט זיך איבערגעחזרט. כ'האָב זיך אומגעדרייט, אַרויפֿגעלייגט די הענט אויף דער דעק. ס'האָט אַוועקגענומען דעם שלאָף פֿון די אויגן. ס'האָט איצט גענומען שעהען ביז כ'בין ביים עלעקטרישן ליכט איינגעשלאָפֿן.

דער ערשטער טאָג דער שווערסטער איבערצוטראָגן דעם רעגולאַמין. ערשט אויפֿן צווייטן טאָג זיך געכאַפּט, אַז כ'בין אין פֿולשטענדיקער איזאָלאַציע. אפֿילו ווען כ'טראָג אין דער פֿרי אַרויס די „פּאַראַשאַ", ווען איך באַקום די עטלעכע מינוט אויף זיך אָפּצוּוואַשן, זעט מען און מען הערט דאָ קיינעם נישט. די וועכטערין איז אַ שווייגנדיקע, זי גיט באַפֿעלן כמעט אויף שטום־לשון.

די טעג זענען ענלעך צו זיך ווי טראָפּנס וואַסער. די זעלבע אַליינקייט. דער זעלבער רעגולאַמין. די זעלבע שטילקייט. אַ טויטע שטילקייט, וואָס עסט זיך איין אין לייב, אין די ביינער, זי לייגט זיך ווי בליי אויפֿן מוח, אויף דער נשמה, זי פּייניקט מיט אַן אויסטערלישן פּיין. כ'האָב נישט געוווּסט, אַז אַ שטילקייט קאָן צעדריקן דאָס האַרץ. נישט צו באַנעמען: די קאַמער איז קליינטשיק און מ'פֿילט זיך ווי אין אַ ליידיקן, פּוסטן חלל, מ'לייזט זיך אויף אין דער פּוסטקייט. ס'איז אַ פּוסטקייט ווי עס ווערט געשילדערט אין בראשית, איידער גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט: והארץ היתה תוהו ובוהו... ורוח אלהים מרחפת על פני המים. אין דעם תוהו ובוהו שוועבט נישט אַרום גאָטס גייסט, נאָר דער גייסט פֿון אַ טיוורלאַנישער רציחה. אין אַזאַ תוהו ובוהודיקער שטילקייט לייזט זיך דער מענטש אויף, ווערסט אַן אַבסטראַקציע, ווערסט אויס מענטש. טראָץ דעם פֿילסטו בפֿירוש ווי די שטילקייט רייסט שטיקער פֿון דיין לייב, ווי זי וואָלט געהאַט צייגער פֿון אַ טאָרטור־מאַשין; זי דערהאַרגעט אָבער נישט מיט איין מאָל ביזן סוף, זי האָט אַ סיסטעם: זי האַלט אין כסדרדיקער גסיסה.

**א. לוריא / ניו־יאָרק**

# צוויי משלים

## אַ באָק אַ פילאָסאָף

דעם באָק האָט גאָט באַטיילט אַ באָרד,
אַ באָרד
פון שענסטן סאָרט.

און צוליב דעם האָט אונדזער באָק
פאַרדינט אַ וואָזשנעם נאָמען —
אַ קלייניקייט:
אַ באָרד,
אַ באָרד — אַ הדרת־פּנים.

דער באָק האָט זיך פאַרשאַפט אַ בריל,
פאַרשנורט מיט שוואַרצן שנירל,

און אויף דער עלטער,
אין דער שטיל,
דערטאַפּט דאָס ריכטיקע פּאַפּירל
און סוף־כל־סוף
געוואָרן דאָקטאָר־פילאָסאָף.

פון דעמלט אָן
איז אומעטום דער באָק געזעסן אויבן־אָן,
און ס'האָט געקלונגען טאָג אין טאָג:
דאָקטאָר באָק!!!
דאָקטאָר באָק!!!

דאָך וואָלט פון זאַך די נאָדל גאָר ביט אַרויס
ווען ס'וואָלט דער באָק געוווּסט
ווו איין, ווו אויס.

נאָר ס'האָט דעם אַלטן באָק געצויגן
מיט די הערנער
צו קלינגען אויף דער וועלט
פאַרן גרעסטן לערנער:
אַליין
צו שטייןביים עמוד,
אַליין —
דעם שליח־ציבור,
און תמיד —
איך,
און נאָר,
און גאָר...
און ער האָט, כ'בעט אייך איבער,
געמעלה־גירהט,
געמעקעט,
געבעקעט,
און ווייסט אים דער גוטער־גוטער־יאָר.

איז זעט אים צו דערמאָנען,
למען השם אים זאָגט:
צי מיט, צי אָן דיפּלאָמען —
באָק
איז
באָק!

---

דאָ אין דער איזאָלאַציע, האָב איך באַלד פון אָנהייב אָנגעהויבן פאַרשטייק, אַז פייניקן אַ מענטש איז געוואָרן אַ קענטעניש, אַ געניטשאַפט, פּשוט אַ וויסנשאַפט. מען שטודירט אויס אַלע מיטלען, איינצלהייטן, ווי אַזוי ווירקזאַמער אָנצווענדן דימעטאָדן פון פייניקונג. כ'האָב אַמאָל געוואָלט זיך שלאָגן מיט דער גאַנצער וועלט פאַר אַלע אומגליקלעכע, געשלאָגן זיך אומעטום, אפילו אין די צאַרישע תפיסות, אויף פאַרשיקונג, קעגן יעטוועדער פאָרם פון פייניקן מענטשן. היינט ווערט אויף מיין אייגענער הויט אויסגעפּרוּווט נייע, אַכזריותדיקע מיטלען פון פייניקונג.

איך צייל די טעג. זיי שלעפּן זיך מוראדיק. איך פאַרליר דעם חשבון. איך צייל ווידער: איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן. אויב כ'בין מיך נישט טועה איז דאָס צוויי מאָל זיבן. זאָל דאָס זיין בלויז צוויי וואָכן? צוויי וואָכן אַן אייביקייט, ווי כ'בין אין צעמענטענעם קבר. פאַרוואָס רופט מען מיך נישט אויף אַ פאַרהער? אויף אַן אויספאָרשונג? צי האָט מען פאַרגעסן אין מיר ווי מ'האָט אין אַלטערטום פאַרגעסן אין מענטשן אין פאַרגעסונגס־לעכער?

ד״ר העשיל קלעפּפיש / פּאַנאַמאַ

# דער ווי און די פרייד פון אומקער

## א.

וויזט אויס, אַז אויך דאָס איז אַן אייגנאַרטיקער שטריך פון דער יידישער פּסיכיק. מיר האָבן תמיד געשאָנקען אַ סך מער אויפמערקזאַמקייט צו די וואָס זענען פון אונדז אַוועקגעגאַנגען, ווי צו די, וואָס זענען צו אונדז געקומען אָדער צוריקגעקומען. עס איז אמת, אַז אין תלמוד איז געזאָגט געוואָרן, אַז דער בעל־תשובה פאַרדינט איינזען און דרך ארץ פאַר זיך און פאַר זיין טאַט, און אַז אינעם ערך־פלאַץ, וואָס אויף אים שטייט דער אומגעקערטער, קענען אפילו די ריינע צדיקים זיך נישט שטעלן (מקום שבעלי תשובה עומדין שם צדיקים אינן עומדין שם — סנהדרין צט). אין אונדזער געזעצגעבונג איז געגעבן געוואָרן די וואָרנונג, אַז מען טאָר באַין אופן נישט דערמאָנען די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט צו אונדז, זייער פאַרגאַנגענהייט, און גורם זיין אַזוי אַרום, אַז זיי זאָלן זיך פילן אומבאַקוועם. אָבער די פאָלקס־פּסיכיק האָט אַנטוויקלט איר אייגענעם צוגאַנג צו דעם פּראָצעס פון אָפּקער און אומקער. דער אויבנדערמאָנטער תלמודישער זאָג האָט אין אויסטייטש פון פאָלק באַקומען אַ סאַטירישע אינטערפּרעטאַציע. עס איז בכלל אוממעגלעך, האָט מען געזאָגט צווישן פאָלק, צו שטיין אין איין מחיצה מיטן בעל־תשובה. עסטעטישע און היגיענישע טעמים דערלויבן נישט צו זיין מיט אים צוזאַמען.

אין פאַרגלייך מיט די מאָנאָגראַפיעס וואָס זענען געשריבן געוואָרן איבער די וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען פון אונדזערע רייען, אָדער די וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון אונדזער געדאַנקען־גאַנג, דערשיינען די צוריקגעקומענע אין אַ גאָר בלאַסער ליכט. אין פּעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, האָבן דערוואָרבן

# דער האָן

דער האָן מיט יעדן האָט געקנעלט
אַז נאָר אויף אים זיך האַלט די וועלט,
און קיינער טוט אָן אים קיין טראָט.
ער קרייעט — שאַרייעט,
די נאַכט — ער מאַכט,
און היץ איז היץ,
און קעלט איז קעלט,
אַ קריי ניט מער — ווי ער באַפעלט.
און ס׳איז ניט קיינעם געקומען אויפן זינען
אַז ס׳טוט דער האָן זיך נאַריש גאָר
באַרימען.

דערווייל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג:
דער האָן איז קראַנק.
פאַרקילט.
ער הוסט.
און ניסט.
און הייזעריק ווי נאָר די וואַנט.
און ווער מיר קרייען, וואָס מיר קרייען —
די אויגן אים פאַרגייען.

איז גלייך אַן אימה
באַפאַלן יעדן איינעם,
ס׳האָט יעדערער געציטערט ווי אַ בלאַט,
ווייל אַקוראַט
צווישן „יאָ“ און „ניין“
איז קען די וועלט חלילה אונטערגיין.

ניט מער, ווי זאָגט מען:
„נאָר“...
נאָר גאָרניט האָט געטראָפן
און גאָרניט איז געשען.
גאָרניט גאָר.
ס׳איז אַלץ געבליבן ווי געווען
און ניט געביטן אויף אַ האָר.

דער טאָג, די נאַכט,
די היץ, די קעלט
ניט האָבן אויף קיין רגע זיך אָפּגעשטעלט.
די וועלט איז דאָך פאַרבליבן וועלט.

עס האָט זיך פּינקטלעך אַלץ געטאָן
און אָן דעם האָן.

גרויסע פּאָפּולערקייט די מאָנאָגראַפיעס פון שמואל לייב ציטראָן וועגן די אַפּטרי־ניקעס. די דאָזיקע ביאָגראַפיעס האָבן צו־ערשט זיך געדרוקט אין פאַרזעצונגען אין די טעגלעכע צייטונגען, וואָס זענען דע־מאָלט דערשינען אין פּוילן. און ווען זיי זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוך־פאָרם, האָבן זיי געהאַט אַ שטאַרקן דער־פאָלג צווישן לייענער־עולם. איבער אלישע בן אביה, דער תנא, וועלכער איז אַוועק צו דער העלענישער פרעמדער וועלט, און וועלכער איז זינט דעמאָלט גערופן געוואָרן דורך יידן מיטן נאָמען אַ ח ר, ווייל ער איז אויסגעקומען אין יידישע אויגן צו האָבן געוואָרן אַן אַנדער מענטש, זענען דערשינען פּאָעמעס, דערציילונגען, אָפּ־האַנדלונגען, דראַמעס, אין העברעיש און יידיש.

מאיר לעטעריס, פרץ סמאָלענסקין, אהרן יעלינעק, מיכה יוסף בערדיטשעוו־סקי, האָבן אַנאַליזירט, יעדער איינער אויף זיין שטייגער, דעם פלאָנטער פון זיין פּערזענלעכקייט. אין מיין זכרון איז פאַר־בליבן איינגעגראָבן אַ דראַמע, וואָס איך האָב מיט יאָרן צוריק געלייענט אין יידיש און וואָס איר מחבר איז געווען ד"ר י. ב. ציפּור, אַן אינטעלעקטואַל פון גרויסן פאָרמאַט, ווו אלישע בן אבויה איז גע־צייכנט געוואָרן אין קנויל פון זיינע אי־בערלעבונגען. אין ענגליש איז פאַר איי־ניקע צענדליק יאָר דערשינען אַ דער־ציילונג פון מילטאָן שטיינבערג געוויד־מעט דעם תנא וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דער געדיכטעניש פון דער גריכישער פילאָסאָפיע. דאַקעגן איבער די, וואָס זענען צו אונדז געקומען אָדער צוריק־געקומען, נאָכדעם, ווי זיי האָבן געבלאָנ־קעט איבער פרעמדע פעלדער איז מען פאַרביי מיט האַלבן אָדער גאַנצן שטיל־שווייגן, און די פּראָפּאָרץ איז ווייט נישט קיין געראַכטע.

בלויז אין די תנ"ך־צייטן האָבן די, וואָס האָבן אויסגעטראָגן די באַגינען־וויזיע פון אונדזער טראַדיציע, באַטראַכט פאַר וויכטיק צו באַשרייבן אין אַ מגילה די לעבנס־פּאַסירונגען פון דער פּרוי, וואָס איז געקומען צו יידן פון די פעלדער פון מואב, און וואָס האָט פאַרזיכערט, אַז אונ־דזער פאָלק איז איר פאָלק און אונדזער גאָט איז איר גאָט: מגילת רות. עס איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען מעגלעך, אַז דער דאָזיקער בליק פון באַגינען זאָל איינ־גאַנצן פאַרשווינדן אין די שפּעטערדיקע תקופות. זענען טאַקע אויך אין דער עפּאָ־כע פון תלמוד אונקלוס דער גר און זיין אַראַמעישער תרגום פון חומש זיך צונויפ־געוואַקסן מיטן חומש גופא, און צונויפ־געקייטלט געוואָרן מיט דער פאַרהייליק־טער שבת־טראַדיציע. אָבער געשיכטלע־כע פאַרהעלטעניש האָבן, ווייזט אויס, באַוויזן, אַז אומצוטרוי זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער אָפּנהאַרציקייט, און חשד זאָל זיין די ערשטע רעאַקציע לגבי אַ געקומענעם אָדער צוריקגעקומענעם. און הגם מען האָט נישט געוואָלט אָפּ־וואַרפן לגמרי דאָס געפיל פון סימפּאַטיע לגבי די, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז, האָט מען זיך דאָך אויך אויסגע־דריקט, אַז די, וואָס קומען צו אונדז פון דרויסן, זענען בעצם פאַר אונדז אַ שווע־רע לאַסט און אַן אַנשיקעניש. („קשים גרים לישראל כספחת"—יבמות מז). און דער אומצוטרוי האָט זיך אויסגעצויגן אויף אַלע. אויך אויף די צוריקגעקומענע האָט מען אויסגעשטעלט פאַרוואונדערטע אויגן. און די וואָס האָבן דערוואַרט צו באַגעגענען ביי אונדז ענטוזיאַזם און גלויבן, האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף סקעפּ־טיציזם, און אין בעסטן פאַל, אויף צוריק־געהאַלטנקייט.

אפילו לגבי די גרויסע בעלי תשובה פון די מאָדערנע צייטן — און אין דער דאָזיקער עסיי גייט אונדז טאַקע בעיקר אין די בלאָנדזשענדיקע נשמות, וואָס האָבן זיך אומגעקערט צו זייער יידישן שורש — וועלכע האָבן דאַכט זיך ביי קיי־נעם נישט באַדאַרפט אַרויסרופן קיין ספקות, נאָך דעם ווי זיי האָבן מיט פולער אויפריכטיקייט אויפגעדעקט די וואונדן פון זייער האַרץ, איז נישט גלייך אַרונ־טערגעפאַלן די מוירע פון אומצוטרוי. אחד־העם האָט גאָר נישט געוואָלט נתפעל ווערן פון דאַרנדיקן און ווייטאָגדיקן וועג פון אומקער, וואָס טעאָדאָר הערצל, דער

אַסימילירטער זשורנאַליסט פון ווין, האָט
אַדורכגעמאַכט נאָך זיינע ביטערע אַנטוי־
שונגען אויפן דרייפוס־פּראָצעס. אין זיין
אָפּהאַנדלונג, וואָס ער האָט פאַרעפנט־
לעכט אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונ־
דערט וועגן הערצלס „אַלטניילאַנד״, האָט
אַחד־העם גראָד זיך אָנגעשטרענגט צו
באַווייזן, אַז אויך נאָכדעם ווי הערצל האָט
זיך אומגעקערט צו יידן און יידישקייט,
איז ער דאָך אין תוך פאַרבליבן אַ פרעמ־
דער, אַ דרויסנדיקער, און אַז ווייל איז
בכן צו דעם, וואָס האָט אָפענע אויגן, און
גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון ווילדן מישמאַש
וואָס זיין אידעען־וועלט שטעלט מיט זיך
פאָר.

איבער וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי האָט
כסדר אין דער קריטיק, וואָס איז אויס־
געמאָסטן געוואָרן קעגן אים דורך זיינע
קעגנער, זיך איבערגעחזרט דער אַרגו־
מענט, אַז אַזעלכע זענען זיי, די פאַר־
פרעמדטע נשמות, וואָס זוכן וואַרעמקייט
אין דער יידישער גאַס. וואָס קען מען
דערוואַרטן פון אים? — האָט מען גע־
טענהט אין דער קעגנערישער מחנה —
ער האָט דאָך יאָרן־לאַנג נישט געטעמט
אין דער יידישער סביבה, וואָס איז דער
וווּנדער, אַז ער קומט צו אונדז מיט אַ
דאָקטרין פון דרויסן?.

פראַנץ ראָזנצווייג איז נישט דורך אַלע
אויפגענומען געוואָרן מיט אנערקענונג
אָן באַוואָרענישן. עס האָבן זיך געפונען
אַזעלכע, וואָס האָבן אַרויסגעגורט אין זיין
שאַפן די השפעה פון גלחים־סעמינאַר,
ווו ער האָט שטודירט אין זיין יוגנט.
אפילו נתן בירנבוים, וועלכער איז אין
זיין אומקער צו יידישקייט דערגאַנגען
צום פולן עקסטרעם, איז פאַרבליבן סוף־
כל־סוף אין איינזאַמקייט אפילו צווישן די
צו וועלכע ער האָט זיך געטוליעט. אָפּ־
געערעדט דערפון, אַז די אַנדערע, וואָס
זייער אומקער־פּראָצעס האָט נישט אַרויס־
גערופן קיין גאָר טיפן אָפּקלאַנג אין דער
עפנטלעכער מיינונג, זענען פאַר אונדז
פאַרבליבן „מאָדנע״ סודותפולע פערזענ־
לעכקייטן, וואָס דאַרפן ערשט אינטער־
פּרעטירט ווערן און אין וועלכע מען דאַרף
ערשט לערנען פשט.

ווער האָט ביי אונדז אויפגענומען מיט
געפיל און האַרץ דעם רירנדיקן ווידוי
פון מ. א. גערשענזאָן, דער יידיש־רוסי־
שער ליטעראַטור־היסטאָריקער, וואָס האָט
נאָך יאָרן פון שטורעם און דראַנג געוואָלט
דווקא איינשטילן זיין גייסטיקן דורשט
טרינקענדיק פון די אַלטע יידישע קוואַלן?
און האָבן אַלע צווישן אונדז מסכים גע־
ווען מודה צו זיין, אַז לודוויג לואיסאָן,
למשל, פאַרדינט אָוועקגעשטעלט צו ווערן
ווי דער טיפּ בעל־תשובה, וואָס איז אויס־
געוואַקסן און רייף געוואָרן אין דעם גייס־
טיקן שטורעם, וואָס אַ סך אַסימילירטע
יידישע אינטעלעקטואַלן האָבן אַדורכגע־
מאַכט און מאַכן אַדורך אין די פאַראייניק־
טע שטאַטן? נישט איין מאָל האָט לודוויג
לואיסאָן זיך געקלאָגט, אַז מען פאַרשטייט
אים נישט אין זיין אַנגסט פון אומקער.

אויך דאָס איז, משמעות, איינער פון די
שטריכן פון דער קאָמפּליצירטער יידי־
שער פסיכיק, וואָס האָט וואַרשיינלעך
טיפע געשיכטלעכע סיבות פאַר איר
אויספאָרמירונג. גראָד אין דער יידישער
לערע איז נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק
רייף געוואָרן דער רובריק פון אַ נייעם
גייסט און אַ ניי האַרץ. אין אונדזער טורם
פון אידעען האָט דער נביא יחזקאל אויפ־
געשטורעמט די געוויסנס מיט זיין רוף
דורך אָנגעשטרענגטער אַרבעט איבער
זיך אויסצובויען אַ נייע אינערלעכע וועלט
(ועשו לכם לב חדש ורוח חדשה — יחזקאל
י״ח לא).

אין צוועלפטן יאָרהונדערט האָט דער
רמב״ם אין קלאָרן און לויטערן סטיל
אַרויסגעהויבן די הויכע עטישע מדרגה
פון די, וואָס קומען צוריק צום מקור.
עס איז טאַקע בתכלית המעגלעכקייט צו
ווערן אַן אַנדער מענטש, האָט געשריבן
דער רמב״ם. עס איז טאַקע מעגלעך צו
זאָגן וועגן זיך: איך בין נישט מער יענער
וואָס האָט אָפּגעטאָן יענע מעשים. איך
בין אַן אַנדערער...

אָנהייב היינטיקן יאָר הונדערט האָט
הערמאַן קאָהען אויסגעדריקט זיין מיינונג
אַז דער אומפאַרגענגלעכער ווערט פון
דער יידישער לערע באַשטייט טאַקע דע־
רין, וואָס זי האָט געבערענגט צו די מענ־
טשן די מעגלעכקייט צו ווערן אַנדערש.

אין אַ וועלט פון פּרימיטיווע באַגריפן, ווו די אידעע פון אַן איבערקערעניש, וואָס קען פאָרקומען אין מענטש גופא, איז אויסגעקומען צו זיין אוממעגלעך, האָט דאָס יידנטום אַריינגעפירט די סאַמע טיפּסטע רעוואָלוציע, די רעוואָלוציע פון איבערבויען זיך. און דאָך, נישט געקוקט אויף דער דאָזיקער דורותדיקער לערע פון כאַראַקטער־איבערבוי, לאָזט זיך דאָך נישט זאָגן, אַז מיר האָבן ווירקלעך אַלע מאָל אויפגענומען די אומגעקערטע מיט פולער פאַרשטענדעניש.

מיר טוען דאָס אויך נישט היינט. אפשר קיין מאָל זענען נישט געווען אַזוי פיל בעלי תשובה ווי אין אונדזער דור. זיי זענען פאַראַן אין אַ גרויסער צאָל אין מדינת ישראל. זיי זענען פאַראַן אויך אין די יידישע קיבוצים אין גאָר דער וועלט. אָבער אומעטום קוקט מען אויף זיי, אין רוב פאַלן, ווי אויף „מאָדנע" זין און טעכטער פון אונדזער פאָלק, וואָס אין זייער לאַנגווייליקייט איז זיי דערעסן געוואָרן צו וואַנדלען אין דער פרעמד. אומעטום פאַלט דער שאָטן: ווער ווייסט, זאָגט מען, וואָסערע סיבות מיר האָבן זיי געשטויסן זיך צו דערנענטערן צו די וואָרצלען. ווי איראָניש: יידן וואָס האָבן ליב זיך אַריינצולאָזן אין חקירות איבער כלערליי דערשיינונגען, צייכענען זיך גראָס אויס, ווען עס האַנדלט זיך וועגן פּראָבלעם פון אומקער, מיט איבערראַשנדיקער אויבערפלעכלעכקייט.

איז אפשר טאַקע פון באַזונדער אַקטועלקייט צו באַהאַנדלען דריי געשטאַלטן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אין תלמוד פון צווישן יענע, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם ווייי און די פרייד פון גיין אויפן וועג צוריק. אין דער היינטצייטיקער העבּרעאישער מחשבות ־ ליטעראַטור האָט אַבּרהם קריב אין זיין ספר „מסוד חכמים" אויפגעפרישט זייער באַטייט פאַר אונדזער דור. און די טעמע פאַרדינט כסדר אויפמערקזאַמקייט.

## ב.

מיר וועלן אָנהייבן מיט יקים איש צרורות. ער האָט געלעבט אין דער צייט פון אויפשטאַנד פון די מכבים. דאָס הייסט בכן אין צווייטן יאָרהונדערט פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג. ער איז געווען אַ שוועסטערן־זון פון יוסי בן יועזר איש צרידה, דער נשיא פון סנהדרין, וועלכער האָט זיך איינגעגראָבן אין אונדזער זכרון נאָך גלייך אין אונדזערע קינדער־יאָרן, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן זאָגן פּרק אין די זומערדיקע שבת־נאָכמיטאָגס. דאָרט, אין פּרק, געפינען זיך אייניקע פון די געדאַנקען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין יענער גורל־צייט פאַר פאָלק און לאַנד (פּרקי אָבות א, ד). אָבער דער דאָזיקער יקים האָט זיך מוראדיק דערווייטערט פון זיין פעטער און פון דער לערע פון זיין פעטער. אים האָט געלאָקט דער רייץ פון דער אַסימילאַציע; אים איז געפעלן געוואָרן דער לעבנס־שטייגער, וואָס דער טריומפירנדיקער העלעניזם האָט פּראָקלאַמירט. דאָס איז אויך געווען, פאַרשטייט זיך, באַקוועמער.

אין דער תלמודישער ליטעראַטור (מדרש רבה, סה, כב) ווערט געשילדערט דער לעצטער אַקט פון דער דראַמע פון פאַרראַט.

דער עפּילאָג פון חרטה, מיט וועלכן זי שליסט זיך, איז אויפציטערנדיק. דער פעטער, דער נשיא פון סנהדריין, איז פאַראורטיילט געוואָרן צו דער תליה דורך די גריכיש־סירישע אָקופּאַנטן. דאָס איז גראָד געווען אַ שבת. דער נשיא פון סנהדרין איז געגאַנגען צו דער תליה. זיין שוועסטערן־זון האָט אין יענעם מאָמענט געריטן אויף זיין פערד. ער האָט באַמערקט דעם פעטער. ער האָט אים אָבסערווירט מיט גרינגשעצונג. ער האָט צו אים געוואָרפן ווערטער, וואָס פון זיי האָט געשפּריצט חוזק. ער האָט צו אים געזאָגט מיט שפּאָט: זע אַדרבא, ווי אַזוי דו פאַרענדיקסט דיין לעבן, און פאַרגלייך דאָס, ליבער פעטער, מיט דער מערכה אין וועלכער איך געפין זיך. גיב אַ קוק אויף מיין פערד, זע דעם כבוד וואָס מען גיט מיר אָפּ...

אָבער זיין פעטער, יוסי בן יועזר, איז נישט נתפעל געוואָרן פון די גאוההדיקע רייד פון פאַררעטער. ער האָט אָפּגעענטפערט זיין פאַרריסענעם שוועסטערן־זון מיט זיכערקייט און מוט. ניין, ער וויל

זיך מיט אים נישט טוישן. ער איז נישט מקנא אים און נישט זיין פערד. ער וויל גלייכער אומקומען. זיינע טריט צו דער תליה זיינען געוואָרן נאָך מער זיכער און מונטער.

דאַן איז פאָרגעקומען דער איבערברוך אין ווידערשפעניקן. די נישט איינגעבראָכענע זיכערקייט פון מאַרטירער האָט אים אַריינגעפירט אין שטוינונג. ער האָט מיט אַמאָל דערשפירט, אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען אויף אַ פאַלשן וועג. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ מענטש, וואָס שפאַנט רויק אַנטקעגן טויט. ער האָט דערפילט די חרפה פון פאַרראַט. עס האָט אים באַוועלטיקט די ערנסטע און גרויסע חרטה, און אין אים איז אויפגעגאַנגען די איבערצייגונג, אַז דער עלנטער און אומגליקלעכער איז דווקא ער, און נישט דער פעטער, דער מאַרטירער.

מיט באַצווינגנדיקער פשטות דערציילט דער מדרש, ווי אַזוי דער אומגעקערטער האָט זיך אַליין פאַראורטיילט אויף שרעקלעכע יסורים. יקים איש צרורות, האָט איבער זיך איינגעפירט די שטראָף אין איר גאַנצער האַרבקייט. אָבער אין דעם שוידערלעכן ווי פון די יסורים, וואָס ער האָט זיך פאַרשאַפט, איז אין אים אויפגעגאַנגען די לויטערע פרייד פון אומקער. אַזעלכע זיינען זיי, באַווייזט אונדז יענע פאַרטיפטע שטעלע אין מדרש. מוראדיק איז זייער ווייטיק, אָבער וווּנדערלעך איז זייער פרייד. אוז אפשר דאָס איז טאַקע די כוונה, וואָס צו איר איז געצילט יענער זאָג, אַז מען קען גאָרנישט דערגרייכן צום אָרט, וואָס אויף אים געפינט זיך דער, וואָס קערט זיך אום צום מקור. מען קען גאָרנישט האָבן קיין באַגריף וועגן דער פרייד פון גיין אויפן וועג צוריק.

דער צווייטער פון די דאָזיקע געשטאַלטן איז יוסף משיתא, ער האָט געלעבט אין אַ שפעטערדיקער תקופה. דאָס איז געווען אַ צייט פון טראַגעדיע און איבערברוך. דער ערשטער יאָרהונדערט פון דער אָנגענומענער צייטרעכענונג. די רוימער האָבן פאַרנומען דאָס יידישע לאַנד, אַריינמאַרשירט קיין ירושלים, דעראָבערט דעם בית המקדש. און זיי האָבן דווקא געוואָלט, אַז אַ ייד זאָל דער ערשטער אַריינגיין אין הייליקסטן אָרט פון די יידן, אַז אַ ייד זאָל פון דאָרט אַוועקרויבן די הייליקטימער. דאָס האָט געניצט פאַר זייער אימפעריאַליסטישער פאָליטיק. דער מדרש דערציילט וועגן דעם בפרטות (בראשית רבה, סה, כב): זיי האָבן געזאָגט צו דע סיוסף משיתא, וואָס האָט מיט זיי מיטגעאַרבעט: גיי דו אַריין און וואָס דו וועסט פון דאָרט אַרויסנעמען וועט געהערן צו דיר. יוסף משיתא איז געווען צופרידן אויסצופירן דעם באַפעל. מיט פאַרשייטער גאווה איז ער אַריינגעגאַנגען אין בית המקדש און מיטגעבראַכט פון דאָרט די גאָלדענע מנורה. גיי נאָכאַמאָל — האָבן אים די רוימער באַפוילן — נעם אַרויס נאָך מער אוצרות פון די יידישע הייליקטימער. אָבער אין יענעם מאָמענט האָט עפעס זיך אָפגעשפילט אין דער נשמה פון אָפטריניקן. ער האָט מער נישט געוואָלט גיין. די חרטה האָט אין אים געברענט און געבריט. אומזיסט האָבן די רוימישע הערשערס געהאַלטן אין איין שרייען: גיי, גיי, ברענג אַרויס מער רויב פון דאָרט!

יוסף משיתא איז מער נישט געגאַנגען. מען האָט אים אָנגעטאָן שרעקלעכע יסורים. דער פאַרשוין איז נישט אָפגעטראָטן פון זיין עקשנות. ער האָט זיך געקנוילט אין ווייטיק און געשריען: אוי ווי, איך האָב אָפגעטאָן אַ שענדלעכע זאַך!

די תלמודישע כראָניק פאַרוועבט אויך אין דעם פאַל ווי מיט דער פרייד. נישטאָ וואָס צו צווייפלען: דער אומקער האָט געהייליקט די איבערלעבונג. נישט צוזאָגן, נישט דראָונגען, נישט פייניקונגען אָפצושוואַכן דעם ווילן פון די, וואָס האָבן אויף אַן אכות באַוויזן אַרויפצושטייגן אין דער הויך פון כאַראַקטער און צופלאַקערן דעם ניצוץ, וואָס האָט אין זיי געטליעט.

פאַראַן אויך אַ דריטער אין תלמוד. אין דאָזיקן פאַל האַנדלט זיך נישט וועגן נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן פאַרראַט. דאָ האַנדלט זיך וועגן מאָראַלישער ירידה. אלעזר בן דרדיא האָט ער געהייסן, און איבער אים ווערט דערציילט, אַז ער איז

געזונקען אין תהום פון מאָראַלישער גע־פאַלנקייט. (עבודה זרה יז). אָבער אין אים האָט זיך אויפגעוועקט דער יידישער צוגאַנג צו לעבן און זין פון לעבן. ער איז אַרויף אויפן וועג פון אומקער. ער האָט דווקא געוואָלט נעמען צו הילף הימל און ערד, אַז זיי זאָלן פאַרזיכערן, אַז זיין אומקער איז ערנסט און גאַנץ. ער האָט געפּרוּווט נעמען צו הילף די זון, די לבנה און די שטערן. אָבער דאָס איז פּאַקטיש נישט נייטיק געווען. מען האָט נישט געקענט צווייפלען אין אמת פון זיין איבערברוך. די טויערן פון הימל האָבן זיך געעפנט פאַר דעם אויפציטערדיקן חרטה־געוויין. אלעזר בן דרדיא האָט גע־ראַטעוועט זיין נשמה און זיין וועלט „בשעה אחת", אין איין קורצער שעה — באַשטימט דער תלמוד.

## ג.

מען קען נישט זאָגן, אַז די, וואָס האָבן פאַרצייכנט אָט די באַלערנדיקע און רירנ־דיקע עפּיזאָדן אין דער תלמודישער ליטעראַטור, זענען נישט געווען גענוג שטרענג אין זייערע פאָדערונגען צום מענטש און ייד. ביי דעם גאַנצן לירישן טאָן, וואָס אין אים פאַלן פון מאָל צו מאָל אַריין די, וואָס האָבן אויפגעשטעלט דעם גרויסאַרטיקן בנין פון תלמוד — דער טאָן וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַגדה און פאַר די מדרשים — האָבן זיי דאָך ווייט נישט געמאַכט קיין הנחות בעת עס זענען געשטאַנען אין קאָן די פּרינ־ציפּן, וואָס פון זיי איז אוממעגלעך אָפּצו־נייגן. אָבער די דריי פּערזאָנען, וואָס טרעטן אַרויס אין די אויבן־געבּרענגטע שילדערונגען, זענען סימבאָלן פון דער גייסטיקער דינאַמיק, וואָס אין איר האָבן די שטרענגע לערערס פון תלמוד טיף געגלויבט. אומקער איז מעגלעך, אום־קער איז רעאַל. אין האַרץ פון מענטש קען זיך עפּעס אָפּרייסן.

די, וואָס קערן זיך אום, זענען ווי די רויזן. (נקראו שושנים וידידים — ילקוט שמעוני). תשובה דערגייט צום כסא הכבוד. (יומא פו). תשובה איז אַן אור־קראַפט. זי האָט עקזיסטירט נאָך איידער דער אוניווערס האָט אָנגענומען זיין פאָרם. זי פּולסירט אין האַרץ. און אויב זי טרעט נישט אַלע מאָל אַרויס באַשיימפּערלעך פאַרן אויג, איז דאָס דערפאַר, ווייל יידן זענען נעבעך געיאָגט און געפּלאָגט, ווייל זיי ראַנגלען זיך פאַר אַ מקום מנוחה און פאַרן שטיקל ברויט (פּרקי דרבי אליעזר).

לאָמיר אַלזאָ נישט גרינגשעצן די אומ־קער־דערשיינונגען, וואָס זענען אַ טייל פון דער איצטיקער יידישער ווירקלעכ־קייט. לאָמיר זיי נישט אָוועקמאַכן מיט קיין „עט"־באַמערקונגען. אונדזער דור איז דער דור פון חורבן, פון אויפבוי, אָבער אויך פון גרויסער יידישער אויפ־וואַכונג. אַ דור פון צער, אָבער אויך פון דער פרייד פון זוכן די קוואַלן.

אין אַ תקופה, וואָס אין איר האָט זיך געטראָגן גרויסער יידישער געוויין און איבער איר האָט געפלאַטערט גרויסע יידישע האָפענונג, האָט געלאָזט פאַלן זיין באַמערקונג דון יצחק אברבנאל: שטערן לייכטן נאָר אין דער נאַכט. אויך דאָס ליכט פון דער יידישער נשמה שיינט אויף דעמאָלט, בעת עס איז פינצטער. איך האָב דאָס געזען מיט מיינע אויגן אין דער צייט פון גירוש ספרד. ביי די ערגסטע האָט דעמאָלט אויפגעלויכטן דער אור ישרא ד.לאָס ליכט פון יידישקייט...

אין ענלעכע פאַרהעלטענישן, אין מיטן פון געשעענישן, וואָס האָבן אויפגע־טריסלט דעם מזרח־איראָפּעישן קיבוץ און זיך אויסגעוויזן צו באַדראָען די יידי־שע צוקונפט, האָט אויסגערופן רבי ישראל פון ריזשין: אפילו ווען אַ ייד זינדיקט, האָט ער אויך דאַן גאָט אין האַרץ. על אחת כמה וכמה בעת ער קומט צוריק צום שורש.


אַבאָנירט און שטיצט

**חשבון**

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו־יאָרק.

אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# א הסתדרות
# אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 20% (לויט די יאָרן)

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

**זייט איר פאַראינטערעסירט...**

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 20% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט פונדאַציע.

דזשאָדזש סעם ס. שוואַרץ, פּרעזידענט • אברהם פרענק, דירעקטאָר

שניידט אוים דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**

**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90048 — Tel. 651-4892

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..............................................................

Address.......................................................................

Date of Birth................................Soc. Sec. No.............................

Principal Amount $...........................................................

Date.......................Signature of Applicant.................................

מאַרטין בירנבוים / ניו־יאָרק

# לידער

## וואָס כ׳האָב ניט געהאַט

דאָס, וואָס כ׳האָב ניט געהאַט,
מיט דעם בין איך זיכער...
ס׳קען ניט דערטראַנקען ווערן
אינעם עסיק פון פאַרראַט;
ס׳קען ניט אָוועקגעריסן ווערן
פון דער צייט און אירע וויכערס.

דאָס, וואָס כ׳האָב קיינמאָל ניט באַזעסן,
האָט ניט פאַרשטויסן מיך
אין קיין שום הפקר־קעלטן;
עס האָט ניט געטראָגן קיין באַהאַלטן מעסער;
עס האָט מיך ניט פאַרוויסט
קיין בליענדיקע פעלדער
און ניט פאַרפינצטערט מיר קיין גלויבנס־וועלטן.

דאָס, וואָס איז קיינמאָל ניט
צו מיר געקומען,
האָט ניט געלאָזן מיך
צעשטאָכן־וואַך
אויף אַן איינזאַמען געלעגער
עס האָט קיין ליבשאַפטן,
קיין בוקעטן צו מיין טיש געבראַכט
און ס׳האָט ניט באַרויבט מיך
פון אילוזיעס
אפילו אויף קיין רגע.

דאָס וואָס איז קיינמאָל ניט געווען
אין מיין באַזיץ,
האָט קיין אמת ניט צעשטערט מיר.
ווייס איך ניט —
צי וואָלט בעסער מיר געווען איצט,
ווען די ניט־האָבענישן מיינע
וואָלטן יאָ געווען באַשערט מיר — ?

בין איך ניט דאַנקבאַר היינט
פאַר דעם, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט
און וואָס אויסגעמיטן סי'האָט מיך
דער אַזאַרד פון אפשרדיקע פלאָגן...
צי וואָלט אין האַרץ ביי מיר
געטונקלט צי געשיינט,
טראַכט איך,
אַן פאַרט וואָלט גרעסער מיין באַזיץ געווען,
ווען איך וואָלט דאָס ניט־געהאַטע
יאָ געווען פאַרמאָגן.
(1982)

# אַנטרוישט

די צייט האָט מיך אַנטרוישט
און מיך אַרויסגעריסן
פון די פיבערדיקע קאַראַהאָדן
כ'האָב אַלץ דערזען
נאַקעט און ברוטאַל אַנטבלויזט!
און שטאַר בין איך געבליבן
און דערשיטערט
אין דער ענדלאָזיקייט פון שאָדן...

איצט בין איך אַ ניכטערער,
מיט צעריסנקייטן פול,
און כ'קוק מיט חשד
אויף אַלע צו דער צוקונפט בריקן...
צופיל אין מיין יאָרהונדערט
האָט אויסגעלאָזט זיך
מיט אַ בלוטיק־רויטער בול!
כ'האָב אַ חלום נאָך —
נאָר איך ווייס ניט
צו וועלכן וויטן שטערן כ'זאָל אים שיקן...
(יוני 1982)

# נאָך די האַרבע רייד

נאָך די שטעכנדיקע ווערטער,
נאָך די האַרבע רייד,
איז אין שטוב די שטילקייט
איינגעהילט אין קראַפּעווע
צענויפגעהעפט מיט די שפּיזלען;
אַן אומעט־גרויע דעק
בלייבט איבער אַלץ צעשפּרייט
און פון אַלע ווינקלען
קען מען דאָרט זיך הערן
דאָס האַרץ־פאַרקלעמענדיקע ריזלען.
ווי אין אַ נעפּל
רירט זיך שאָטנדיק־באַזונדער
יעדער סילועט —
קוים באַוועגלעכע, צעריסענע געוועבן —
אַ ווינטערדיקע קעלט
שאָטנט פון דעם טאָפּל־בעט —
אַ צווינטער, אַ בית־עולם
איז צעאָטעמט מערער דאַכט זיך
מיט וואָרעמקייט און לעבן.
(1982)

ס. נאָטקעוויטש

# זיכרונות פון אַ קינדהייט

## די ירושה פון מאַריאַננאַ

די וואָלקנס זיינען נידעריק געהאָנגען איבער דער שטאָט און דער רעגן איז געווען קאַלט. פאַרן טויער פון הויז האָבן זיך געזאַמלט מענער און פרויען און אַ פּאָליציִיִאַן האָט געשריען אויף די „דראָשקע"*) פורמאַנעס.

אין פראָנט פון טויער איז געשטאַנען די עגלה און די לוויה האָט זיך גערירט פון אָרט.

איך בין געווען אין אַ דראָשקע איינגעטוליעט אין דער וואַרעמקייט פון אונדזער דינסט־מיידל מאַריאַננאַ, מיין אייניקע באַשיצערין זינט מיין טאַטע איז געלעגן אויפן דיל. עמיצער האָט מיך אַוועקגענומען פון מאַריאַננען און מיך צוגעפירט צו דער גרופּע מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען אונטער שוואַרצע שירעמס.

מען האָט מיך צוגעפירט צו מיין מאַמען וואָס איז געשטאַנען צוזאַמען מיט מיינע דריי ברידער און צוויי שוועסטער. עמיצער האָט הויך עפּעס געזאָגט און מיין מאַמע האָט זיך צעוויינט. דער רעגן האָט אַלץ געקאַפּעט.

* * * * *

אין שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן ענדערונגען. מען האָט צענומען דעם טאַטנס גרויסע בעט מיט פיין געשניצטע גזימסן און עס אַרויפגעטראָגן אויפן בוידעם. מיין מאַמע האָט זיך אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען מיט דער בוכבינדעריי און מאַריאַננאַ האָט געזאָרגט וועגן מיר און געקאָכט עסנס פאַר דער משפחה. די שוועסטערס זיינען ווידער אַוועק אין שולע און אויך צוויי פון מיינע דריי ברידער. די מאַמע האָט אָפט געוויינט און איך האָב מער פאַרברענגט אין קיך מיט מאַריאַננען און מיט דער שכנהס מיידעלע, העלענקאַ.

אין אַ פּאָר הייזער פון אונדז זיינען געווען איינקוואַרטירט די פייערלעשער.

גאַנץ אָפט נאָך וועטשערע האָט מיך מאַריאַננאַ גענומען צו זיי. זי איז דאָרטן זייער פּאָפּולער געווען און האָט געשטיפט מיט זיי. איך ווידער, האָב זיך געקענט צורירן צו די בלאַנקענדיקע העקעלעך און אַנדערע פייערלעשער מכשירים. אָפט האָב איך אויך געזען זייערע פייער־פּראָבעס און באַוואונדערט זייער קריכן איבער דער ספּעציעלער געביידע מיט שטריק. איך האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ווען איך וועל זיין גרויס, וועל איך ווערן אַ פייערלעשער.

— ביזט אָבער צו קליין — האָט מיר געזאָגט סטאַך, מאַריאַננעס „חתן". זיין זאָג האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן. יאָרן לאַנג האָב איך עס געדענקט.

סטאַך איז געוואָרן אַן איינגייער צו מאַריאַנען אין קיך. עס האָט מיך פאַרדראָסן און בין געוואָרן אייפערזיכטיק וואָס ער זיצט לעבן איר. איך האָב זיך געמאַכט שלאָפן און זיי פלעגן זיך קושן. פון פאַרדראָס האָב איך געוויינט און מאַריאַננאַ פלעגט מיך שפּעטער וויגן אויף איר שויס.

* * * * *

אין אַ שבת פאַרנאַכט, פרילינג־צייט, האָט מאַריאַננאַ גענומען איר קליינעם ברוינעם קופערט און זיך אָנגעהויבן געזעגענען מיט אונדזער „הויזגעזינד". „איך פאָר אַהיים שטאַרבן", האָט זי געוויינט, „און איך וועל אייך מער נישט זען."

אין דרויסן האָט געוואַרט סטאַך, איר חתן, וואָס האָט איר באַגלייט צו דער באַן.

מאַריאַננאַ איז טאַקע מער נישט צוריקגעקומען. עס איז אָנגעקומען אַ פּאָסטקאַרטל און אַלע אין שטוב זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרכמורעט און טרויעריק. מען האָט זיך געסודעט. מיין שוועסטער האָט הויך געוויינט. איך בין געלאָפן צו די פייערלעשערס זוכן סטאַכן, און דער אַלטער „פּאַן וואָיטשעק" האָט מיר געזאָגט: „גיי אַהיים, סטאַך איז מער נישטאָ, דער ממזר איז אַנטלאָפן."

מאַריאַננעס פאַרשווונדן האָט אַרויסגערופן אין מיר אַ נאָגנדע בענקשאַפט

---

*) אַ מין קאָטש מיט אַ דאַך.

וואָס איך געדענק ביז היינט. כאָטש איך בין אַלט געווען נישט מער ווי דריי יאָר איז זי אין מיין געדעכעניש געוועזן איינגעבאַקן זייער טיף און אינטים.

* * * * *

סוף זומער איז צו אונדז געקומען אַ פּאָליציאַנט מיט אַ פאַרלאַקירטן קאָנווערט. אינעווייניק איז געווען אַ מעלדונג, אַז מיין מאַמע און עלטסטער זון זאָלן מאָנטיק פרי קומען אין דאָרף קראַשוועו און מיטברענגען די זאַכן וואָס די פאַרשטאָרבענע מאַריאַננאַ האָט געלאָזן ביי אונדז. הינטער מאַריאַננאַס בעט איז געשטאַנען אַ פאַרשלאָסן קעסטעלע וואָס דער פּאָליציאַנט האָט פאַרזיגלט מיט רויטן לאַקיר. מאָנטיק פאַרטאָגס האָט מען מיך אויסגעפּוצט אין אַ קינדערשן מאַטראָסן אנצוג און מיט מיין מאַמען און ברודער בין איך געפאָרן מיט דער באַן אין דעם פּאָפּולערן אין לאָדזש זומערוווינונג קראַשעוו.

די קאַנצעלאַריע פון דעם דאָרפס עלטסטן איז געווען פול מיט פויערים און פויערטעס. דער עלטסטער האָט געטראָגן אַ מעטאַלענעם שילדל און אויסגערופן „שטיל זאָל זיין". ער האָט אויסגערופן מיין מאַמעס נאָמען, דערנאָך מיין ברודערס און בייז אַ קוק געגעבן אויף מיר.

— דאָס קינד איז זייער איבערגעשראָקן, הער עלטסטער — האָט מיין מאַמע דערקלערט.

עמיצער האָט געעפנט די טיר צו אַ צווייטן צימער פאַר אונדז. די פויערים האָבן געבורטשעט און געטומלט און דער עלטסטער האָט געעפנט די טיר און ווידער הויך אַ געשריי געגעבן: „איך האָב געזאָגט, אַז עס זאָל דאָ זיין שטיל!"

אין דער מינוט איז אָנגעקומען דער גלח. „זאָל זיין געלויבט יעזוס, דער דערלייזער," האָט ער אויסגערופן און געמאַכט דעם צייכן פון דעם קרייץ.

דער גלח האָט אונדז אָנגעקוקט און דערנאָך דערקלערט: „ווי איר ווייסט שוין, איז מאַריאַננאַ דאָ געשטאָרבן. מיר ווייסן נישט ווי אַזוי, נאָר זי האָט דאָס אָרעמע שטיבל אירס און דאָס פיצל ערד פאַרשריבן פאַר אייך. ווי כ'פאַרשטיי זענט איר „איזראַעליטן" און סיוויי וואָלט איר פון דעם קיין נוצן נישט געהאַט. מיר זיינען דאָ אַלע קאַטאָליקן. אונדזער קירכע האָט געגעבן מאַריאַנען אַ שיינע לוויה און דער גלח האָט איר באַגלייט. די קירכע־גלאָקן האָבן געקלונגען. שרייבט דאָ אונטער דעם שריפט, אַז איר גיט דאָס שטיבל און דאָס פיצל ערד פאַר דער קירכע און יעזוס וועט אייך פאַרגעבן אַלע זינד"...

ווען מיר זיינען אַרויס דורך דעם ערשטן צימער, האָבן די פויערים שוין געטרונקען „פאַר דער נשמה פון מאַריאַנען."

אַ געשפּאַנטע אין צוויי פערד בריטשקע האָט אונדז צוגעפירט צו דער באַנסטאַנציע.

# נייע ביכער

## אָנגעקומען אין רעדאַקציע:

1. שלמה שוואַרץ: „ווונד און וווּנדער", לידער, פאַרלאַג המנורה, 1975. תל־אביב.
2. שלמה שוואַרץ: „בראָנדזענער מבול", לידער, פאַרלאַג י. ל. פרץ, 1981. תל־אביב.
3. יוסף וויינבערג: „דאָס תבואה־קינד", ראָמאַן, 360 זייטן, לייוויק פאַרלאַג. תל־אביב.
4. יוסף לודען: „אויף די פראָנטן פון לעבן", ראָמאַן, פאַרלאַג פּראָבלעמען, תל־אביב.
5. חיים לייב פוקס: 100 יאָר יידישע און העברעישע ליטעראַטור אין קאַנאַדע, 1980.
6. קאַנאַדער יידישער זאַמלבוך. רעדאַקטאָרן: יעקב זיפּער, חיים שפּילבערג, 1982.
7. ירושלימער אַלמאַנאַך נומ. 13, פאַרלאַג איינגס, 1982.
8. שמשון אַפּטער: „די מאַראַנען־משפחה דאַ סילוואַ, פרץ פאַרלאַג, תל־אביב, 1982.
9. הירש אָשעראָוויטש: „ביים עץ הדעת" לידער, פאַרלאַג ישראל־בוך, 1981.

חיים פלאָטקין / ניו־יאָרק

# לידער

. . .

אויב דאָס לעבן איז אַ מעסער
האָט מיך די שאַרפקייט ניט געמיטן:
איך זוך נאָך אַלץ די שליסלען —
צו די גאָלדענע שלעסער
די סודות צו געפינען
עס זאָל ניט אַנטרינען —
דער פולס פון מיין ליד.

## מיינע נעכטנס

מיינע נעכטנס
ווערן מיר ניט איין מאָל
ווייט און פרעמד,
פאַרלאָשן און פאַרקלעמט
ווי אַ גוף אַריינגעצוואונגען
אין אַ פאַנצער־העמד.

די שליסלען
צו די שלעסער פון זיכרון
פאַרשווינדן און אַנטרינען;
אין דימיון,
כ'זוך פון זיי די שפּורן
און קען זיי ניט געפינען...

איך מיש די בלעטלעך פונעם קאַלענדאַר
און זוך מיט נייגער
וואָס כ'האָב פאַרשריבן:
מיינע פינגער פילן דעם זשאַר
אינעם אַש,
וואָס פון מיינע נעכטנס איז געבליבן...

## פון זוניקע פינגער

אינעם העלן באַגינען
געזען כ'האָב שניי־ווייסע פליגל,
אויף אַ וואָלקן זיך וויגן,
ווי מ'פאַרוויגט אין אַ וויגל אַ קינד:
געוועזן בין איך גרייט צו פליען
אויף די קאַרבן די בלויע, די שטיגן,
זעען ווו געבוירן עס ווערן —
די אָטעמס די פרישע פון ווינט?!
אויב פון מיין היינט — פון יענע טרוימען,
וועמען עס גלוסט זיך צו שפּאַסן,
מעג ער לאַכן געזונטערהייט!
נאָר זי טראָגט מיך נאָך אַלץ
אויף יענער זייט רוימען,
ווו די שטערן לאַכן
אין צעפינקלטע העמדער
פון זוניקע פינגער גענייט!

(1982)

## דער טעלעפאָן איז אַן עדות

אין איינזאַמקייט —
אַ צעפּאַכעטע בייטש!

אויך מיט צעפראַלטע טירן
איז דאָס הויז איר אַ שטייג...

זי נעמט ווידער דעם טשעמאָדאַן
און געזעגנט זיך מיט די ווענט — — —

מיטן שליסל אין דער האַנט —
אַ בליק אויף די קינדער און אייניקלעך;

דער טעלעפאָן איז אַן עדות:
אַמאָל רופט די טאָכטער. זעלטן דער זון.

אינעם סיגנאַל־האָטעל —
אירע פאַרשאָטנטע טעג פון דער וואָך.

ביי די קאָרטן־טישלעך
די מענער פאַרגעסן ס'אַליינקייט...

אויך די יינגערע פרויען —
פול מיט גיריקייט אין די אויגן — — —

ביי די פול־געדעקטע טישן
טרעוואָגערט דער אָרקעסטער

נאָר פון טעלער אפילו אַ לאָקס
איז ווי אַ ביין אין איר האַלדז — — —

(סעפטעמבער 1981)

חייקה גראָסמאַן / ישראל

# דער ליובאַוויטשער רבי און די „שואָה"

כ'האָב נישט געגליבט מיינע אייגענע אויגן, אָבער די ווערטער שטייען פּאָרט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס אין דער צווייטער אויפלאַגע פון „אגרות קודש מכבוד קדושת אדמו"ר שליט"א מלובאַוויץ", אַרויסגעגעבן דורכן „מכון ליובאַוויץ אין כפר חב"ד. דער נאָמען פון אָט די בריוו איז: „אמונה ודעת" (גלויבן און ווייסנשאַפט"). און אויף זייט 115 פון די דאָזיקע בריוו, אין קאַפּיטל „שואה", וואָס דאָס איז, לויט ווי זיי שרייבן, אַ פרייע באַאַרבעטונג פון די שמועסן פון זיין הייליקייט דער אדמו"ר שליט"א, פון שמחת תורה תשל"א און י"א ניסן תשל"ג, האָב איך געפונען אַ באַלערנדיקע אויפקלערונג פונעם מויל פון ליובאַוויטשער צדיק וועגן דער באַדייטונג פון דער שואה.

זאָלן מיר די לייענער אַנטשולדיקן וואָס איך וועל זיך אויך ווייטער באַנוצן מיטן טערמין שואה, כאָטש איך האַלט, ווי אַנדערע, אַז דאָס איז נישט געווען קיין שואה (קאַטאַסטראָפע), קיין נאַטור־אומגליק, און נישט קיין ערד־ציטערניש וואָס דער בן־אדם האָט נישט איבער איר קיין שליטה, נאָר אַ גענאָציד דורכגעפירט דורך די נאַציס, וואָס זענען געווען דער גרעסטער רוב פונעם דייטשישן פאָלק אין די יאָרן 1945-1933. פאַר יעדן פאַל זענען דאָס געווען מעשים פון מענטשן (דערצו אייראָפּעיש־„קולטורעלע"), גוט דורכגעפלאַנירט און מיט אַ פון פאָראויס באַשטימטער כוונה. פון דעסטוועגן וועל איך זיך ניט באַנוצן מיט דעם פאַרפירערישן טערמין שואה, ווייל אַזוי האָט עס זיך ביי אונדז איינגעוואָרצלט, אָנגענומען געוואָרן און געוואָרן אַ באַגריף.

— — — — אָבער דאָס איז נישט דער עיקר. דאָס מאָל האַנדלט זיך בפירוש אין עפּעס אויסנעמלעכס. און אפשר נישט. ווער ווייסט, אפשר זאָגט זיך אין די דאָזיקע בריוו עפּעס וואָס דרייסטס, וואָס די וואָס האָבן אַן ענלעכע השקפה צום ליובאַוויטשערס וואַגן נישט דאָס צו זאָגן, אָבער זענען אַבסאָלוט צופרידן, וואָס דער ליובאַוויטשער רבי וואַגט דאָס צו זאָגן, ווארעם צום רבינס „הויף" זענען דאָך עולי־רגל יידן וואָס זענען נישט קיין ליובאַוויטשער חסידים און זיי פּעדערן זיך צו קומען קיין כפר חב"ד, כדי זיך דאָרט אָנצוזאַפּן מיט גייסט פון חסידות, כאָטש אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר ווילן זיי גראָד זיך פירן ווי וועלטלעכע...

אַ קאַפּיטשקע מסורה, אַ ביסינקע יידישקייט האָט דאָך ביז איצט קיינעם נישט געשאַדט ובפרט אַז עס זענען דאָ קינדער אין שטוב; אַ ביסעלע נשמה יתירה, אַ קאַפּעלע חסידישע התלהבות, עפּעס אַנדערש פונעם שבת אין קיבוץ, למשל, צי פון דער בר־מצוה פייערונג, פאַרוואָס טאַקע נישט?

נאָר איך בין געקומען אָפּפרעגן און אין אַ תהומיקער טעמע. דוכט זיך מיר, אַז ס'איז שוין די צייט דאַרויף. אין די „דאָזיקע בריוו" פרעגט אַ ייד אויפן זין פון דער שואה, און דער רבי ענטפערט. איז דאָס, לכל הדעות, אַ מאַטערנדיקע פראַגע, וואָס רירט אָן יעדן מענטש בכלל און יעדן ייד בפרט.

ווייל אויך אין שאלות און אויך אין תשובות איז דאָ עפּעס אַזוינס וואָס נישט נאָר רעגט עס דיך אויף און רופט ביי דיר אַרויס צאָרנונג, נייערט עס קאָן דיך גאַנץ לייכט ברענגען דערצו זאָלסט נישט ענטפערן, נישט רעאַגירן, זאָלסט אַריבערגיין צום סדר היום, זאָלסט פאַרבייגיין דעם אַזוי גערופענעם פאַרטיפטן פילאָסאָפישן טאָן און דאָס אַלץ אָפּשטויסן מיט פאַראַכטונג. פשוט, זיך אָפּעקלען דערפון. ווארעם עס גייט דאָך דאָ נישט קיין רייד וועגן אַ וועלטלעכער אָדער רעליגיעזער וועלט־אנשויונג. דאָ האַנדלט זיך אין

אויפקלער־רייד וועגן דער שואה וואָס דער שכל פאַרטראָגט זיי ניט; רייד וואָס פירן אונדז צוריק צו די טעג פון שדים, רוחות און מכשפות. אָבער צו וואָס די בייזע רייד? לאָמיר ציטירן און זאָל יעדער איינער משפטן.

אַט זענען ציטאַטן:

פראַגע: „אַז דער קב״ה באַשטראָפט גייט ער לויט „מידה כנגד מידה“. איז ווי אַזוי איז געשען אַזאַ גרויליקער פאַל — פאַרטיליקן זעקס מיליאָן יידן״?...

ענטפער (אַ ביסל געקירצט): „- - - אויב דו זעסט טאַקע אינעם הקב״ה דעם ‚שופט כל הארץ׳, איז דאָך קלאָר און פאַרשטענדלעך פון זיך אַליין, אַז ער איז העכער און דערהויבענער אויף אַזוי פיל אַז דער באַשאַפענער איז נישט ביכולת צו פאַרשטיין דעם שכל פון זיינע משפטים״... מוזטו דערפאַר קומען צו דער מסקנה, אַז דאָס נישט פאַרשטיין גאָטס וועגן איז נישט דערפאַר ווייל ע ר איז ח״ו נישט גערעכט, נייערט דערפאַר ווייל דו ביזט נישט בכוח אים צו פאַרשטיין.״ אָדער מיט אַנדערע ווערטער: מחמת די קליינקייט פונעם אָפפרעגער און די טיפקייט פונעם באַגריף...

„- - - איז דען מעגלעך נאָכצוטראַכטן נאָך זיינע מידות און זאָגן, אַז זיין פירונג איז נישט קיין רעכטפאַרטיקע ווייל זי ליגט זיך נישט אויפן שכל?״...

איז דאָס אַ ווייט־פאַרשפרייטער ענטפער, אַזאַ צום באַדויערן אָנגענומענער „פילאָסאָפישער״ ענטפער, וואָס אויך ער איז ווייט פון אמת.

אָבער דער פרעגער לאָזט נישט נאָך און פרעגט ווייטער דעם רבין: „אפילו מיר׳ן אָננעמען אַז גאָטס וועגן זענען רעכטפאַרטיקע, כאָטש דער מענטשלעכער שכל קען זיי נישט משיג זיין, אָבער אפשר איז פאָרט דאָ אַן אויפקלער צו דער אייראָפעישער שואה?״

ענטפערט דער רבי:

„- - - אינעם שלעכטס און אין די ליידן פון די צרות ליגט אַ גייסטיק און דערהויבנדיק גוטס... ס׳איז פאַראַן אויך אַ מעגלעכקייט אַז די פיזישע שואה וועט זיין אַ גייסטיקע טובה... אַדרבה, עס געשיקט זיך אַ מעגלעכקייט אַז די פיזישע פגיעה אינעם גוף וועט זיין אַ גייסטיקע טובה און אַ ישועה.״

און דאָ קומט די אויפטרייסלענדיקע תשובה, וואָס דאַרף געבּרענגט ווערן אַזוי ווי זי איז:

„שטעל דיר פאָר אַ מענטש וואָס איז אַריין אין אַ שפיטאָל און אַריינגעגאַנגען אין אָפעראַציע־זאַל. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אַן אויפשוידערנדיק בילד: אַ מענטש אַ געבונדענער ליגט אויפן אָפעראַציע־טיש און אַרום אים אַ מענטשן צען מיט מאַסקעס אויף די פנימער, אין זייערע הענט האַלטן זיי מעסערס און גרייטן זיך אָפצושניידן אים איינעם פון זיינע אברים. אויב די אַנוגען פון דעם דאָזיקן „גאַסט״ אין דער מעדיצין און אַלץ וואָס איז מיט איר פאַרבונדן זענען נישטיקע, איז דער דאָזיקער מענטש זיכער אַז ער איז אַן עדות פון אַ קאַניבאַלער אַקציע... ער וועט זיכער זיך צעגוואַלדעווען און וועט פרוּוון זוכן הילף כדי צו „ראַטעווען״ דעם „קרבן״ פון די „גזלנים״ הענט. און דאָס אַלץ ווייל ער פאַרשטייט זיך נישט אויף מעדיצין, און ווייסט נישט די לאַגע פונעם קראַנקן נישט אין דער פאַרגאַנגענהייט, נישט אין דער איצטיקייט און נישט אין דער צוקונפט. וואָלט ער אָבער וויסן אַז דאָס אבר וואָס מ׳גייט אַמפוטירן איז פאַרסמט, נישט אויסהיילעוודיק און שטעלט אין געפאַר דאָס לעבן פונעם קראַנקן, און כדי צו ראַטעווען זיין לעבן מוזן די דאָקטוירים מיטן פראָפעסאָר בראש אים אָפערירן און אַמפוטירן דאָס אָנגעגריפענע אבר, אָ, דעמלט וואָלט ער שוין נישט געשריגן און מרעיש געווען הימל און ערד! ... און ווי דער משל אַזוי דער נמשל.״

(דאָס אַלץ כדי מיר זאָלן זיך נישט טועה זיין און נישט מבולבל ווערן מכוח דעם ווער ס׳איז דער קראַנקער און וואָס איז דאָס אבר וואָס דאַרף אָפגעשניטן ווערן און ווער ס׳איז דער פראָפעסאָר. — ח.ג)

אָבער דער ליובאַוויטשער איז דאָ ממשיך זיין תשובה און זאָגט:

„הקב״ה, ווי יענער פראָפעסאָר־אָפעראַטאָר, ווייסט וואָס עס שטייט פאַר אים און וויל כל הגוטס פאַר ישראל, איז דאָך קלאָר אַז אַלץ וואָס ר׳האָט געטאָן האָט ער געטאָן צום גוטן. איז ווען דאָס וואָלט געווען אַ שטערבלעכער בן־אָדם, וואָלט געווען אַן אָרט פאַר נאָכטראַכטן און אָפפרעגן זיינע מעשים, אָבער אַז דער אָפעראַטאָר־ספעציאַליסט איז הקב״ה, איז כלל נישטאָ קיין אָרט פאַר אַ טענה.״

„זאל איך פרעגן, צי די אמפוטירער פון אונדזערע אברים — די נאציס — האבן געשניטן אין נאמען פונעם „פראפעסאר"? — און ער זאגט דאך, אז דער אפעראטאר איז גאט אליין, פשוט און פראסט, איז היטלער געווען אין שליחות פונעם אויבערשטן כוח „השופט כל הארץ"? איז אפשר קומט אים נאך א דאנק פאר זיין ווונדערלעכער ספעציאליסטיקייט און פאר דער געלונגענער „אמפוטאציע" פון די „פארסמטע" אברים?

איך בין זיך מודה ומתוודה אז מיין נישט משיג זיין אט דאס אלץ איז מיר ממש גורם א דעפרעסיע און דערנידערט מיך ביז צו דער ערד. פארוואס־זשע האב איך באגלייט מיין פאלק אויף זיין לעצטן וועג אין יענע גראע פרימארגנס בעת עס האבן זיך געשלעפט רייען און רייען מיט יידן מיט פיצלעך אויף די הענט און מיט פעקלעך אויף די פלייצעס? פארוואס האבן מיך געשטיקט די טרערן, פארוואס האבן אנגעפילט מיין גאנצן וועזן געפילן פון רעוואלט און אומבאהאלפענעם צארן פאר נישט קאנען העלפן? אפשר זענען מיר אלע, די אלע וואס האבן זיך געבונטעוועט קעגן גורל וואס היטלערס „ענדגילטיקע לייזונג" האט אונדז אנטקעגן געטראגן, געווען עוכרי ישראל? זאל איך בעטן סליחה ומחילה ביי די ס.ס.־לייט, וועמענס גרינגע מונדירן און גלאנציקע שטיוול זענען נישט געווען מער ווי מאסקעס?

שוידערט אויף די מחשבה אז אזעלכע ווערטער האבן געקאנט געזאגט און געשריבן ווערן דורך א מענטש וואס ווערט גערעכנט פאר א גייסטיקן מנהיג אינעם היינטצייטיקן יידנטום. קאן דען נאך זיין א טיפערע אפגרונטיקייט ווי די דאזיקע? און אלע שווייגן?! און וואס וועט זיין מיט די וויטערדיקע אויפלאגעס פון אט די „בריוו" — וועלן זיי ווייטער דערשיינען?

און איצט קומט די צווייטע פראגע וואס דער דאזיקער ייד, דער תם, דער ירא־שמים, האט געפרעגט דעם הייליקן רבין:

„פארוואס, אויב אזוי, זענען צווישן די זעקס מיליאן יידן אויסגעקוילעט געווארן אויך די וואס זענען געווען דאס זעמל־מעל פון רעליגיעזן יידנטום און האבן זיך נישט געגייטיקט אין אזא „אפעראציע"?

און כ'מוז ווידער מודה זיין, אז כ'בין נאך אלץ נישט זיכער צי זענען אזעלכע פראגעס ראוי פארענטפערט צו ווערן, אויב דער ענטפערער איז דער ליובאוויטשער. אפשר איז מער כדאי צו ברענגען די ציטאטן אן פירושים און אן קאמענטארן? ס'איז דען נישט גענוג דאס אפטרייסלען זייך פון זיי מיט עקל און אומווערדיקייט?

פון דעסטוועגן, ווייל איך ווייס אז די גאטספארכטיקע עדה שטייט פאר א פראבלעם: ווי אזוי „פארענטפערט" מען דאס פארטיליקן די יידן וואס זענען „באשטראפט" געווארן, וואלט איך האפן און וועלן, אז א רעליגיעזער מורה הוראה זאל ענטפערן דעם ליובאוויטשער, און — נישט דווקא איך. אפשר וועלן זיי זיך פארמעסטן מיט אט דעם פראבלעם לויט זייער קוק־פונקט? אמת, זייער קוק־ווינקל איז נישט מיינער און עס הערשט נישט קיין קאנצענזוס אויף דעם געביט. אבער קיינער האט נישט קיין רעכט זיך ארויסצודרייען פון צו געבן זיין ענטפער אויף דער דאזיקער פראגע. איך קאן נישט העלפן דעם וואס זעט אין אלץ גאטס האנט. דאס איז א גייסטיק־היסטארישער ארויסרוף צו די גלייביקע יידן, און איך זאג דאס מיטן גאנצן רעספעקט און שאצונג. ווייל אויך די תמעדיקע פראגע פארוואס איז אויך באשטראפט געווארן דאס רעליגיעזע „זעמלמעל" — רופט ארויס א שוידער אויף מיין לייב. וועמען מיינט ער דאס: די חב"דער חסידים? צי אנדערע גאטספארכטיקע? עס איז דאך באמת א גוטע פראגע. דאס וואס עס זענען אמפוטירט געווארן „פארסמטע אברים", ווי, למשל, קינדערלעך, ווייבער (וואס נישט אלע האבן אפגעהיטן שבת) — סתם „עמך" זינדיקע יידן — מילא, דאס קאן ער נאך, דער פרעגער, פארטראגן, אבער רעליגיעזע יידן, שמנה וסלתא — גאט זאל היטן. דאס איז שוין טאקע צופיל.

איז די תשובה לגמרי נישט וויכטיק. ס'איז גענוג די פראגע אליין. פון דעסטוועגן, כדי משלים צו זיין דאס „בילד" וועל איך דא ציטירן דעם רבינס תשובה: „א מענטש וואס ווערט באשטראפט פאר

אַ טוּאונג כאַפּט אַ פּאַטש אין באַק, הגם די שלעכטע טואונג האָט ער געטאָן מיט די הענט, און דאָס דערפאַר וואָס דער עונש קומט ניט ווי אַ נקמה ח"ו, אלא כדי ער זאָל מתקן זיין זיינע מעשים. דערפאַר פּרווּט מען אין אָנהייב מיט אַ לייכטן עונש, ערשט אויב דאָס העלפט ניט מוז דער דערציער אָנקומען צו שווערערע שטראָפן, כדי די שטראָף זאָל דערפירן דעם דערצויגלינג ער זאָל פאַרבעסערן זיינע מעשים"...

...„אַזוי אויך דאָס פאָלק ישראל, חוץ וואָס עס איז אַזוי שווער באַשטראָפט געוואָרן אין כמות (זעקס מיליאָן קרבנות), איז די שטראָף געווען אַ סך שווערער דערמיט וואָס זי האָט אָנגערירט אַ ציבור וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די פּני פון דור."

די „פּני פון דור"—ווער? זענען באַשטראָפט געוואָרן—וואָס? דורך וועמען? און די שטראָף איז זיי געקומען — וואָס זאָגט ער?

* * * * *

איז געקומען די צייט אַראָפּצונעמען די מאַסקעס. איז געקומען די צייט אַז מיר אַלע זאָלן אַראָפּנעמען די מאַסקעס. און זאָל מען אָנהייבן וויסן אין וואָס דאָ גייט. אפשר טאַקע איז שוין צייט אַז אויך צווישן אונדז, אין דער אַרבעטער באַוועגונג, זאָל מען אָנהייבן וויסן אין וואָס דאָ גייט.

און אפשר מעג מען דאָ ציטירן פון היטלערס „מיין קאַמף", וואָס זאָגט: „די אייביקע נאַטור איז זיך נוקם אָן רחמנות־דיק פאַר אָנרירן אירע געזעצן. דעריבער גלייב איך היינט, אַז איך טו אין גייסט פונעם אַלמעכטיקן בורא עולם. דערמיט שיץ איך זיך פאַרן ייד, און ראַנגל זיך פאַר די מעשים פון גאָט דער האַר פון דער וועלט"...

ווער האָט זיך דאָ אריינגעמישט און פאַרמישט די יוצרות? אויב נישט דער אַשמדאַי, ווער דען?

(„ישראל שטימע")

## חיים קעניגער / פּאַריז

# לידער

***

אין אָטעם פון יעדן וואָרט
זוך איך דערלייזונג
צו דער פאַרטיליקטער מאַמעס שפּראַך.
ווערטער מיינע,
פאַרבאַרגענע אין שטילן געווימל,
ווו קען איך אייך געפינען?
אין רויך פון וואַרשעווער הימל?

***

דו ביסט צי דו ביסט נישט?
גלייבן אין דיר, צי צווייפלען?
ווער און וואָס זאָלסט נישט זיין —
אפילו נישט מער,
ווי דער לבנה־אָפּשפּיגל פון אַ
ווינטערדיקן פּייזאַזש,

אַ טויטער בוים מיט סטאַרטשענדיקע
צווייגן,
אפילו נישט מער,
ווי אַ וואָרעם איינגעביסן אין נעכטן —
אַנטפּלעק זיך פאַר מיר
ווען באַפאַלן איך ווער
פון אומרו.

***

געטראָפן פון אַ קויל אין פליען —
האָט די טויב פון אירע פליגל
אַראָפּגעוואָרפן דעם טויט.
געפאַלן זענען אירע פעדערן
אויף געשפּרייטע פעלדער,
פעלדזיקע בערג,
שטילע טייכן.

לילקע מייזנער

# אין דיין גרויסקייט בין איך אַזוי קליין...

(פאַרצייכענונג)

איך בין געשטאַנען ביי דער שוועל פון דער באַשאַפונג, אַזוי נישטיק און קליין — אין דיין גרויסקייט — נאַטור. דיינע ווענט גרויע און רויטע, אַזוי מעכטיק און גרויס האָבן אַרומגענומען דיין זון און געמאַכט דיך פילן ווי אַ שרעטעלע.

די וואַסערפאַלן, מיט שטורעם אַרויסגעגאָסן די ווייסע פּינע, ווי אַ האַרדע ווייסע פערד, און געשוווּמען, געריסן זיך ערגעץ וויט, וויט! דיין תהום איז אַזוי טיף, די פאָרמאַציעס, אַזוי אומבאַשרייבלעך שיין און פאַנטאַסטיש. וווּ איז דער אָנהייב און וווּ איז דער סוף?

טויזנטער, טויזנטער יאָרן, שטייט איר פעלזן — טיילמאָל געוועזן אונטערן וואַסער, טיילמאָל אַרויסגעקראָכן פון די טיפענישן און געריסן זיך צו די ליכטיקע הויכן.

וואָס האָט איר געזען? וואָס האָט איר געהערט? וואָס פאַראַ עדות זייט איר געווען אין דעם היסטאָרישן וועג פון באַשאַפונג אייערע פעלזיקע קאַמען זייבן שאַרפע, שפּיציקע, מיט רויע רויטקייט באַפּוצט ווי שווערדן אין קאַמף. האָט איר געקעמפט פאַר אייער עקזיסטענץ.

און איר וואַסערן רוישיקע, וועלכע ברעגן האָט איר געוואַשן? וווּהין פירט אייער אומענדלעכער וועג?

כ׳קוק אויף אייך, איר בערג־טיטאַנען, און כ׳וואָלט וועלן אַרויסבאַקומען פון אייך דעם סוד פון באַשאַף. ווער, ווען און וואָס האָט אייך פאָרמירט? די שיינקייט און די גיגאַנטישקייט, די שטאַרקייט פון פעלז און מילדקייט פון אייערע קרוינען. ווי זייבען מיר דער מין מענטש געווען — און ווי נישטיק קוקן מיר אויס אין אָנבליק פון אייער מאַיעסטעטישקייט!

כ׳האָב אַראָפּגעקוקט אין דיין אָפּגרונט, „יעלאָסטאָן גרענד קעניאָן״ און דערמאָנט זיך לעגענדעס פון באַשאַפונג: פייערן, דונערן, שטורעמס, וואַסערן — און אין דעם אַלגעמיינעם טומל שלייכט זיך אַרויס די באַשאַפונג — אַזאַ באַרויקטע, ווי זי וואָלט אָפּגעטיילט פון זיך ווענט און געמאַכט פאַר זיך אַ וועג, אַן אייגענעם — דאָרט פּליסט איר בלוט.

אירע פעדערן
לייכטן ווי שטראַלן.

די ערד האָט נישט געציטערט.

***

די לבנה שיינט מיט אַ קרום מויל.
זי לאַכט פון דער צייט.
אָט גייט זי אַרויס פון אַ וואָלקן,
באַוואַכט מיט שטערן פון דער וויַיט.

זי שפּיגלט איר קאָפּ אינעם טייך,
איר מויל איז אַלץ נאָך קרום.
אַ סוויטע שטערן פון דער וויַיט —
און די נאַכט איז שטום.

## אַריינגעוואַקסן אין דער ערד

אַריינוואַקסן אין דער ערד,
פון איר זיך לערנען צו זיין,
און מקנא זיין די שטערן,
וואָס די נאַכט יאָגט אַרויס
אויף פינצטערע וועגן אין הימל —
אויף וועגן,
וואָס פירן אין ערגעץ נישט.

## שאָטנס

אין דיינע אויגן שיינט אַ נעפּל,
אָבער דו לעבסט
מיט שאָטנס פון אַ פאַרשוווּנדענער וועלט.
דו זוכסט צווישן זיי דיין עבר —
געפינסט אים אויף נישט פאַרלאָשענע
קלעצער,
ווו דער הימל שפּייט מיט שקיעה.

(ביאַליסטאָק, 1946)

נאָר אַרומגענומען ווי מיט אַן אָפּשפּיגלונג פון דער אומרויקייט, מיט פייער־רויטע פעלזן, שאַרפע שפּיצן, שטורעמדיקע וואַסערן, ווי געוואָלט זאָגן: קוק אויף צוריק און אין ביידע זייטן, זע, זע ווי דער איז געוועזן. שטורעמדיק—נישט מילד, ווילד — נישט געמיטלעך— בלוטיק און רויט.

כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט בלייבן שטיין אין צייט און אָפּשניט און קוקן אויף די מעכטיקייט, דיין רויע שיינקייט! כ׳וואָלט וועלן איינזאַפּן אין זיך דעם שטורעם און דראַנג, און פאַרגעסן דעם אַרום.

מעכטיקע פעלזן, שטורעמדיקע וואַסערפאַלן — איר טראָגט אַזוי פיל סודות אין זיך; סודות פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער — וואָס האָט איר געזען? וועלכע ווונדער האָבן זיך פאַר אייך אַנטפּלעקט אין דעם גאַנג פון באַשאַף?

כבין אַמאָל, אַמאָל געשטאַנען פאַר אַנדערע בערג און תהומען; פאַר אַנדערע הויכקייטן און נאַטור־שיינקייטן. אַמאָל, אַמאָל, דאַכט זיך אַזוי ווייט, אין אַן אַנדער צייט־אָפּשניט. איז עס געווען אין מיין לעבנס־שפּאַן? אין אַ לאַנד אַזאַ ווייטן און אין אַ צייט אַזאַ ווייטע?... פאַרגאַנגענע טעג.

פאַרגאַנגענע טעג! איר קומט צו מיר אַזוי אָפט, איך לאָז אייך נישט פאַרגיין, איך האַלט זיי אַזוי שטאַרק אין זיך, איר שפּאַנט צוזאַמען מיט מיר— אין מיר.

איך טראָג אַ כישוף־רינגל אויף מיין האַנט. אין מאָמענטן פון פאַרגעסונג דערמאָנט עס מיך. אין מינוטן פון דערהייבונג און עקסטאַז מאָנט עס ביי מיר: טייל זיך מיט מיר; איך בין דער שטומער אומזעבאַרער שאָטן! האָבן די שטראַלן פון דער זון באַלויכטן די קליינע שטיינער פון מיין רינג, האָב איך טיף אין אים אַריינגעקוקט, אַרומגענומען די רייף, און געהאַלטן זי שטאַרק אַרומגענומען מיט מיינע פינגער. כ׳האָב זיך צוגעזעצט פאַר אַ ווייל אויף דער באַלוסטראַדע און אַראָפּגעקוקט צו די טיפענישן פון די אַראָפּפאַלנדע וואַסערן, און אָנגעהויבן צו רעדן צו אים—שטיל, גאָר שטיל. אַריינגעקוקט אין זיינע שטיינדלעך און געטיילט זיך מיט מיין אומרויקן עקסטאַז. אין דעם מאָמענט האָב איך געפילט אַ נויטווענדיקייט זיך טיילן מיט אייך— אַלטע שטאָלצע פעלזן — מיט דעם סוד מיט זיך, איר שטורעמדיקע וואַסערן, וועגן אַ צייט ווען מענטש האָט דעם מענטשלעכן מין פאַרשעמט; אַ צייט וואָס איז ווייט — און אַזוי נאָענט.

אָפט מאָל טראַכט איך, אַז דער רינג מיינער האָט אַ ספּעציעלע אויפגאַבע אויף מיר אַרויפגעלייגט. — האָסטו, טייערע חברטע מיינע, געוואָלט אַזוי זאָל עס זיין?..

ווי לאַנג צוריק איז עס געווען? ווי ווייט פון דעם אָרט ווו איך זיץ איצט? דאָרט בין איך געשטאַנען ביים אָפּגרונט פון דער וועלט. דאָ שטיי איך ביי דעם באַשאַף. איז דער וועג אַזוי ווייט, און דאָך נאָענט.

די ווייסע שוימיקע וואַסערפאַלן האָבן געמורמלט ווי הונדערטער שטימען — אויך „דאָרט" האָב איך געהערט שטימען, שוואַכע, שטאַרקע. קערפּערס וואָס האָבן זיך געשאָקלט אין אַ ריטמישן מאָנאָטאָנעם טאַנץ. און מיט אַמאָל האָט זיך די גרויסע טיר פון דעם באַראַק אויפגעעפנט און פרויען זיינען אַריינגעלאָפן און אָנגעהויבן פאַלן איינע אויף דער אַנדערער. אָן געשריי און אָן געוויין. די טיר האָט אויסגעזען ווי אַן אָפענע מאָרדע פון אַ חיה, וואָס האָט אויסגעשפּיגן אירע קרבנות. איז עס געווען טאָג, צי נאַכט? ווער ווייסט — מיר האָבן שוין דעמאָלט נישט געוווּסט דעם אונטערשיד פון טאָג און נאַכט. עס איז געווען אין די טעג פון אָנהייב פון אונדזער סוף. שפּעט אין דעם יאָר 1944 אין דעם טויט־לאַגער בערגען־בעלזען.

פון אונטער דעם באַרג קערפּערס ביסטו אַרויס — אַזאַ קליינע. דיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט פרעמדע ווערטער, און שפּעטער ביסטו איבערגעגאַנגען אויף דעם פאַרהאַסטן לשון דייטש — און געבעטן — וואַסער, וואַסער. דו האָסט געהערט צו דעם לעצטן טראַנספּאָרט פון פראַנצויזישע פרויען; ביסט געווען איינע פון זיי, אפשר די יונגסטע פון צווישן זיי.

ווער ווייסט, ווער האָט געקענט דערקענען. אָבער דאָך האָט די פרישקייט פון דיין פּנים אונדז דערוואַרעמט. מיר האָבן דיר קיין וואַסער נישט געקענט געבן, ווייל שוין טעג ווי מיר האָבן קיין וואַסער נישט. האָבן מיר, צוויי לאַגער־

שוועסטער, זיך אָנגעקוקט, צוגעקראָכן צו דעם הילצערנעם עמער, מיט עפּעס אַ שוואַרצע וואַסער־מאַסע, איינגעטונקען אונדזערע הענט און צוגעטראָגן צו דיין פאַרטריקנט מויל. האָסט זיי אָפּגעלעקט, און אַזוי שטיל געשעפּטשעט „מערסי, מערסי״ (אַ דאַנק).

מיר האָבן דיין קאָפּ אַרויפגעלייגט אויף אונדזערע ביינערדיקע פיס, און געצערטלט דיין צעפלאַמט פּנים. אונדזערע אויסגעטריקנטע, ביינערדיקע הענט האָבן דיך אַרומגענומען. דו ביסט דעמאָלט געווען פאַר אונדז אַ צייכן פון לעבן; ביסט נאָך געווען פריש, ביסט ערשט געקומען פון „דאָרט״ — דעם דרויסן!

ווער ביסטו? האָבן מיר דיך געפרעגט. וואָס פאַר אַ טייוול האָט דיך דאָ געברענגט? האָסט איינגענורעט דיין קאָפּ אין אונדזער סקעלעטן־שויס, ווי דו וואָלסט געוואָלט געפינען אַ גוטן געלעגער, און דיינע ליפּן האָבן זיך אין אַ גרימאַס פאַרקרומט און ווערטער אין אַ צעבראָכענעם דייטש האָבן זיך געקייקלט פון דיין מויל; נישט־גלייביקע ווערטער!

ביסט געווען פון דער שטאָט ליאָן, אין פראַנקרייך. אַן אַרבעטס־פאַמיליע. געהערט צו דער רעזיסטאַנץ באַוועגונג. דער טאַטע, דיין מאַמע און דו. דו ביסט געווען אַ פאַרבינדלערין. האָסט געהאַט אַ ברודער, וועמען דו האָסט ליב געהאַט, האָסט דערמאָנט זיין נאָמען, און טרערן האָבן פאַרגאָסן דיינע אויגן. דיין איינציקער ברודער האָט דיך פאַרראַטן. ער האָט מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן. אַ פרעגלעכער כליפּען האָט איבערגעריסן דיינע רייד, די טרערן זיינען געפלאָסן פון דיינע אויגן אָן אָפּשטעל. מיר האָבן שוין קיין טרערן דעמאָלט נישט געהאַט — אויך דאָס איז צוגענומען געוואָרן פון אונדז.

האָבן מיר דיך פעסטער צוגעדריקט צו זיך, און מיט אַ פאַרלאָשענער שטימע האָסטו פאַרענדיקט דיין קורצע געשיכטע: „האָט ער מיך אויסגעגעבן צו דער געסטאַפּאָ און פאַרקויפט זיין אייגן פלייש און בלוט.״ דיין פּנים האָט זיך מיט אַמאָל אַזוי געענדערט. ביסט פּלוצים פאַר אונדזערע אויגן אַלט געוואָרן, דיינע אויגן האָבן דעם פונק פאַרלאָרן און פאַרלאָשן די ליכטיקייט פון דיין יוגנט. דיין קערפער האָט געפיבערט און מיר האָבן נישט געהאַט מיט וואָס דיר צו העלפן.

אויף אַלע פיר זיינען מיר ווייטער צוגעפאַלן צום הילצערנעם עמער, איינגעטונקען אונדזערע סקעלעטן־הענט, אַז דו זאָלסט זיי קענען אָפּלעקן. אַלע דריי זיינען מיר געלעגן אויף דער ליימיקער פּאָדלאָגע און געקוקט אין דער פוסטקייט. פּלוצים האָסטו מיט דיינע אומרויִקע הענט עפּעס אָנגעהויבן צו זוכן. האָסט פון ערגעץ ווו אַרויסגעצויגן אַ קליין שמוציק זעקעלע, געהאַלטן עס פעסט אין דיינע הענט, און מיט איין האַנט צוגעצויגן מיין קאָפּ צו דיינעם און געזאָגט: די האַנט, גיב מיר די האַנט. כ׳האָב דיר די האַנט געגעבן. מיט דיינע ציטערדיקע הענט האָסטו עפּעס אויף מיין פינגער אָנגעטאָן, און געשעפּטשעט — פון מיין מאַמען, פאַר דיר. אַז דו וועסט דיין ברודער געפינען, קויף אים דאָס ערשטע שטיקל ברויט, פון מיר!

אויף מיין ביינערדיקן מיטל־פינגער איז אַ בלישטשענדיקער פינגערל געווען אָנגעטאָן. האָסט געהאַלטן מיין האַנט אַזוי פעסט, צוגעמאַכט זי אין אַ פויסט, פעסט צוגעדריקט צו דיין מויל! און מיט אַמאָל, אַראָפּגעלאָזט דיין האַנט, און קאַלט און פאַרגליווערט זיינען דיינע פינגער געוואָרן!

מיר האָבן דיין נאָמען נישט געוווּסט. אָבער מיר זיינען געוואָרן איין לייב, איין לעבן. דו ביסט אין מיר, איך טראָג דיין רינג ווי אַ דערמאָנונג און מאָנונג! איך טו אים קיין מאָל נישט אויס, עס איז שטענדיק מיט מיר, אַ טייל פון מיר, אַ טייל פון מיין זיין!

מיינע אויגן האָבן געקוקט אויף די בלישטשענדיקע שטיינדלעך. די זון האָט זיך אין זיי געשפּיגלט, און איך, איך האָב געוואָלט דיר פאַרטרויען און טיילן זיך מיט דער גרויסקייט און מעכטיקייט פון אַרום; ווי מעכטיק איז די נאַטור — און ווי אוממעכטיק איז דער מין מענטש.

כ׳בין היינט געשטאַנען ביי דער באַשאַפונג פון דער וועלט — אַזוי האָט עס מסתם אויסגעזען — און דו, דו ביסט געשטאַנען מיט מיר. דו, דער שאָטן פון פאַרגאַנגענע טעג — אין טאָל פון „יעלאָסטאָון גרענד קעניאָן.״

לייב וואַסערמאַן

# פּסוקים פון דער תורה

**„ויאמר אליו אני ה' אשר הוצאתיך מארץ כשדים לתת לך הארץ הזאת לרשתה."**

—האָט גאָט געזאָגט צו אים (אברהמען): איך בין ג־ט, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון אור כשדים, צו געבן דיר דאָס לאַנד צו ירשענען. (בראשית ט"ו, ז')

דאָס יידישע פאָלק האָט ניט געקענט באַשאַפן ווערן ביז ס'איז ניט געקומען אַזאַ צדיק ווי אַברהם, וואָס ערדישקייט און הימלשקייט זאָלן ווערן אין אים איין הייליקייט, פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונעם געטלעכן תכלית. און אַז דאָס זאָל ווערן איינס, קאָנען אין דעם בשום אופן ניט זיין קיין גלייכע חלוקים אָדער גלייכע כוחות, נאָר דורך דער השפעה פון הימלשקייט, מוז די ערדישקייט אַראָפּנידערן פון איר דראַנג צו אַ פּאָזיטיוון אנטייל אין אַזאַ געמיינזאַמען איינס. און צוליב דעם האָבן פריער געמוזט געשאַפן ווערן די גויישע פעלקער מיט זייער פולן ערדישן כוח, ווייל נאָר ווען אַזאַ כוח איז שוין פול, קאָן פון אים געמאָלט זיין די געווונטשענע אַראָפּנידערונג, וואָס מען קאָן פון איר איינזאַפּן, די געווונטשענע לערנונג. עס הייסט, אַז נאָר דאַן, ווען ס'איז שוין געשאַפן געוואָרן דער פולער גויישער כוח, האָט געקאָנט פון די גויים קומען אַברהם, אַז ס'זאָל פון אים אַרויסקומען דאָס יידישע פאָלק.

דאָס דאָזיקע מיינט שוין אויך, איבער דער גאַנצער געשיכטע פון דאַן ביז היינט, און ביז צום סוף פון די טעג, אַז פון גויים קומען יידן, גויים זיינען זיך מגייר, און ניט חלילה, פון יידן זאָלן קומען גויים, ווי דאָס וויל בגוואַלד די גויישע אמונה מיט אירע מיסיאָנערישע אינסטיטוציעס.

טאַקע נאָר דערפאַר, וואָס אונדזער ערשטער פאָטער אברהם איז געקומען פון גויים מיטן גאַנצן רעוואָלט קעגן גויישקייט, וואָס איז פולע ערדישקייט, איז אין זיין נאָכקום באַלד געשאַפן געוואָרן די מעכטיקע און אייביקע וואַנט קעגן גויישקייט.

און דערפאַר האָט ג־ט ב"ה צו אים געזאָגט: איך בין ג־ט, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון אור כשדים; ווייל דעם ערשטן יידן האָט ער געדאַרפט אויסציען פון דעם פולן גויישן כוח. און מאור, הייסט: פון פייער, און פייער איז ערדיש ליכט. ס'איז דאָס ליכט פון אַ גשמיותדיקן כוח, וואָס דאָס איז דער כוח פון די גויים. און ערשט דאַן, ווען ג־ט ב"ה האָט שוין געהאַט אַרויסגעצויגן אַברהמען פון דער פולער גויישקייט, האָט ער אים געקענט געבן ירשענען ארץ ישראל, ווייל אויך דאָס הייליקע לאַנד האָט ניט געקאָנט ירשענען אָן דעם פולן רעוואָלט קעגן גויישקייט.

און וויבאַלד גאָט ב"ה האָט געוואָרט אויף אברהמען, וואָס איז נאָך געווען נאָר איין מענטש, כדי אים געבן ארץ־ישראל, ווייזט עס אונדז, אַז ארץ ישראל איז באַשאַפן געוואָרן צו געבן נאָר צו די יידן. און דערפאַר געהער ארץ ישראל צו די יידן, אָן אַן ערך פיל מער, ווי עגיפּטן צו די עגיפּטער, אָדער ווי וואָסער אַנדער לאַנד צו אַן אַנדער פאָלק. און ס'קאָן ניט זיין קיין שום פאָלק אין דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען באַהויפּטן, אַז צו אים געהער ארץ ישראל, אָדער אפילו איין אינטש ערד, ווייל ארץ ישראל איז דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וואָס איז פון ג־ט ב"ה געגעבן געוואָרן צו די יידן ווי אַ הייליק לאַנד, און נישט ווי דאָס איז מיט די אַלע אַנדערע פּראָסטע לענדער, וואָס זיינען באַזעסן פון גויים. אַ פאָלק קאָן שטרייטן מיט אַן אַנדער פאָלק וועגן אַ שטיק לאַנד פון די וואָכעדיקע לענדער, אָבער ניט מיט די יידן וועגן ארץ ישראל.

ג־ט ב"ה האָט נישט געוואַרט ביז ס'וועט געשאַפן ווערן דאָס יידישע פאָלק, און ערשט דעמאָלט זיי אָנזאָגן, אַז ער גיט זיי ארץ ישראל. ער האָט דאָס באַלד צוגעזאָגט צו אברהמען, ווייל ער האָט געוואָלט אַז באַלד, ביים באַווייזן זיך פונעם ערשטן

ייד, זאָל ארץ ישראל שוין געהערן צו די
יידן. אפילו די יידן וועלן נאָך דאַרפן
פריער זיין אין גלות מצרים, זאָל שוין
ארץ ישראל האָבן געהערט צו זיי, אומ־
אָפּהענגיק פון דעם, ווער ס'זאָל דאָרט
דערווייל ניט וווינען. דאָס מיינט, אַז אפי־
לו ווען פעלקער וווינען אין ארץ ישראל
הונדערטער יאָרן, איז דאָס קיין שום רע־
כענונג ניט, צו האָבן די מינדסטע רעכט
אויפן לאַנד.

און נאָך אַ זאַך: ג־ט ב"ה האָט ניט גע־
קענט שיקן די יידן אין גלות מצרים, אָן
צו געבן זיי פריער ארץ ישראל דורך זיי־
ערע אָבות. הגם די אָבות זיינען שוין
געווען די אייביקע קנעכט פון ג־ט, און
פאַר די קינדער פון אַזוינע אָבות איז
יעדער גוואיש לאַנד אַ גלות, איז אָבער
גלות אויך ניט מעגלעך געווען אָן דעם,
אַז זיי זאָלן ניט האָבן פון פריער אַ צו־
געזאָגט הייליק לאַנד, דורך דעם הייליקן
פון דער וועלט. דער פאַקט פון האָבן שוין
פון פריער אַזאַ הייליק לאַנד, האָט אונ־
טערגעשטראָכן אויף דעם העכסטן אופן,
אַז ווו יידן זאָלן ניט זיין, אויסער ארץ
ישראל, זיינען זיי באמת אין גלות.

און ווידער: גלות איז אַ טערמין און
אַ ווירקלעכקייט, וואָס גילט נאָר פאַר־
יידן, אָבער ניט פאַר קיין אַנדער פאָלק.
דער אַריבערגאַנג פון אַן אייגן לאַנד אין
אַ פרעמד לאַנד, וואָס זאָל ווירקלעך הייסן
גלות, איז נאָר פון אַזאַ איינציק און הייליק
לאַנד ווי ארץ ישראל, אָבער ניט פון די
אַלע אַנדערע לענדער, וואָס קיין איינס פון
זיי איז ניט הייליק, ווייל אַלע זיינען זיי
וואָכעדיק אין דער זעלבער מאָס.

און אין דעם איז אויך די באַגרינדונג
וואָס פון גלות, וואָס דאָס איז נאָר אַ טער־
מין פאַר יידן, קערט מען זיך סוף־כל־סוף
אום אַהיים. אָבער אַנדערע, וואָס גייען
אַוועק פון זייער לאַנד, קערן זיך דערנאָך
אַהיים ניט אום, חוץ געוויסע יחידים; און
דאָס איז אויך ניט צוליב אמתדיקע און
ענדגילטיקע גלות־מאָטיוון, ווייל דער
אַוועקגאַנג פון זייערע לענדער איז נישט
דער אַוועקגאַנג אין קיין גלות.

אויך דאַרף מען דאָ אונטערשטרייכן,
אַז וויבאַלד ס'איז שוין דאָ איין ייד,
ס'איז שוין געווען דער ייד אברהם, טאָר
ער שוין נישט זיין אָן ארץ ישראל, ווייל
אַ ייד איז הייליק, און ער מוז האָבן
דאָס הייליקע אָרט, וואָס דאָס איז דאָס
הייליקע לאַנד ארץ ישראל, אפילו ווען
ער איז נאָר איינער. דאָס איז אין שאַרפסטן
קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע פעלקער און
צו יעדן יחיד זייערן, ווייל דאָס מיינט, אַז
ארץ ישראל איז פאַר יעדן יידישן יחיד
אַ פונדאַמענטאַלער טייל פון צו זיין אַ ייד.
און אויך דאָס האָט ג־ט ב"ה מרמז געווען,
ניט וואָרטנדיק מיט געבן ארץ ישראל
צו די יידן, ווען דאָס יידישע פאָלק וועט
שוין אויפקומען, נאָר געבנדיק דאָס תיכף
צום ערשטן ייד, אברהם.

ווידער מיינט דאָס אויך, אַז וואָס שייך
דעם הייליקן יידישן פאָלק, זיינען נישט
כאַראַקטעריסטיש קיין צאָלן, ווייל צאָלן
זיינען נאָר דער אויסערלעכער באַטראַף,
ווי דאָס איז ביי די פעלקער. דער אינער־
לעכער באַטראַף איז נאָר הייליקייט. עס
הייסט, אַז ווי נאָר איין ייד איז שוין גע־
זעסן אין ארץ ישראל, איז דאָס שוין
גלייך ווי דאָרט וואָלט געזעסן דאָס גאַנצע
יידישע פאָלק. און דאָס איז חל אויך אויף
דער גאַנצער יידישע געשיכטע, פון זינט יידן
זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ ישראל:
וויבאַלד אפילו ניט מער ווי הונדערט,
אָדער צען, אָדער וויפל ס'זאָל ניט זיין
יידן, זיינען שטענדיק געזעסן אין ארץ
ישראל, איז דאָס אין זין פון ארץ ישראלס
צוגעהעריקייט צו די יידן, גלייך ווי דאָר־
טן וואָלט געווען זיצן דאָס גאַנצע יידישע
פאָלק.

און דאָס האָט ג־ט ב"ה טאַקע געטאָן
אין פאַרלויף פון דעם דאָזיקן טייל יידישע
געשיכטע. ער האָט קיינמאָל ניט געלאָזט
ארץ ישראל ליידיק אָן יידן. די השגחה
האָט אָן אויפהער אַכטונג געגעבן, אַז אין
ארץ ישראל זאָלן שטענדיק זיין יידן, ווי
קליין אָדער גרעסער ס'זאָל נישט זיין
זייער צאָל, ווייל פון זינט דער ערשטער
גאולה, וואָס דאָס איז געווען נישט נאָר
די גאולה פאַרן פאָלק, נאָר אויך פאַר
ארץ ישראל, האָט דאָס לאַנד שוין נישט
געטאָרט פאַרבלייבן אָן קיין יידן.

* * * * *

## „ויקח ספר הברית ויקרא באזני העם ויאמרו כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע."

— און משה האָט גענומען דעם ספר הברית און געלייענט אין די אויערן פון פאָלק און זיי האָבן געזאָגט: אַלץ וואָס ג־ט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און הערן. (שמות כ"ד, ז')

די צוויי ווערטער: נעשה ונשמע, מיר וועלן טאָן און הערן, וואָס די יידן האָבן געזאָגט ביים באַרג סיני, זיינען פאַרבונדן מיט אַ גאָר טיפן עיקר פון אמונה. דער אַלגעמיינער דרך איז, אַז פריער דאַרף מען הערן וואָס צו טאָן, און דערנאָך, אַז מען פאַרשטייט דאָס, קאָן מען ערשט טאָן. אָבער ביי די געבאָטן פון ג־ט ב"ה, וואָס זיינען רוחניותדיקע זאַכן, איז גאָר ניט שייך דער כלל פון פריער הערן און ערשט נאָכדעם טאָן.

ווען עמעצער וויל איינעם אויפקלערן די גוטסקייט פון אַזאַ געבאָט, אַז דער אַנדערער זאָל אים אויך טאָן, וועט ער מיט זיינע דערקלערונגען אים ניט קאָנען ווייט איבערצייגן און דאָס איז דערפאַר, וואָס די אמתע גוטסקייט און דעם אמתן טעם פון רוחניותדיקע זאַכן, קאָן מען פולשטענדיק דערהערן, נאָר ווען מען טוט זיי אַליין. ערשט ווען מען טוט זיי, קאָן מען אַלע מאָל, וואָס מער מען טוט זיי, אַלץ מער אַרויסהערן זייער הייליקייט און גוטסקייט. מען קאָן ניט ווי געהעריק אויפקלערן דעם אַנדערן ווי הייליק ס'איז דער שבת, און ווי גוט ס'איז אים אָפּצוהיטן. אַוודאי קאָן מען דעם אַנדערן דורך געוויסע אויפקלערונגען מיט עפּעס וואָס באַאיינפלוסן. אָבער ווען דער אַנדערער וויל זיך באמת איבערצייגן אין דער הייליקייט פון שבת, מוז ער אָן שום לכתחילהדיקע איבערצייגונגען, אָנהייבן אָפּהיטן שבת. פון יעדער רגע וואָס ער וועט אים היטן, וועט ער אַלץ מער דערהערן זיין גוטן געטלעכן טעם, און זיין ווילן צו היטן דעם שבת וועט אַלץ מער און מער וואַקסן. און דאָס איז נאָר דערפאַר, וואָס יעדע מצוה, אפילו די „קלענסטע", שוין אָפּגערעדט פון שבת, וואָס איז כולל אַלע מצוות, איז פאַרבאָרגן, און נאָר ווען מען טוט זי מיט אמת און כוונה, ווערט איר פאַרבאָרגנהייט אַנטפּלעקט. עס הייסט, אַז די פאַרבאָרגענע גוטסקייט פון אַ מצוה, ווערט אַנטפּלעקט נאָר צו דעם וואָס ער טוט זי; און דער וואָס טוט זי ניט, נאָר ער שטודירט זי, שטייט פון דרויסן.

מען קען נישט קיינעם אויפקלערן אויף אַן אמת דעם אומגעהויערן טעם פון תפילה. וויל מען דעם דאָזיקן אומגעהייערן טעם פילן, דאַרף מען זיך אַליין שטעלן אויף אַן אמת תפילה טאָן. אויפקלערונג איז נישט דער ריכטיקער אַריינקום אין רוחניותדיקע זאַכן. דער אמתער אַריינקום אין זיי איז נאָר דאָס טאָן, דאָס שפּרינגען אין זיי מיט דער אייגענער נשמה, און דאָס עפענען מיט דער אייגענער האַנט אַ טיר נאָך אַ טיר, אַ ווייט נאָך אַ ווייט.

אפילו וואָס שייך דעם גוטן טעם פון גשמיותדיקע זאַכן, ווי עסן, טרינקען, שמעקן גוטע ריחות, קאָן איינער דעם אַנדערן דאָס ניט איבערגעבן דורך ווערטער אָדער אויפקלערונג, ווייל אין דעם אַלעם, וואָס דער באַשעפער האָט באַשאַפן, איז פאַראַן אַ געטלעכער כוח, וואָס האָט עס צושטאַנד געמאַכט, און וואָס געהער ספּעציפיש צו דער אומבאַגרייפלעכער גוטסקייט פון דער זאַך. אויב איינער האָט קיינמאָל אַליין נישט געגעסן קיין עפּל אָדער פלוים, וועלן אים קיין שום מענטשן, וועלכן כוח הדיבור זיי זאָלן ניט האָבן, נישט קאָנען איבערגעבן די דאָזיקע געשמאַקן. זייערע אַלע אויפקלערונגען וועלן אַלץ בלייבן פון דרויסן אַרויס. כדי צו וויסן דעם באַזונדערן געשמאַק דערפון, מוז עס יעדער אַליין פאַרזוכן; איז אויב די טעמים פון גשמיותדיקע באַשאַפן, וואָס דער אויבערשטער האָט זיי באַשאַפן ווי גשמיות, קענען נישט אויפגעקלערט ווערן אָן דעם, ביז מען איז זיי אַליין טועם, איז ווי־זשע איז עס מיט מצוות, וואָס זייער גאָרער תוך איז רוחניות? פאַרשטייט זיך, אַז וואָס שייך מצוות, קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין, ווי נאָר פריער זיי טאָן און דערנאָך הערן. און דאָס איז אייגנטלעך דער טיפער ענין פון נעשה ונשמע.

* * * * *

**„והיה כי תבוא אל הארץ אשר ה' אלוקיך נותן לך נחלה"**

— און עס וועט זיין, אַז דו וועסט קומען צום לאַנד, וואָס ג-ט דיין ג-ט גיט דיר פאַר אַ נחלה (דברים כ"ו, א')

דער פסוק וואָלט דאָך נאָר געקאָנט זיך אָנהייבן מיט די ווערטער: אַז דו וועסט קומען; און ניט מיט: והיה, עס וועט זיין, אַז דו וועסט קומען. נאָר די זאַך איז אין דעם, וואָס אָנעם „עס וועט זיין", וואָלט עס געקאָנט מיינען אַ געשעעניש, וואָס איז נוגע נאָר דעם ערשטן קומען אין לאַנד, נאָך יציאת מצרים. אָבער: והיה כי תבוא, עס וועט זיין אַז דו וועסט קומען — איז שוין נישט נאָר נוגע דעם דע־מאָלטדיקן קומען אַליין, נאָר עס האָט שוין אויך אַ גאַר לאַנגן צייט־אַטעם, און איז שוין אויך נוגע דעם שפּעטערדיקן אַנטגילטיקן צוריקקום.

והיה, און ס'וועט זיין, האָט זיך פּאַק־טיש אָנגעהויבן אין דער גאַנצער וועלט, באַלד נאָכדעם ווי אָדם האָט געזינדיקט. ביז אָדם האָט ניט געזינדיקט, איז די וועלט געווען הייליק אויפן העכסטן אופן, און ס'האָט זיך גאָרנישט געדאַרפט ענ־דערן. אָבער ווי נאָר אָדם האָט געזינ־דיקט, האָט שוין געדאַרפט קומען דער והיה, און עס וועט זיין, וואָס דאָס מיינט: און עס וועט זיין אַ צוריקקער צו דער הייליקייט. עס הייסט, אַז דער והיה איז פאַרבונדן מיט זינד און מיט צוריקקער, וואָס אַ דאַנק דעם צוריקקער קען עפּעס זיין, מען קאָן אויף דעם זאָגן: און עס וועט זיין; אָבער אויף בלויז זינד קאָן מען קיין והיה ניט זאָגן, ווייל זינד זיינען אין תוך אומגעענעדערט. דאַקעגן די גוים שאַפן דווקא פון די אין תוך אומגע־ענדערטע זינד, די אַזוי גערופענע גוי־אישע געשיכטע. זיי זעען אין די זינד געשיכטלעכע ענדערונגען, ווייל זיי ווערן פאַרבלענדט פון אַ זינדיקן פאַרויס־מאַרש וואָס איז זיך מתלבש אין דער גשמיות־דיקער ציוויליזאַציע.

פון דעם איז צו זען, ווי ווייט עס אונ־טערשיידט זיך יידישע געשיכטע פון גוי־אישער. ביי גוים איז זייער געשיכטע אַ געשיכטע פון פאַרויס־מאַרש, ווייל זייערע זינד, כדי צו שאַפן דערפון געשיכטע, זיינען זיך מתלבש אין גשמיותדיקער ציוויליזאַציע, העכערע און העכערע טעכ־נאָלאָגישע מלחמות, רעוואָלוציעס אא"וו. דאָס אַלץ מאַכט אַ פאַרבלענדעניש פון אַ שטענדיקן פאַרויסגאַנג, וואָס דאָס איז זייער פאַרויסגייענדיקע געשיכטע.

אָבער ביי יידן איז די געשיכטע נישט פון גשמיותדיקן פאַרויסגייען, וואָס אין דעם זיינען זיך מתלבש אַלע זינד, נאָר אינעם רוחניותדיקן צוריקקער. יידן זינ־דיקן, ווייל דורך דעם ווייזט זיך זיי אויס, אַז זיי גייען אויך פאַרויס ווי די גוים. אָבער נאָך דעם קומט גלייך אַ טיפער באַדענקען זיך, און זיי קערן זיך צוריק. און נאָר דורך די יידישע זינד, וואָס דורך זיי שטרעבן די יידן צייטנווייז זיך אויס־גלייכן מיט די גוים, זיינען אויך פאַראַן אין דער יידישער געשיכטע געוויסע גוי־אישע איינפלוסן. אָבער דער יידישער פאַרויס, אָדער יידישע געשיכטע, איז שטענדיק אין דעם רוחניותדיקן צוריק־קער צום הייליקן באַשעפער, וואָס נאָר אין דעם איז דער אומענדלעכער שטח פון אַלע העכסטע זאַכן.

און ווייל ביי די גוים איז ניט שייך קיין רוחניותדיקער צוריקקער, נאָר אַ זינד־פאַרבלענדטער פאַרויס, מוז אויך זייער אמונה אַנטהאַלטן די פאַרבלענדנ־דיקע עלעמענטן פון פאַרויסגאַנג, וואָס דורך דעם האָבן זיי אויך געשאַפן אַ נייעם טעסטאַמענט, אָדער נייע רעליגיעס, וואָס אויך דאָס איז ביי זיי אין איינקלאַנג מיט פאַרויסגאַנג, מיט אַזוי צו זאָגן, העכערע דימענסיעס. אָבער די אמתע געטלעכע אמונה איז בלויז דאָס אַלערערשטע — די תורה, וואָס קיינמאָל קאָן זי זיך נישט אַנטוויקלען אָדער בייטן צו עפּעס אַנ־דערש, ווייל זי איז די העכסטע אַבסאָלוטע איינמאָליקייט, געגעבן פון ג-ט.

* * * * *

**„ויאמר ה' אל משה הן קרבו ימיך למות קרא את יהושע והתיצבו באוהל מועד ואצונו וילך משה ויהושע ויתיצבו באוהל מועד."**

— און ג-ט האָט געזאָגט צו משהן: דיינע טעג גענענען צום שטאַרבן. רוף צו יהושען און שטעלט אייך אין אוהל

מועד און איך וועל אים באַפעלן. זיינען
געגאַנגען משה און יהושע און זיך גע־
שטעלט אין אוהל מועד. (דברים לא יד)

עס שטייט: רוף צו יהושע און שטעלט אייך אין אוהל מועד; אין אַזאַ צייט האָט דאָך דער אויבערשטער אַליין געקאָנט רופן יהושען. עס איז דאָך שוין אַ צייט, ווען די פליכטן פון משהן גייען שוין צו ענדע, האָבן שוין געענדיגט צום סוף; איז דאָך ניט שייך אַז משה זאָל זיין פולקאָם טעטיק אין אַזאַ זאַך ווי זיין סוף; אַז גראַד וועגן זיין סוף זאָל ער דאַרפן זיין אַזוי אויספירלעך טעטיק, ווי אין זיין גאַנצער גרויסער שליחות פון פריער. נאָר דער תירוץ איז דאָס, וואָס משהס שליחות איז נישט ווי די שליחות פון אַלע אַנדערע צדיקים. כאָטש ער גייט אַוועק פון דער וועלט, ווייל ער האָט ביים לעבן אָפּגעטאָן דאָס וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן, בלייבט אָבער זיין שליחות אין דער פולער פּער־ספּעקטיוו אַן אייביק־אַנגייענדיקע און טאָטאַל פאַרנעמלעכע. דאָס מיינט, אַז יהושע האָט אייגנטלעך נישט קיין אַנדער שליחות, ווי בלויז פאַרזעצן די שליחות פון משהן; און אַזוי אויך יעדער צדיק, ביז צום סוף פון די דורות.

יעדע שליחות וואָס אַ צדיק האָט, איז אַ שליחות וואָס דרינגט פון תורת משה. די תורה איז כולל אין זיך אַלע שליחותן ביז צום סוף פון די דורות, ווייל אַלע שליחותן זיינען נאָר צוליב דער תורה, וועגן דער תורה און פון דער תורה. דע־ריבער שטייט: רוף צו יהושע; משה איז דער, וואָס דאַרף דאָס אַליין באַזאָרגן אפילו פאַרן טויט. און דאָס וואַרפט אויך אַ שיין, פאַרוואָס ג־ט ב"ה האָט גע־דאַרפט געבן די תורה דורך אַ צדיק, וואָס זאָל שפּילן אין דעם אַ כמעט דאָמינירנ־דיקע און ערשטראַנגיקע ראָל.

עס האָט דאָך געקענט זיין, אַז אין אַזאַ ענין, ווי געבן די תורה, וואָס ג־ט אַליין האָט מיט דעם אָנגעפירט, זאָל דער צדיק בלויז זיין אַ געהאָרכזאַמער פאַרמיטלער, אָן דעם אַז זיין פערזענלעכקייט זאָל אַזוי דאָמינירנדיק אויפשיינען אין אַלע אָנגע־לעגנהייטן. אָבער אַזוי האָט עס ניט גע־קאָנט זיין, ווייל די כוללדיקע שליחות פון דער תורה איז דורכויס אָן אומ־אויפהערלעכע שליחות פאַר צדיקים. דער אויבערשטער אַליין האָט אין איר נישט קיין שום שליחות. ער האָט זי בלויז באַ־שאַפן. און דערפאַר האָט שוין ביים אָנ־הייב געמוזט זיין דער גאָר גרויסער צדיק וואָס זאָל זיין דער שליח איבער אַלע דורות, דורך וועמען די תורה זאָל געגעבן ווערן.

און ווייל משהס שליחות, וואָס דאָס איז די תורה, איז אַן אייביקע, און אַלע שלי־חותן פון אַלע צדיקים זיינען נאָר אַ פאַר־זעצונג פון זיין שליחות, האָט אויך זיין אַוועקגאַנג פון דער וועלט געדאַרפט דורכגיין דורכן אוהל מועד, פון דאָרט ווו עס ליגט די תורה, וואָס אין איר זיינען אַלע שליחותן פון אַלע צדיקים, וואָס זעצן פאָר די שליחות פון משהן.

* * * * *

**„ויאמר ה' אל משה הנך שוכב עם אבותיך וקם העם הזה וזנה אחרי אלוהי נכר הארץ אשר הוא בא שמה בקרבו ועזבני והפר את בריתי אשר כרתי אתו."**

— און ג־ט האָט געזאָגט צו משהן:
דו לייגסט זיך מיט דיינע עלטערן און
דאָס דאָזיקע פאָלק וועט אויפשטיין און
זיך אָפּקערן נאָך די אָפּגעטער פון די
פרעמדע פון דעם לאַנד, וואָס ער קומט
אַהין צווישן זיי, און ער וועט מיך פאַר־
לאָזן און פאַרשטערן מיין בונד, וואָס איך
האָב געשלאָסן מיט אים. (דברים לא טז)

איז ווידער כמעט די אייגענע פראַגע: פאַרוואָס דאַרף דער אויבערשטער רעדן וועגן דעם אָפּקער פון דעם פאָלק צו די אָפּגעטער, גראַד ביי משהס אַוועקגיין פון דער וועלט עס וואָלט דאָך געדאַרפט זיין אַז זיינע רייד זאָלן דאָ זיין בלויז צום דירעקטן ענין פון משהס אַוועקגאַנג, וואָס האָט אין אַזאַ פאַל צו טאָן בלויז מיט אַוועקגאַנג. נאָר אויך מיט דעם באַווייזט אונדז די תורה, אַז משהס שליחות איז איבער אַלע דורות; אַז דאָס די יידן וועלן שפּעטער אָפּקערן און ס'וועט שוין געשען צו זיי אַ סך שלעכטס, איז נוגע צו משהן, אויך האַרט ביי זיין אַוועקגאַנג.

און נאָך אַ זאַך: „דו לייגסט זיך מיט

ישראל גובקין

# תפילות

## וואָס בין איך אין דיינע אויגן?

וואָס בין איך אין דיינע אויגן?
ווערטער צעפליען זיך ווי פונקען,
כ'קען ניט אויסדריקן מיין קליינקייט;
בעט איך:
— האָב רחמנות, האַר!

זאָל ביטחון אין דיר
אָנפילן מיט רו
מיינע רמ"ח איברים,
מיינע שס"ה גידים,
מיין גאַנצן צאַפּלדיקן,
טומלדיקן זיין;
— האָב רחמנות, האַר!

## היט מיך

היט מיך
פון שטורעמס זעלישע,
פון וואַנדערונגען געציטערטע
אין תוהו־ובוהודיקע
לאַבירינטן פון זיך.

מאַך מיך
ווי בלעטער,
ווי גראָזן,
וואָס וויגן זיך אין רואיקער תפילה,
און דינען מיט פעלזיקן ביטחון.
— האָב רחמנות, האַר!

## חצות

פונקט ווי דוד פון ביתלחם
האָב איך אויפגעוואַכט.
קוקסט צו מיר מיט שטערן־אויגן
דורך דער קילער נאַכט.

קילסט מיך מיט דיין הייליק אָטעם
אין דער בלויער חלום־נאַכט.
רואיק ווער איך; אין דער טיפקייט
האָט אַ שטילקייט אויפגעוואַכט.

## רייס פון מיר...

רייס פון מיר די זשאַווער־קייטן
פון אַ שינאה־קראַנקער וועלט.
לאָז מיך שוועבן ווי אַ פויגל
איבער גראָזן פונעם פעלד.

מיינע יאָרן, די געשענקטע
פון דיין חסד־פולער האַנט,
זאָלן זיין ווי שטראָמען שטילע
אין באַוועלדערט גראָזיק לאַנד.

---

דיינע עלטערן", דאָס מיינט, אַז פון איין זייט וועט געשען, אַז דאָס פאָלק וועט אויפשטיין און זיך קערן נאָך אָפּגעטער. און אַ פאָלק וואָס זיינע עלטערן זיינען צדיקים, וואָס אַזאַ פאָלק זיינען נאָר די יידן, מוז זיך צוריקקערן צום וועג פון זיינע עלטערן, אפילו ווען עס קערט אָפּ צו אָפּגעטער. און אין דעם איז ווידער די שליחות פון די צדיקים, וואָס וועלן פאַרזעצן משהס שליחות. דאָס הייסט, אַז משה גייט ניט אַוועק, ווי ער האָט זיינס אָפּגעטאָן און אָן ענדע; נייערט אַלץ וואָס עס וועט פאַרקומען שפּעטער און נאָך שפּעטער, געהער זיך צו אים אָן, פונקט אַזוי ווי ביי זיין ערדיש לעבן.

**חיים לייב פוקס / מאָנטרעאַל**

# די הימלאָזע טויבן און פייגל...

זיי ציען זיך צו מיר, די הימלאָזע טויבן און פייגל פון די ימישע ברעגן,
ווי די חיות פון „עווערגלעדער" פּאַרק געפּאַנגען צווישן אייזערנע שטייגן.
זיי בליקן מיט אומעט און טרויער אַריין אין מיינע פּרימאַרגנדיקע אויגן,
ווי דער לאַנגער קראָקאָדיל, וואָס חלומט ביים וואַסערל, רחבותדיק אויסגעצויגן...

עס פאַרבעטן מיך די גראָזן און צווישן זיי דערהער איך דעם געשריי פון די פייגל
און עס רופט מיך ביי מיין נאָמען דער לייב: קום צוריק — דיין היים אין די וועלדער;
אויך דער פוקס קוקט מיך שאַרף אָן און ווינקט צו מיר מיט זיין קליגעריש אייגל,
ווי די פּאַווע, וואָס שפּאַנט מאַיעסטעטיש און גרויסט זיך מיט אירע קאָלירטע וועלטן...

איך גיי ווי אין אַ חלום און עס דאַכט זיך מיר אַז זיי אַלע מיין אמתן פּנים דערקענען
פון די צייטן נאָכן מבול, ביים אַרויסגיין צו פרייהייט פון דער הילצערנער תיבה...
די זון שיינט מיט שטראַלן פון פייער, בי די גאַנצע וועלט וואָלט גליען און ברענען,
ווי אין „יענעם פרימאַרגן", ווען גאָטס וואָרט האָט געדונערט מיט מורא און מיט אימה.

עס קאָלערט זיך אַ קול; איך פיל עס אין מיר, ווי עס הערן עס די פייגל און די חיות,
עס וועקט זיך דער ים; זיינע פּאַליעס צערוישן פון טויזנטער יאָרן זיין ניגון.
און איך לויף צו מיינע טויבן און פייגל, וואָס הונגעריקע ווינען און שרייען,
ביז איך לאָז זיך אין דרימל אַוועק צו מיין חלום, צו דער מאַמען, זי זאָל מיך פאַרוויגן.
(סעפּטעמבער 30, 1980)

**מרים וואַסערמאַן / ניו־יאָרק**

# מיר ווייזט זיך אויס...

מיר ווייזט זיך אויס,
איך וועל אויסגיין
אַ געזונטע.
אין דער מיט
פון מיין פאַרטיפטקייט,
וועל איך פּלוצים
אַוועקגיין.
כ'וועל זיך אַזוי ווייט
פאַרטיפן,
אַז כ'וועל זיך נישט קאָנען
אויפכאַפּן.
כ'וועל אַזוי פאַרטיפט,
אַז איך ווער קאַלט.
אויב כ'וועל זיך אויפכאַפּן,
איז מיט אַ גרויס געראַנגל
צו וועלן זען
מיינע נאָענטע.

# שרײַבערס און ביכער

בערל כהן / ניו־יאָרק

## אַ לעקסיקאָן — אין 1980?

זלמן רייזען, דער לעקסיקאָגראַף־פּיאָנער פון דער יידישער ליטעראַטור, שרייבט אין דער הקדמה פון זיין פּערטן באַנד „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע" (ווילנע, 1929). עס איז פאַראַן אַ קאַרדינאַלער אונטערשייד צווישן מיין לעקסיקאָן און ענלעכע נאָכקוק־ווערק אין אַנדערע שפּראַכן. [זייער] אויפגאַבע . . . איז בלויז צו געבן געוויסע אינפאָרמאַטיווע סך־הכלען פון דעם אָדער יענעם שריפטשטעלער, אָבער ניט צונויפברענגען ערשט דעם מאַטעריאַל וועגן זיי. דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז ביי די אומות העולם בדרך כלל צונויפגעבראַכט אין פאַרשיידענע מאָנאָגראַפיעס, ליטעראַטורהיסטאָרישע ווערק וכדומה."

די רעדאַקטאָרן פון אַלע אַכט בענד פון נייעם „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור" (ניו־יאָרק, 1981-1956) וואָלטן מיט ביידע הענט זיך אונטערגעשריבן אויף רייזענס ווערטער, ווען ניט דער אויספעל פון אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל, וואָס דאַרף נאָך באַאַרבעט און פאַרסך־הכלט ווערן, וואָלטן ביידע לעקסיקאָנען געווען שלימותדיקער.

קען זיין, אַז ווען עס קומט ניט אויף אונדז דער גרויסער חורבן, וואָלטן מיר אפשר זוכה געווען צו רעגיאָנאַלע רייךליטעראַרישע לעקסיקאָנען — פון לאַנד אָדער אַ גרויסער שטאָט. נתן גרינבלאַטגורן, באַקאַנטער יידיש־העברעישער ליטעראַטור־קריטיקער פון ליטע, האָט אָנהייב דרייסיקער יאָרן געוואָרפן דעם געדאַנק פון אַרויסגעבן אַ ביאָ־ביבליאָגראַפישן לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור אין ליטע. יעקב גאָטליב פון קאָוונע, דעמאָלט יונגער דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער, האָט מיר בשעתו דערציילט וועגן דעם. קען זיין, אַז אויך אין אַנדערע לענדער האָט מען זיך אַרומגעטראָגן מיט אַזאַ געדאַנק, אָבער דער פאַקט איז, אַז דאָס איז ניט רעאַליזירט געוואָרן.

אין מאָנטרעאַל איז יאָ אַרויס אין 1934 אַ רעגיאָנאַלער לעקסיקאָן „יידישע דיכטער אין קאַנאַדע" פון ח. מ. קייזערמאַןוויטאַל. דעם דאָזיקן ווערק פעלט איינע פון די הויפּטשטריכן פון אַ ליטעראַרישן לעקסיקאָן: ביבליאָגראַפיע. אויך דער ביאָגראַפישער טייל איז זייער מאָגער, איז ווי צוגעטשעפּעט צום סוף אין אַ באַזונדערער רובריק און דאָס גאַנצע בוך זעט גיכער אויס ווי אַ קאָלעקציע פון מחברים ליטעראַריש־קריטישע קליינע עסייען. אָבער בדוחק קען מען עס אָנרופן לעקסיקאָן.

לעצטנס האָבן מיר זוכה געווען צו אַ נייעם רעגיאָנאַלן לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור — און ווידער אין קאַנאַדע. דאָס איז דאָס בוך „100 יאָר יידישע און העברעישע ליטעראַטור אין קאַנאַדע" פון חיים לייב פוקס (מאָנטרעאַל, 1980, 325 זייטן).

ווער ס'איז באַקאַנט מיטן ענין לעקסיקאָגראַפיע זעט גלייך, אַז דער מחבר פון נייעם לעקסיקאָן האָט אַריינגעטאָן אין דעם אַ סך אַרבעט. די התמדה שפּאַרט פון יעדער שורה און אָן דעם קען אַזאַ ווערק ניט געמאַכט ווערן. ניט וויכטיק, וואָס אַ ריי נעמען האָבן געמעגט אויסגעלאָזן ווערן — ס'איז די ליבשאַפט פונעם מחבר צו זיין ווערק, וואָס האָט אים איבערגעוועלטיקט און ער האָט עס געטאָן לפנים משורת הדין.

מיר דוכט אַז מער זוכן און נישטערן ווי ח. ל. פוקס האָט עס געטאָן האָט מען

ניט געקענט. אין מיינער אַן אייגענער אַרבעט, וואָס איך טו איצט, האָב איך אויסגענוצט מערערע ביאָגראַפיעס פון זיין לעקסיקאָן. עס קומט אים, סכּן, אַ גרויסער יישר־כּוח פון אַלע חובבי שפת יידיש פאַר צונויפזאַמלען אַזאַ רייכן מאַ־טעריאַל צו דער געשיכטע פון דער יידי־שער ליטעראַטור אין קאַנאַדע.

אָבער דאָ, צום באַדויערן, שטעלט זיך אָפּ דער דאַנק. ח. ל. פוקס איז אַ פיינער פּאָעט און פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט אין דער נייער יידישער פּאָעזיע און עס טרעפט, אַז ביי אים פאַלט אָפּ די מחיצה צווישן פּאָעזיע און פאָרשונג. אָבער „דיכ־טונג אונד וואַרהייט" איז ניט קיין צו געראָטענע פּאָר.

חיים לייב פוקס איז אַ גוטער זאַמלער פון ליטעראַרישן מאַטעריאַל, זייער אַ גוטער. ער האָט עס אַרויסגעוויזן אין זיין נייעם בוך, ווי אויך אין זיין מיטאַרבעט אין „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור". ער וואָלט גוט געטאָן, ווען ער שטעלט זיך אָפּ ביים זאַמלען און לאָזט אַנדערע רעדאַקטירן און באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל, ווייל צו דעם פעלן אים די געהעריקע אייגנשאַפטן.

וואָס פאָדערט מען פון אַ לעקסיקאָן? פּרעציזקייט, יישוב־הדעת, קאָנטראָל פון מאַטעריאַל, פאַרלאָזלעכקייט און טאַקע אַזאַ פּשוטע זאַך ווי לשון, נוסח און פּשוטע פאָרם — אַלץ זאַכן אויף וועלכע פוקס קען ניט קריגן קיין „איי".

דאָ קען מען ניט אָפּקומען מיט סתם רייד און מען מוז אָנקומען צו קאָנקרעטע ביישפּילן פון „הונדערט יאָר יידישע און העברעישע ליטעראַטור אין קאַנאַדע".

1. ביבליאָגראַפיע איז איינער פון די וויכטיקסטע עלעמענטן אין יעדער ליטע־ראַרישן לעקסיקאָן און זי מוז זיין פּרע־ציז ביז גאָר. וואָס פאַר אַ „פּרעציזער" מקור איז עס: „לויט פאַרשיידענע קוואַלן", „לויט פאַרשיידענע צייטשריפטן", „אַלטע צייטונגען", „נעקראָלאָגן אין דער פּרע־סע"? — און מיט דעם איז פול דאָס גאַנצע בוך; אָדער „הספרות החדשה" — אָן אַ נאָמען פון מחבר, אָן אַ דאַטע?

2. לשון. „אומהיילבאַרער שפּיטאָל" — דאָס קען מען זאָגן אויף אַ קראַנקן אָדער אַ קראַנקייט, ניט אויף אַ קראַנקן־הויז. (ז' 37).

„גרויסע פאָרשונג" — אויף אַן אַרטיקל פון 4 זייטלעך אין אַ זשורנאַל (ז' 53).

„מיטאַרבעטער פון ליובאַוויטשער ישי־בה" — אין אַ ישיבה איז דאָ אַ תּלמיד, אַ מנהל, משגיח, אָבער ניט קיין מיטאַר־בעטער (ז' 75).

„אַרטיקלען ... וואָס האָבן חוץ אַן אינ־פאָרמאַטיוון כאַראַקטער אויך אַנטהאַלטן וויכטיקע ידיעות" — ידיעות איז דאָך אינ־פאָרמאַציע; טאָ וואָס פאַר אַ זין האָט דער גאַנצער זאַץ? אַזוי אויך אַנדערע ניט־באַטראַכטע ווערטער און זאַצן (ז' 231).

3. פּרעציזקייט, וואָס איז הויפּט־יסוד אין אַ לעקסיקאָן, איז זייער געשלאָגן אין די „100 יאָר." די אומפּינקטלעכקייט איז אַזוי גרויס, אַז עס ברענגט אָפּט צו אַ צעמישעניש און פאַרפירעניש.

איין משל זאָל דאָ געבראַכט ווערן פון דער ביאָגראַפיע פון יעקב ראַבינאָוויטש. אין איר ווערט געזאָגט: 1. געבאָרן אין קאָוונע. 2. פינף יאָר קאָוונער געטאָ. 3. די וואָכן־צייטונג „דאָס וואָרט". דאַרף זיין: 1. געב' אין טעלז. 2. דריי יאָר געטאָ. 3. טאָג־צייטונג „דאָס וואָרט". ראַבינאָ־וויטש וווינט צוזאַמען מיט ח. ל. פוקס אין מאָנטרעאָל — און דאָך אַזאַ היפּוכ־דיקייט, וואָס זאָל מען שוין טראַכטן וועגן אַנדערע ביאָגראַפיעס?

מענדל קרייצער איז אָנגעגעבן: געב' 1902, געשט' 1964. אָבער אין זיין גע־שריבענער ביאָגראַפיע פון קרייצערן פאַרן ניו־יאָרקער לעקסיקאָן (1981, ב'־8) ווייזן די דאַטעס: 1900 און 1959.

4. אַ גרויסע צעמישעניש איז אין גע־אָגראַפישע נעמען. זייער צאָל גייט אין די טויזנטער, איז אָדער מען קוקט נאָך אין די פּאַסיקע האַנטביכער אָדער מען פרעגט זיך נאָך ביי מענטשן פון דעם לאַנד אָדער פון דער שטאָט. סתם אָנ־וואַרפן נעמען איז פּשוט סקאַנדאַליעז.

מיט דער באַצייכענונג „ליטע" ווערן געגעבן: בירזן, מערעטיק, לאַקאָווע, גאַר־זשעץ, קאָנאָטאָפּ, קוידענעוו און אַנדערע, וואָס איך האָב ניט נאָטירט. די ערשטע 4 שטעטלעך מיט אַזעלכע נעמען זיינען אין ליטע ניט געווען. קאָנאָטאָפּ געפינט

זיך אין אוקראַינע און קוידענעוו — איז ווייסרוסלאַנד; אָפט איז ניט „קעלמער געגנט" און געפינט זיך אין פוילן און די שטאָט סוואַלק איז ניט ליטע.

5. ניטאָ קיין אָפּגעהיטקייט אין נעמען פון צייטונגען און צייטשריפטן. ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט עס געהייסן „קענעדער אָדלער", ניט „קאַנאַדער אָדלער". איין זשורנאַל האָט דריי אויסלייגן: דאָס אידישע וואָרט; אַ צווייטער האָט דאָס יודישע וואָרט, דאָס יידישע וואָרט, צוויי אויסלייגן: דער אידישער זשורנאַל און דער יודישער זשורנאַל.

פון די אַנצאָליקע אומפּינקטלעכקייטן און די טיטלען פון ביכער זאָל דאָ גע־בראַכט ווערן איין משל: חנה ווידערמאַנס בוך „אַלטע היים און קינדער־יאָרן" איז ביי פוקסן געוואָרן: „אַלטע לייט און קינדער."

6. קירצונגען האָבן געוויסע כללים, אָבער אין דעם לעקסיקאָן גייען זיי ווי עס פאַרוועלט זיך: וואַר', וויל', מעק', טאָר', ווינ', מאָנט', יאָהאַנ', און פ"ס, וואָס איז בדרך כלל אַ קיצור פון פּאָסט סקריפּטוס, איז דאָ — פּסעוודאָנים.

. פּונקטואַציע. אין דעם הערשט אַזאַ כאַאָס, אַז ס'איז ניט שייך צו ברענגען ביישפּילן. עס דערמאָנט אַ מעשה מיט איינעם אַ יידישן דיכטער, וואָס זיין ווייב האָט אים געפרעגט, ווען דאַרף זי שטעלן אַ קאָמע אין זיינע שריפטן, וואָס זי שרייבט איבער. דער ענטפער איז געווען: נאָך יעדע דריי ווערטער...

8. אַלפאַבעטישער סדר. דער סאַמע עלעמענטאַרסטער פּרינציפּ אין יעדער לעקסיקאָן איז דאָס אויסשטעלן די נעמען אין אַן אַלפאַבעטישער אָרדענונג. אויף דעם דאַרף מען ניט האָבן קיין גרויסע חכמה, מען דאַרף נאָר זיין זייער אָפּגע־היט, צען מאָל בודק זיין. אָבער אפילו אין אַזאַ פּשוטער זאַך האָט ח. ל. פוקס צען מאָל געזינדיקט. מען קען מוחל זיין דאָ אָדער דאָרטן אַ פאַרזען, אָבער אין אונדזער באַהאַנדלטן לעקסיקאָן איז דער אַלפאַבעטישער אומסדר אַזוי, אַז נאָר דורך גרויסער אָפּגעלאָזנקייט האָט עס געקאָנט געשען. עטלעכע ביישפּילן: אול־מאַן נאָך אָשרי, אונגער נאָך אָרענשטיין, אייזען נאָך אָקון, אָסאָווסקי נאָך אַרקיין, אַלטמאַן פאַר אייזענשטאַט וכו' — גאַנצער סדר אין אלף איז איבערגעקערט; גאָט־ליב נאָך גאָלדסטיק, גאָלאָמב נאָך גאַל־סקי, גאָלד נאָך גאַרבער; סימקין נאָך סמבטיון, פולען נאָך פוקס, שובין נאָך שוואַרצמאַן, שמן נאָך שעק, שמואַלזאָן נאָך שעכטער וכו', און וואַגאָ גיין אין ה'.

צום סוף אַן אַלגעמיינע באַמערקונג.

ח. ל. פוקס האָט ביז 1980 געלעבט אין קענעדע אַ פאָר יאָר. ער איז ניט קיין יידיש־קאַנאַדישער שרייבער, ער איז בלויז אַ מחבר פון אַ בוך וועגן יידישע שרייבערס אין קאַנאַדע. טאָ ווי קומט עס, וואָס ער האָט אויך זיך אַריינ־געשטעלט צווישן יידיש־קאַנאַדישע פּערנ־מענטש? וואָלט מען עס געטאָן כאָטש מיט עניוות און טאַקט, וואָלט מען עס געקענט פאַרקוקן. אָבער געטאָן האָט ער עס אויף אַ רייסיקן אופן, אָן בושה: ער האָט זיך געגעבן די צווייט־גרעסטע ביאָ־גראַפיע, גאַנצע ניין שפּאַלטן, מיט צוויי שפּאַלטן מער פון דעם באַקאַנטן יידיש־קאַנאַדישן דיכטער י. י. סיגאַל, דערביי ניט פאַרגעסנדיק אפילו צו דערמאָנען — ניט אין אַ צייטונג, נאָר אַ לעקסיקאָן! — די באַגריסונגען צו זיין באַזעצן זיך אין מאָנטרעאַל. און קיין גרויס עניוות און צו פיל שעמעוודיקייט האָט ער אויך ניט אַרויסגעוויזן דורך ברענגען ציטאַטן פון זיך גופא. ס'קלינגט זייער „פיין": חיים לייב פוקס ציטירט חיים לייב פוקסן!

ניין, אַזאַ יידיש־ליטעראַרישער לעק־סיקאָן האָט אין 1980 ניט געדאַרפט אַרויס פון דרוק.

Greetings for the New Year

*from*

***Westland Printing Co.***

1234 West Seventh Street

Los Angeles, Ca. 90017

Tel. MA 8-4216

זלמן שלאָסער

# מאַרטין בירנבוימס
# „לידער וועגן ליד און אַנדערע לידער"

דאָס איז זיין פינפטער לידער־בוך וואָס ער האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן. טייל לידער אין דעם איצטיקן בוך, ספּעציעל די פון צווייטן טייל, אָטעמען מיט פרישקייט, בענקשאַפט, ליבשאַפט, בילדלעכקייט, גוט־ברודערשאַפט, שלום און רו. זיינע לידער לייענען זיך לייכט און פאַרשטענדלעך. ס'איז דעריבער אַ שאָד וואָס די קריטיק־שרייבער אונדזערע האָבן נאָך ביז איצט נישט געפּרוווט אַריינבליקן טיפער אין זיינע לידער און אים שענקען זיין פאַרדינט ביסל ליבע. אין די פינף לידער־ביכער וואָס ער האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן, קאָן מען געוויס געפינען לידער, וואָס ווייזן אָן אויף זיין קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון 1933, ווען ער האָט אַרויסגעגעבן זיין ערשט בוך, ביז איצט. דאָס איז געווען אַ גורלדיקע צייט אין אונדזער יידיש לעבן און אין דער ליטעראַטור — אַ צייט רייך מיט אַלערליי נאַציאָנאַלע איבערלעבונגען און ענדערונגען.

איך בין זיך מודה אַז כאָטש דער נאָמען מאַרטין בירנבוים איז מיר באַקאַנט, איז אָבער זיין דיכטונג ביז לעצטנס מיר געווען אומבאַקאַנט. און דאָס צוליב אַ פשוטן טעם. מיט יאָרן צוריק, דאַכט זיך אין 1934, האָט אַ גוטער פריינד מיר צוגעשיקט אַן אויסשניט פון אַ ליד. דער נאָמען פונעם ליד איז דאַכט זיך געווען „נאָוועמבער", און דער דיכטער פונעם ליד מאַרטין בירנבוים. וועגן וואָס דאָס ליד איז געווען, ווייס איך ניט; געוויס ניט גלאַט דער חודש נאָוועמבער. מער ווי עטלעכע שורות האָב איך ניט געלייענט, וואָרעם כ'האָב גלייך דערקענט דעם קוואַל... איך געדענק בלויז ווערטער ווי „געפּאַנצערטע ווילנס", „שטורעם־פּאַראַלן", „פּיסקעס", „ביקסן" און „תפיסות."

אויב אין אַמעריקע איז ווען עס איז געווען אַ שטורמיש־רעוואָלוציאָנערע צייט איז דאָס געווען טאַקע יענע צייט. מען האָט געפילט ווי דאָס לאַנד טרייסלט זיך. די רעוואָלוציע האָט דאַן געקלאַפּט אין די טירן פון טייל יידישע שרייבערס, ספּעציעל ביי יענע וואָס האָבן גערופן אין דער „מאָרגן־פרייהייט": שטייט אויף! דערוואַכט!

ס'איז קלאָר, איצט איז נישט 1933, כאָטש איצט הערשט אויך אין לאַנד אַ שווערער קריזיס. נאָר יענער „פלאַקער" פון שטורעם־פּאַראַלן האָט קענטיק זיך שוין אויסגעברענט. און דער דיכטער האָט זיך באַפרייט פון די שווערע לאַסטן וואָס האָבן געדריקט אויף אים:

„ס'דוכט זיך מיר צומאָל
אַז איך באַלאַד די פליגל פון מיין ליד
מיט צופיל גרויע שווערע לאַסטן —
אַזוי פיל ברוכווארג,
אַזוי פיל שטיינער בלוטיקע און ציגל
פון אָפּגענאַרטע באַריקאַדן."

יאָ, עס האָט גענומען לאַנג ביז דער דיכטער האָט איינגעזען, אַז ער באַלאָד די פליגל פון זיין ליד מיט צופיל גרויע שווערע לאַסטן. איצט זינגט ער פראַנק און פריי לירישע לידער — „בלויז דאָס האַרץ אין זיין לאַמטערן־שיין". נישטאָ דאָ קיין דעקלאַמאַציע, קיין פּראָקלאַמאַציע.

„איך זינג אַליין מיר
אין מיין נאַכט אַריין.
בלויז דאָס האַרץ
איז מיין לאַמטערן־שיין
און איך דאַרף
אַ יידיש האַרץ נאָך
פון אַ זינגענדיקן מענטשן."

דאָס איצטיקע בוך בירנבוימס איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן: דער ערשטער טייל איז לידער וועגן ליד, און דער צווייטער, פון אַנדערע לידער. ביידע צוויי טיילן טיילוויז געשריבן אין פרייען פערז און זינגעוודיקע קורצע שורות ווי —

„און דאָס וואָס בליצט אויף
און ס׳ווערט נישט געבוירן —
אַ פונק אין דער פינצטער —
און אַט — שוין פאַרלוירן!

און איך זוך און איך נישטער
און ס׳האָט מיך צעליכטיקט
און וואַך אין דער פינצטער.“

לידער וועגן ליד אין דער ייִדישער פּאָעזיע איז ניט קיין אָפּטע דערשיינונג בעת לידער וועגן ייִדיש, וועגן שבת, וועגן חורבן און אויך לידער אויף יחידיש־לירישע טעמעס טרעפט מען גאָר אָפט.

אין די לידער וועגן ליד וויל דער דיכטער דערגיין צו די סודות פון יחידיש־לירישער שאַפונג. ער וויל אונדז אַנטפּלעקן פאַרוואָס און ווי אַזוי דער דיכטער קומט צו זיין ליד, ווי אַזוי די לידער וועקן אים און מאָנען און צעשטערן אים די נאַכט — אַ פונק אין דער פינצטער און אַט — שוין פאַרלוירן. ער וואָלט געוואָלט זיי איגנאָרירן, די לידער וואָס לאָזן אים ניט רוען, וואָרעם ער קאָן און בעט ניט רוען ווען עס נאָגט אים אַ געזאַנג:

„כ׳בין ניט יונג שוין, כ׳בין שוין מיד!
כ׳וויל ניט אויפשטיין און זיך באָרען
מיטן שאָטן פון אַ ליד!“

די סודות פון קינסטלערישער יצירה מאַטערן דעם דיכטער — איז עס אַ ברכה, אַזאַ ביטער־זיס געשאַנק, ווי ביטער ס׳איז אַלץ וואָס איז דעם מענטש געגעבן? זיין האַרץ איז אַן אייביק פולער שפּייכלער און די בעטלער־טאַרבע הענגט אויף אים און די עשירות און דער דלות ליגן אויף אים שטייניק־שווער. ער זעט דורך מויערן און מאַסקעס, און ניט איין מאָל טראַכט ער אַז ער איז אין גאַנצן בלינד. ער בענקט נאָך ליכט, אַז די זון זאָל אומעטום און אייביק שיינען. נאָר איז אַ טרובאַדור היינט צו זיין אַ פאַרברעכן? אפשר זיינען אַלע זיינע חושים קראַנק? נו, איז האָט ער ניט קיין ענטפערס און ער ווייסט ניט ווו דער אמת איז. נאָר עפּעס נאָגט אין אים ווי אין אַ צעווינטיקן גאַלאָפּ. די נעכט ווערן שווערער און שווערער ביים שרייבטיש נאָר ס׳הערן ניט אויף די לידער זיך דרענגען. און אַ ליד איז דאָך ניט גלאַט אַזוי זיך אַ ליד. עס קען זיין אַ שאָטנדיקער וואַלד, אַ סודותדיקע נאָרע, אַן אוצר אין אַ טיפן בגוואַלד, אַן עלטער־זיידעס נשמה אין די שפּאַלטן פון אַ גרויער קאָרע. עס קען זיין אין ליד ליכט דאָס אייביקע — די ליבשאַפט! דער שיר השירים פון די עלטסטע צייטן. און עס קען זיין אין ליד דער צעבראָכענער בטחון פון די נעכטיק־גלייביקע.

צי דאַרף מען דען דאָ לאַנג זוכן צו דערקענען אונדזער דיכטער צווישן דער גרויסער פּלעיאַדע מיט זייער צעבראָכענעם בטחון? בטחון און צווייפל, פרייד און טרויער — אַלע זיינען דאָס געזאַנג פון לעבן. פון דעם זינגט ער, דער דיכטער, און צוליב דעם איז ער דער טרובאַדור צו וועקן דאָס פאָלק אַז עס זאָל ניט בלייבן גלייכגילטיק. „אַלץ איז אין מיר אַן אַלאַרם־רוף, איז בענקשאַפט, פרייד און ביטערקייט און ליבע.“

„כ׳בין פול מיט קידער־ווידער,
כ׳בין פול מיט ווידערשפּורן —
און אַלע מיינע לידער
בענקען און זיי זוכן — — —
ווי כוואַליעס
אין אַ ווינט־צערירטער בוכטע
און ווי די כוואַליעס שטויס איך זיך
מיט מיר אַליין צענויף.“

## צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פאַר אייער יערלעכן אַבאָנימענט פאַרן „חשבון“. אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

**די פאַרוואַלטונג**

**חנן קיעל / ניו־יאָרק**

# וועגן די „זיבן זונען" פון לייב באַראָוויק

אויפן קאָשמאַרנעם וועג פון אוישוויץ ביזן לאַנד פון זיבן זונען האָט דער דיכטער לייב באַראָוויק געשריבן און פאַרעפנטלעכט זיינע לידער אין פאַרשידענע זשורנאַלן. ערשט איצט האָט ער זיי צונויפגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן געקליבענע לידער פון זיין עשירות: „תכלת הימל, זיבן זונען, זיבן ימען, שבעה שירים און אַ טויב — אַ יונה תמה" (פון זיין אַריינפיר ליד).

אינעם פרווו אָפצושאַצן די לידער פון „דדי זיבן זונען" קומט מיר אויפן געדאַנק די פאָלעמיק וועגן יאָ אָדער ניט שליחות פון ליטעראַטור. מיר איז שטענדיק געווען דערווידער דאָס איינטייטשן סאָציאַלן אָדער נאַציאָנאַלן מוסר אין אַ ליד. מיר לעבן אָבער היינט אין אַן אומרויקער און אומזיכערער צייט. מעגלעך אַז דער פאָעט קען ניט מציל זיין די וועלט און ניט באַאיינפלוסן דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט, ער קען אָבערניט אַנטלויפן. דער יידישער דיכטער איז ניט אימון צו דער וועלט, וואָס נעמט אים אַרום מיט שטעכיקע הענט, און ווי קען ער אַריינגלאָצן אין אייגענעם „זיך" ווען אויף זיין קאָפ פאַלן שטיינער.

ס'דערמאָנט יוליוש סלאָוואַצקיס: „ס'איז ניט קיין צייט איצט צו באַדויערן רויזן, ווען ס'ברענען וועלדער". אונדזערע וועלדער זיינען פאַרברענט געוואָרן, מיר הערן ניט אויף צו באַווייינען די רויזן, און ס'לעבן נאָך אַלץ די צינדער. ביין, מיר האָבן ניט די באַרויקייט פון ניט־יידישן פאָעט. אונדזערע אויגן זעען טאָג און נאַכט די שריפט אויף דער וואַנט: „איך זע אין לופט אַ האַנט מיט פייער־אותיות שרייבט, נאָך חורבן־נוקלעאַרן אַ בראשית נייער אויפגיין וועט פון תוהו־שטויב געהילט אין רחמים־שלייער. (טיימס סקווער זייט 74).

כ'האָב אַנומלט געלייענט אַן עסיי פון ט. ס. עליאָט, ווו ער דערקלערט אַז בכדי ריכטיק אָפצושאַצן אַ בוך איז בעסער ניט צו זיין באַקאַנט מיטן דיכטער, מיט זיין לעבן און פריערדיקע שאַפונגען, בכדי ניט צו זיין אין פאָרויס באַאיינפלוסט. די מיינונג איז ניט שטענדיק ריכטיק. דאָ גילט מער געטעס צוגאַנג צו פאַרשטיין דעם דיכטער. אין באַראָוויקס לידער האָב איך מיין לאַנג־יאָריקן חבר נעענטער און טיפער דערקענט און פאַרשטאַנען. ניט נאָר זיין חרוב געוואָרן שטעטעלע פאַרעשט, וואָס טויכט אויף ווי אַ חלום איינגעהילט אין אַ בלוי־שבתדיקן שלייער, נאָר אויך זיינע אומענדלעכע נאַכט־קאָשמאַרן און האַלוצינאַציעס, זיינע זעונגען, יחידותדיקן געראַנגל צווישן צוויי וועלטן: זיין „אמתע" וועלט פון ניט־הי און אונדזער מהומהדיקער עולם השקר, ווו דער דיכטער קען זיך באין אופן ניט אַריינפאַסן. דער קריטיקער וואָס רירט זיך צו צו באַראָוויקס צאַרטע תפילהדיקע עלעגיעס, וואָלט איך ראָטן ער זאָל זיך זיבן מאָל טובלען אין ים פון צער און טרערן, און געדענקען די ווערטער פון ב־מש: „של נעליך מעל רגליך", ווייל באַראָוויקס תמימותדיק־אידילישע וועלט, וואָס איז פאַרשניטן און פאַראַשט געוואָרן, איז אַדמת קודש.

דער דיכטער וואָס איז אַרויס אַ לעבעדיקער פון אוישוויץ גיהינום בלאָנקעט זיך אַרום „ווי אַ גר, אַ ניט היגער", ווי ער וואָלט געדאַרפט אָפקומען אַ שטראָף פאַר זינד ניט באַגאַנגען. ווי אַן אוד מוצל מאש, איז זיין גורל באַשווערט מיט אַן אייביקער שליחות צו מאָנען אַ חשבון און ניט בלויז אָפקומען מיט איכה־לידער. אין זיין אומרו קען זיך דער דיכטער ניט באַפרייען פון שולד־געפיל פאַרן ניט מיטגיין מיט די קדושים:

„ס'איז מיין בענקשאַפט טיפער נאָך
פון טיפסטן ים

פאַרגיט מיר פאַר ניט גיין מיט אייך
צו דער עקדה

פאַרגיט מיר פאַר זיך ראַטעווען פון
שייטער־פלאַם."

ס'קעמפן אין פאַקט די וועלט פון קרבן, וואָס ער איז אַ טייל פון איר, און די וועלט פון גערעאַטעוועטן, וואָס הערט דאָס קול, בעל כרחך אתה חי. ער ווערט געפייניקט פון די קעגן־מאָטיוון און איינגערעדטער זעלבסט־באַרעכטיקונג וואָס ער צווינגט אויף זיך אַרויף, אַז זיין לעבן האָט שוין גאָר אַ זין. דאָס איז זיין שליחות: ניט לאָזן פאַרגעסן און ניט פאַרגעבן. ער באַוואָרנט זיך מיט קללות און חרמות: „אָפּדאַרן זאָל מיין רעכטע האַנט, מיין מויל זאָל פאַרשטומט ווערן" און אַנדערע קללות און זעלבסט־באַשטראָפונג אויב ער וועט זוכן פרייד און הנאה אין לעבן.

איראָניע פון יידישן גורל: די מערדער האָבן זיך לאַנג שוין באַפרייט פון אַלע שולדגעפילן פאַר רציחות און קרעמאַטאָ־ריעס, נאָר גראָד דער קרבן קען זיך ניט מוחל זיין פאַר בלייבן לעבן.

זיין ממעמקים־ליד איז אַ זעונג אין אוישוויץ, ווו ער זוכט אויף די לאַגער־וועגן זיינע שעפעלעך. ער זעט אַ ליידיק וויגל אין דער לופט און פליסטערט ווידוי, גלייבנדיק אַז זיין לעבן ענדיקט זיך. פלוצלונג פילט ער ווי אַ געשטאַלט נעמט אים אַרום. דאָס איז געוועזן דער שומר פון די פאַרשניטענע שאָף. ווידער קומט די דערמאָנונג טריי צו בלייבן אויף איי־ביק זיין שליחות. כאָטש גאָטס וועלט איז רחבותדיק און שיין, איז פאַרן דיכטער ניטאָ קיין ווינקעלע פון שלווה. „כ'האָב דערגרייכט שוין באַלד דאָס לאַנד פון זיבן זונען און קיין שפור פון מיין פאַר־לוירן שעפעלע ניט געפונען". דאָס איז זיין יונגע פרוי, באַשעלע, וואָס אין דמיון ניט פאַרגעסענעם פון דיכטער, איז זי געבליבן אַ קינד, אַ צאַרט שעפעלע, וואָס איז אומגעקומען אויף דער עקדה. דאָס קינד, זיין חברטע זאָרגט זיך פאַר אים. קעמפט פאַר זיין קיום און האָט מורא פאַר זיין אומבאַהאָלפנקייט, ווען ער וועט בלייבן אַליין:

„וואָס וועט ווערן מיין באַשערטער
פון דיר, ווען אָפּגעשטעלט כ'וועל שוין
זיין אין שטיל באַרוטער וועלט פון
רחמים און גענאָד; כ'וועל דאָרט גע־
הילט אין קדושה, תפילה טאָן פאַר דיר
צו גאָט."

ווי יאַן קאַכאַנאָווסקי, דער פוילישער דיכטער פון 16טן י"ה האָט אויסגעזונגען זיינע צער־לידער נאָכן טויט פון זיין טאָכטער אורשולאַ, האָט באַראַוויק פאַר־הייליקט און פאַראייביקט זיינע לידער־עלעגיעס, ווי אַ מאָנומענט פאַר באַשעלען.

די עלעגיע „מיינע אַלע וועגן" זיינען געשריבן אין מיטלאַלטערלעכן מחזור־סטיל:

„ס'ווערן בלאַס מיינע פיינען
אין אָנבליק פון דיר,
ניט גלייב אַז צעשיידט כ'בין
אויף אייביק פון דיר.
ס'איז מיין תפילה כ'זאָל קומען
אָן פגימה צו דיר."

אָן זיין געליבטער יונה תמה שיינט ניט די זון ווי פריער; ס'גייען קרום די וועגן, ס'ציען זיך טעג ווי אייביקייטן. אַזוי איז דעם דיכטער אויף אייביק קיין רו ניט באַשערט „זינט דיין לויטערער גוף האָבן פלאַמען פאַרצערט, פון דאַן אָן ווייסן זיי גייט קיין טאָג ניט פאַרביי און קיין נאַכט ניט פאַרשווינדט כ'זאָל ניט זען דיך מיין קינד."

בכלל איז דאָס לידער־בוך אַ מאָנומענט פאַר זיין משפחה, זיין מאַמע נעשע, זיינע ברידער און געשוויסטער, וואָס מאַכן די לידער אינטימער און לעבן אויף די רע־מיניצענסן פון זיין שטעטעלע פאַרעטש.

„עס מיניען דיינע בערג זיך
ליכטיק־ברוין
אויף פעלדער דיינע, רייפע ווייץ
און קאָרן,
ס'טוט די זון, אַ פלאַמענדיקע קרוין
זיך שפיגלען אין דיין טייך
דעם לויטער־קלאָרן.

פאַראַן אין בוך זיבן העברעישע לידער וואָס זיינען געדרוקט געוועזן אין פאַר־שידענע זשורנאַלן. צוויי פון די לידער זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַרן דיכטערס עסקייפיזם:

1. „עיף אני עד למאד מנסיונות" (כ'בין מיד פון נסיונות) און „אך לא", כ'וויל צומאָל זיין אַ שטראַל, אַ גרוי שטיינדל ניט באַמערקט, אַ טראָפּן טוי, אַ ווינטל לייכט, נאָר ניט קיין בשר ודם. מיין גאָט, מיין בורא עולם."

געטלעכקייט איז אַ סימבאָלישער פּאַק־טאָר אין די זיבן זונען. די לידער זייַנען אָפּט דיאַלאָגן, טענות, תפילות און באַגער צו אַנטלויפן פון דער וועלט און פון בן־אדם. ווי קוהלת און איוב וויל ער פאַר־שטיין גאָטס פירונג:

„האָסט צוגעזאָגט, צור עולמים,
און געשוויגן
און אומקומען געלאָזט אַזוי
אַ גאַנצן שטאַם.‟

זוכט דער דיכטער אַנטרינונג פון הייַנט־צייטיקן יאוש אין די נעפּלען פון מיס־טעריעזער ניטאָ׳קייט אין דער געטלעכער אין־סופיקייט. די נאָענטקייט צום שוכן מרום, דעם דערבאַרעמדיקן היטער, שפּיגלט זיך אָפּ אין זייַנע דערהויבענע נאַטור־לידער. דער דיכטער ווערט פאַר־שיכורט פון בענקשאַפט צו דער אמתער געטלעכער, ניט פאַרפּאָלוטעטע וועלט פון פרילינג, ווען „ס׳וויט די לופט מיט שלווה־פרייד, כביכולס גענאָד אויף אַלץ זיך שפּרייט.‟

די פּאָעמע „דער וואַלד, וואָס איז גע־שריבן פאַרן טאָג פון ט״ו בשבט, איז אָבער געוואָרן אַ סימבאָלישע תפילה, אַ פּיזמון איז מיטלאַלטערלעכן נוסח:

„ניט לאָז מיין שטאַם פאַרטריקענען,
פאַרוויאַנען,
ניט אויסגיין ס׳זאָל חלילה
פאַר דער צייט;
אַ שוץ מיר זיי אין רגעס פון סכנה
און געפאַר.‟

און ער בעט גאָט ער זאָל דעם דונער בינדן און זאָל קיין פלאַמען צינדן אין וואַלד.

באַראַוויק איז שטאַרק באַאייַנפלוסט פון ה. לייוויק, איבעם שטראָפן זיך אַליין, אין אַסקעטישן ווייטאָן זיך, און אין זייַנע דיאַלאָג און חשבונות מיט גאָט. „לייוויק איז אין טרעבלינקע ניט געווען‟, באַראַ־וויק האָט מיטגעמאַכט דעם שואה, דורכ־געגאַנגען שבעה מדורי גיהינום פון אונ־דזער אוישוויץ־דור.

„זיבן זונען‟ איז אַ בוך פון טרויעריי־קער בענקשאַפט צו דעם פאַרראַשיקטן שטעטל, פון פיין וואָס קען ניט געהיילט ווערן מיט טרייסט. דער כוח פון לעבן איז אָבער שטאַרק, זוכט דער דיכטער אַנטרינונג אין צערטלעכע זכרונות, פריי־מיטיווע נאַטור־שיינקייט און מוזיק; דער עיקר אין פאַנטעיסטישע עקזאלטאַציע פון דערהויבענע רגעס:

„ווען אונט בלויט אין זון־פאַרגאַנג
און ס׳מיניען זיך אין שקיעה רויט די
בלומען
דערשפירט כ׳האָב שטיקער פון מיין
פרייד
מיט האַרבסטן טרויעריקע פאַרשווומען.
וואָס איז פון מיר שוין לאַנג

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

פאַרוואַלטונג „חשבון‟ — Phone: 655-1292

337½ North Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

רבקה קאָפּע / פּאַריז

# יעקב בוכמאַנס „אין תהום פון פאַרניכטונג און מאַרד"

## אַ צוריקבליק אין די חורבן־געשעענישן

אויב מען זאָל גלייבן אין דער דאָגמע פון מעטאַפיזישע צייכנס, קאָן מען דעם מחבר פון בוך, וועמענס פאַמיליע־נאָמען איז בוכמאַן, נעמען ווי אַ מוסטער, וואָס פּאַרט זיך זעלטן אַזוי האָמאָנים און האָמאָגראַף!... יעקב בוכמאַן איז אַ פּאַריזער תושב און זיין נאָמען בוכמאַן איז פּונקט ווי ער וואָלט געווען געקנאָטן פונעם זעלביקן „בוכטייג" וואָס ער האָט ליב, פילט אָן זיין ביבליאָטעק און ווען עס סטייעט אים כוח, העלפט ער אויך פאַרשפּרייטן אַ ביי דערשינען בוך; דעריבער האָט דאָס בלויזע העלפן שוין פאַרדינט געזאָגט, דאָס אומגעזעענע."

אַ געראַטעוועטער מיט אַ בומער פון דער היטלער־פעסט, האָט ער ביז איצט זיך אַרומגעטראָגן מיטן שווערן חוב, וואָס האָט געדריקט אין זיין געמיט, צו דערציילן זיינע אַלע דורכגעלעבטע היטלער־לאַגערן. ער שטעלט אַרויס די באַוואָרעניש פון נישט זיין קיין שרייבער, נייערט איז געצוווּנגען פון דעם זיך צו באַפרייען, דערציילן, כדי צו ברענגען צום געוויסן פון וועלט־געעריכט — דעם „רייך" — נעבעכדיקן נאַציאָנאַל־מערדעריזם.

דער צוריקבליק איז אַזאַ רעטראָ־מהלך, דאָס אַליין איז שוין קיין געוויינלעכע עקשנות, וואָס האָט אים נאָך אַזוי פיל יאָרן דערפירט איבערצוגעבן דער עפנטלעכקייט פון ווייט־נאָענטער טראַגישער פאַרניכטונג עפּאָכע פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. יעדער שאַפונג פון דער פען איז מער אָריענטירט אויף דער פאַרגאַנגענהייט; אַנדערש איז ווען די פאַרגאַנגענהייט איז שטענדיק אַ קעגנוואַרט און רירט אָן אַ קאָשמאַרנע וואָר פון יידישן פאָלק און ווען מען האָט די דאָזיקע וואָר אויך אַליין איבערגעלעבט, קומט די צייט און מען מוז דאָס אַרויסוואַרפן פון זיך אין דער פאָרם פון אַ בוך צום אייביקן געדענקען און נישט פאַרגעבן!

איך מוז פון אָנהייב זאָגן, אַז ווען כ'האָב זיך גענומען לייענען יעקב בוכמאַנס בוך, האָב איך דאָס לייענען פיל מאָל איבערגעריסן. ס'האָט מיך געפּייניקט די דערמאָנונג, אַז מיין גאַנצע משפחה האָט געטיילט דעם זעלביקן גורל אין פּוילן און קיינער פון זיי איז נישט צוריקגעקומען. איך האָב אָבער גערעדט צו מיר מיט שטראָפרייד, אַז אַ מענטש האָט אַזוי פיל דורכגעליטן, פאַרלאָטעט זיין צעבראָכן לעבן און ווי אַן אויגן־עדות אונדז דערלאַנגט אַ בוך, מוז איך זיך אָנגורטן מיט כוח און מיט דעם זיך באַקענען.

יעקב בוכמאַן הייבט אָן מיט עפענען אַ טיר צו זיין היים־שטעטל סטאַשעוו און גיט אונדז אַ בילד פון יידישער איינגעזעסנקייט מיט אַ בליענדיקן יוגנט־דור, וואָס האָט געזוכט נייע וועגן אין לעבן. קודם־כל איינגעשטעלט אַן אָרגאַניזירטע קולטור־באַוועגונג אויף אַלע מעגלעכע געביטן. די וואָס האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייטן אָנצוקומען אין שולן אויף אַ גרונטיקע קולטור־פאָרמאַציע, זענען געוואָרן אויטאָדידאַקטן און מיט אייגענעם פלייס און ווילן האָט מען געלערנט אויך פון אַ גימנאַזיסט ברייטערע קענטענישן; באַקענט די יוגנטלעכע מיט דער אידעאָלאָגיע פון באָראָכאָוויזם און געקנעלט בשותפות אַ קאַפּיטל פון קאַרל מאַרקס „תורה"... אויף דעם אַרט איז אַרויסגעפירט געוואָרן דער יונגער דור אויף אַ קולטור־מדרגה, טראָץ דעם איינגעוואָרצלטן כוליגאַניזם פון פּוילישע יוגנטלעכע נישט פאַרגינערס.

דער דערציילער פון די זכרונות האָט באַשאַפן אַ גוט אויפגעבויטן אַרומנעם. ס'איז געווען נייטיק צו באַשרייבן, אַז אין דער ראַם פון צעטראָטענעם סטאַשעוו בימי היטלער, האָט זיין פרוי אסתר (אַן אידעלע אין געזונט), געמונטערט אַנדערע און אַליין אויך געפירט אַ דערמוטנדיקע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. דערנעבן

געפינען זיך די פאָטאָגראַפיעס פון דער ענערגישער פרוי און פון זייער טעכטערל חנהלע; אַ פופּעלע מיט אַ פאַרביסן ליפּעלע, וואָס פאַרשלינגט אַ טרער... זי טוליעט צו זיך אַ פּילקע. ווער קאָן דען באַנעמען, וואָס סע טוט זיך ביי אַ פיריעריק קינד אין הערצל, ווען דער פאָטער געזעגנט זיך מיט דער פרוי און קינד כדי [illegible] אַרבעט?! סע פאָלגט נאָך דאָס אויסליידיקן סטאַשעוו פון יידן.

צווישן אַנדערע בילדער אויך פאָטאָגראַפיעס פון מחברס עלטערן און די אידענטיטעט־צייגענישן פון די ס.ס.־לייט און פּאָליציי־פירערס. די הילע איז געצייכנט פון קינסטלער אַדאַם פושקאָ. מיר זען צוויי געבויגענע שטיקער צעריסענע ווענט — און דער איבעוויניק פון בוך אינספּירירט לויטן תוכן פון טעקסט. דאָס שטעטל סטאַשעוו שטעלט פאָר אַ פידל מיטן אַרויסגעשניטענעם האַרץ און אין דער ליידיקייט זענען צעוואָרפן די געצייכנטע הייזקעס. ס'איז אַן אמתער „נאַטור־מאָרט“ (בלע"ז) (אין יידיש מוז מען דאָס רופן אַ טויט־לעבן אַנשטאָט אַ „שטיל־לעבן“). די בלימלעך ביים האַלדז פון פידל און די איבערגעבראָכענע ליניעס פון דער צייכענונג, שפּיגלען ריכטיק אָפּ אַ ספּאַזמאַטיש איבערגעריסענעם ניגון פון אַ באַלעבטער שטאָט.

פון דעם 350 זייטיקן בוך וועל איך פּרוּוון אַרויסכאַפּן אייניקע פון די פּילטראַגישע מאָמענטן, וואָס האָבן גאָר שטאַרק געבונדן מיין אויפמערק צו דעם וואָגיקן געדענק־בוך און אָפּשיקן פאַר דעם לייענער, זיך צו באַקענען און זיך ווידער פאַרהיימישן מיט אונדזער אייגענער פאַרגאַנגענהייט.

כ'האָב זיך אַדורכגעריסן דעם ווילדן וואַלד פון יעקב בוכמאַנס איבערלעבונגען, באַזונדער מיט זיינע האַנדלונגען אינעם קאָלעקטיוון לאַגער־לעבן, טאָר איך נישט פאַרגעסן אונטערצושטרייכן, אַז דער בוכמאַן־מענטש איז געווען אַ העלד אין בריטן און אין פולן זין פון וואָרט!

אומפאַרגעסלעך איז די איינציקע איבערגעלאָזטע שיינקייט פון אַ דערנעבנדיק דערפל, וואָס האָט באַקומען די פריי־ווילעגיע צו דינען ביי אַ קאָמענדאַנט ווי אַ גוווערנאַנטין און הויז־באַדינערין; נאָר יעדער גאַנג אירער איז געוואָרן באַגלייט דורך אַ היטער מיט געווער. איין מאָל ביים אָפּרייסן בלומען פאַר „איר דייטשער היים“, האָט זי באַקומען דעם טויט פון איר באַגלייטער — דורך אַ הויכן באַפעל...

די דייטשע אַנוועזנהייט אין אַ יידיש שטעטל האָט אויסגעליידיקט דעם קליינעם טייל פריינדלעכע באַציונגען צו די גערופדטע יידן, וואָס האָבן זיך איבערגעקערט צו אַן אָפענעם אַנטיהומאַניזם און אין דער ערשטער רייע אַנטי־יידיזם. דער מיאוסטער ביישפּיל איז דער „פאָלקס־דייטש“ הענדריק דרעסלער (פון דער קליינער עטנישער גרופּע אין סטאַשעוו). דאָס זענען העכסט אינטערעסאַנטע בלעטער צו דער געשיכטע פון יידישן אומקום — און זיי זענען נישט די איינציקע, ווייל יעדעס קאַפּיטל איז וויכטיק ס'זאָל האָבן געקומען אין דער עפנטלעכקייט, שוואַרץ אויף ווייס. אַ שיין צוגעגרייט שטיקל אַרבעט איז דאָס פון די פּאַרטיזאַנער אין אָנהייב פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אַריינצונאַרן דעם הענדריק און אים דערשיסן.

די דעקלאַראַציע פון פּאַטריאָטיזם פון דעם דאָזיקן מנוול איז אַ מוסטער פון דער פאַרדאָרבענער ירושה, וואָס האָט זיך אויפגעוועקט ביי היטלערס אויפשטייג, וואָס איז פון אַ יידנפריינד געוואָרן אַ ברייטהאַרציקער מיטאַרבעטער פון די ס.ס,־לייט. ווען מען זאָל נעמען דעם דייטשן „העלד“ צו אַ יידיש־רעליגיעזע דערציילונג, געווינט דאָ אַ סך די יידישע קדושה פון מאַראַל. דער רוצח, וואָס איז געווען גרייט אומצוברענגען דעם יידישן ווידערשטאַנד, פאַלט אפשר דווקא פון יידישע שיסערס אונטער דער מאַסקע פון דייטשן אוניפאָרם. די אַקציע פון אַ דאָפּלטן באַטייט שפּילט זיך אויס ווי אַ קוויפּראָקוואָ... נאָך אַנדערע יידנפריינד פון דער נאָרמאַלער פרידנסצייט האָבן אָנגעשטעקט פון דער היטלער־אינוואַזיע און זיך פאַרוואַנדלט אינעם זעלביקן פאַרדאָרבענעם אָפּפאַל פון דער צווייפיסיקער געזעלשאַפט אין וועמענס אָרביטע זיי האָבן אויך געלעבט.

דער מחבר גיט ביישפּילן און שאַרפע עפּיזאָדן, אַז ס'נעמט אָן ביז דער לעצטער ריפּ! אַזוי זען מיר דעם פריינדלעכן לערער פון שטעטל, דעם שרייבערס קאָלעגע ווי אַ ראַטמאַן פון סטאַשעוו. ווען בוכמאַן קומט בעטן די ירושה, וואָס זיינע אומגעקומענע עלטערן האָבן אים אָנגעטרויט, האָט דער ראַטמאַן, וואָס איז געווען גלייך מיט בוכמאַנען דער וואָרטזאָגער אין ראַטהויז און פאַרטיידיקט די סאָציאַלע אינטערעסן פון דעם שותּפות־שטעטל יידן און גויים — האָט זיך אַליין פאַרראַטן ווי אַ ראַטמאַן און נישט געוואָלט ענטפערן דעם פאַרהונגערטן און אייניק־געבליבענעם זון פון דער בוכמאַן־משפּחה. אָבער דער מחבר האָט אַ גוטן שמיץ געטאָן מיט אַ פּאָר ווערטער דעם „בכבודיקן" בירגער פון סטאַשעוו.

צו די פיל פון אונדז שוין באַקאַנטע לאַגערן, קומען צו נאָך אַנדערע און צווישן זיי אויך „פּיהינגען", ווו מיר טראָגן זיך איבער און לייענען אַזעלכע שוידערלעכע שורות: „די פאַרטיקע עלעמענטן פון בעטאָן, וואָס מ'האָט דאָ אַהערגעברענגט און וואָס מ'האָט אַראָפּגעלאָזט אין גרוב אַריין צו בויען אַן אַמוניציעפאַבריק, האָבן פאָרמירט ווענט. אין דעם זעלביקן גרוב זענען אָבער אויך געוואָרפן געוואָרן נאָך לעבעדיקע מענטשן־קאַצעטלערס, וועלכע זענען איינגעבויט גוואָרן אין די דאָזיקע ווענט."

וואָס האָט אַלץ בוכמאַן נישט געטאָן אין די לאַגערן און מיט אַן איבערנאַטירלעכן פליס, כדי צו שטיין אויף די פיס, אויסמיידן קלעפּ און איבערלעבן. שווערע בוי־אַרבעט, אויטאָסטראַדעס, שטיינהאַקעריי — אפילו אַ מתים־טרעגער געווען. דער געניטער קברן, ד ער „שיינרעדער" צו זיין געהילף בוכמאַן, ווען מ'האָט צוגעטיילט צו הילף ווי אַ טרעגער, האָט אין אַ מאָמענט — ווען בוכמאַן האָט געוויטיקט אויף דעם טויטן, וואָס ער האָט באַדאַרפט העלפן אַריינוואַרפן אין אַ וואַסערדיקן גרוב אויף אַנדערע מתים, האָט דער באַגראָבער גערעדט מיט חוזק צו דער מאַקאַברישער אַרבעט. ער האָט נישט געאַנט, אַז פון קברן קאָן ווערן אין אין איין אויגנבליק אין אונדזער שפּראַך אויך קרבן, ווען מען וואַרפט אין מאַסן־קבר אַזוי לייכט ווי ס'איז איבערצושטעלן די אותיות פון קברן אויף קרבן . . . די אידענטיפיקאַציע איז זייער נאָענט. ווי פאַרטעמפּט דער מענטש איז געוואָרן!

* * * * *

דאָס „דויטשלאַנד איבער אַלעס" איז געווען אין אַזאַ ביטערן מצב אין די יאָרן ווען די אַליאירטע האָבן געפּרווט געבן דעם אַנטגילטיקן קלאַפּ, אַז דער אָרעם־„רייך" האָט זיך אַראָפּגעקייקלט צו אַזאַ מדרגה — פון זוכן גאָלט ין מויל ביי די פאַרהונגערטע לאַגערניקעס, ביי וועלכע די ציין האָבן שוין זיכער געזשאַווערט פון נישט באַנוצן זיי ווי געהעריק... ווייזט אויס, אַז זיי האָבן נישט געקענט אָדער פאַרגעסן דאָס קאָנווענציאָנאַלע שיינע קלינגווערטל: „די מאָרגנשטונד האָט גאָלד אין מונד." וואָס האָט איצט ביים „הערנפאָלק" אָפּגעווירן דעם ווערטיקן מעטאַפאָרישן אויסטייטש: ווער סע שטייט אויף פרי, איז דער טאָג גלייך צו גאָלד! זייער „מאָרגנשטונד" איז שוין פּאַקטיש געווען ביים ראַנד פון גרונט.

אינעם זידל־וואָקאַבולאַר פון אַרויסשטעלן אַ פאַרגלייך צו דעם מערדעריזם פון די ס.ס. „לויטע", איז מען געווינט צו הערן דעם ביישפּיל פון „חיהשער אויפפירונג." די נאַצישע צוויי־פיסיקע באַשעפענישן האָבן דאָך גאָרנישט פאַרדינט אַזאַ נאָבעלע באַצייכענונג, ווייל די רויב־חיה איז באַשאַפן געוואָרן צו נערן זיך מיטן שוואַכערן מין באַשעפעניש. ס'איז אַ נאַטירלעכער געזעץ, אַ מין אומבאַוווסטזיניקן קאָנטראָל צו באַלאַנסירן דעם איבערפלייץ פון אַן אַנדערן מין. סוף־כל־סוף איז פון „דויטשלאַנד איבער אַלעס" פאַרבליבן דער אונטערמענטש; דאָס מענטשלעכע האָבן זיי דאָך פון זיך אַליין באַזייטיקט! מיט אַ קליין־פּראָצענטיקן אויסנאַם, וואָס געפינט זיך ביים סוף פון בוכמאַנס טראַגיש־אינטערעסאַנטן בוך!

ס'איז ווערט איבערצוגעבן אַן אויפגעכאַפּטן געשפּרעך פון פיר פאַרהונגערטע קאַצעטלערס, וואָס יעדער פון זיי פילט אַזוי נאָענט דעם ראַנד פון אומקום. אַז זיי ליידיקן אויס איינס־אַנאַנדער זייערע

לעצטע באַגערן מיט אַ ווייטאָג פון פאַרגעניגן צו אַנטפלעקן דאָס, פאַר די אַרומיקע ליידנס־חברים, צוהערער, פון וועלכע יעקב בוכמאַן האָט דאָס אויפגענומען מיט ביידע אויערן: איינעמס גרעסטן באַגער, איז כאָטש נאָך איין מאָל גוט אָפעסן און שטאַרבן מיטן טעם פון אַ זאַטן. דער צווייטער בענקט גאָר נאָך טרערן; זיך אויסוויינען ווי זיינע עלטערן ערב יום־כיפור ביי די אָנגעצונדענע ליכט. דער דריטער איז מקנא יענע, וואָס האָבן נאָך טרערן, ווייל ביי אים איז דער ביאָלאָגישער נערוו־פאָדעם שוין אויסגעטריקנט צוזאַמען מיט זיין גאַנצן חומר. דער לעצטער, וואָס שווייגט שעמעוודיק, ווערט באַצוווּנגען פון די דערנעמנדיקע צו זאָגן זיין באַדויער, וואָס ער וועט שוין קיינמאָל נישט אויסלעבן. דאָס איז אַ גאָר יונגער בחור, וואָס דאָס גערייד האָט פלוצים אויפגעוועקט אין אים אַ חרטה־רייצונג, וואָס ער האָט נישט איבערגעלעבט דעם עראָטישן פאַרגעניגן פון צוזאַמענהעפטן זיך מיט זיין יונגער צוקונפטיקער פרוי, זיין געליבטע כלה.

די ביאָלאָגישע טראַגעדיע פון דער מענטשלעכער וויטאַלער לעבנס־נויטווענדיקייט, וווּ ס'קומט אַרויס דייטלעך דער האַרץ־אַראָפּרעד פון די פיר קאַצעטלערס, האָט צווישן אַנדערע דראַסטישע איבערלעבונגען, באַקומען אַ ווערטיקן תיקון פון בוכמאַנס אויפגעזאַמלטע זכרונות.

* * * * *

ברויט, ברויט, ברויט! איז אַקצענטירט אויף טריט און שריט און חזרט זיך איבער ביז צום לעצטן נשמה־דעך! די איבערגעפרעסענע דייטשן מיט זייערע געהילפן האָבן צוגעטראַכט אַ ווילדן קאָנקורס פון אַן איבערזאַטן מאָלצייט, וואָס אַ נאָרמאַל־געגערטער וואָלט אויך נישט אויסגעהאַלטן. צו דעם קאָנקורס־צעשטריונג האָבן זיך צוגעשטעלט דריי פריוויליקע. צוויי אויסגעהונגערטע האָבן געלאָזט דעם פרווו פאַר דעם שטאַרקן. דער „העלד" האָט אויפגעגעסן ס'מאָלצייט אַ זאַטער מיטן לאָרעאַט פון טויט... (זע דעם „טויט פון אַ גיבור").

* * * * *

צו די טיף־רירנדיקע דערציילונגען געהערט דאָס קאַפּיטל: „די דערהאָלונגס־היים". דאָרט האָט מען צו טאָן מיט גוססדיקע שילשול־קראַנקע. מאָרד איז געווען פאַרשיתופט צו דער שרייענדיקער שילד: „דערהאָלונגס־היים". דאָרט האָבן זיך געפונען מערסטנס פראַנצויזישע און רוסישע געפאַנגענע. זייער שטובן־עלצטער און דאָלמעטשער ביי די דייטשן איז געווען אַ פאָליטישער אַרעסטאַנט, אַ פוילישער קאָנסול פון ליאָן (פראַנקרייך). צווישן אים און בוכמאַנען האָט זיך געשאַפן אַ סימפאַטישע, קעגנזייטיקע באַציונג. די נאָנטקייט מיטן קאָנסול — אַ פריווילעגירטער און געאַכטעטער צוליב זיין טיטל, האָט פאַרלייכטערט זייער לעבן מיט דער הילף פון וואָס איינער האָט געקאָנט דערוואַרטן פון צווייטן. ס'איז אַ מאָל דערגאַנגען צו בוכמאַנס אַ גרויסן מסירות־נפשדיקן חרק בשייכות מיטן אויסבאַהאַלטן אין באַראַק דעם קאָנסול, וואָס איז אָנגעגריפן געוואָרן פון טיפוס־פיבער. אין רעזולטאַט דערפון איז געפאַלן דער גורל אויף בוכמאַנען צו זיין דער שעף פון אויסטיילן יעדנס חלק זופ. דער הונגער אין לאַגער איז אַ דיקטאַטאָר און ליגט אונטער דער קאָמאַנדע פון עגאָאיזם; זאָרגן מער פאַר זיך — ווען מ'האָט „אַ צד צו דער שיסל" (געמיינט וואַסערדיקער קעסל זופ.

בוכמאַנס אײדעלער כאַראַקטער האָט נישט געקענט אויספירן די דאָזיקע מיסיע; ער האָט נישט געוואָלט ביים טיילן באַעוולען די אַנדערע, אויך נישט מאַכן קיין אויסנאַם; האָט ער זיך געפייניקט, געפילט זיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדנס לעבן און אַליין זיך נישט פאַרגונען דאָס נאַרהאַפטערע, וואָס פאַלט צו דער דנאָ פון קעסל — איבער וואָס ער איז געווען דער באַלעבאָס — און דאָס האָט אים דערפירט אויפצוגעבן די פונקציע. מיר נעמען דאָס אָן ווי אַן אויטאָ־פאָרטרעט פון מחברס מענטשלעכקייט. סע שטייט אויך פאַר די אויגן דאָס האַלבע קעסעלע וואַסער צו באָדן די קראַנקע, וואָס האָבן קוים שוין געזשיפעט. — „ווייל זאַובער מוז זיין"... האָט מען דורכגעפירט די „וואַשונג", וואָס איז אפילו נישט גע־

ווען קיין מיטלאַלטערלעך - סימבאָלישע, מ'האָט געמוזט איינטונקען יעדן קראַנקן אין דער זעלביקער בלאָטע פון דער וואַנ־נעלע...

* * * * *

ערב סוף פון גערענגל, ווען יידן האָבן מיט זייערע סקעלעטישע קערפּערס פּאַרזייעט די ערד ווו זיי האָבן געטראָטן, אָדער געבליבן שטעקן אין וועג צוליב דעם פאַרויסמאַרש פון די אַליאירטע אַרמייען — מיט אַ להכעיס פון דער נאַטור, וואָס האָט נאָך צוגעהאָלפן מיט עקסטרעמע אויסברוכן, ווי פאַרפלייצונג, אָדער פלאַמענדיקע היץ!

אין יענע פּרעציזע באַדינגונגען ווען מ'האָט כסדר נאָך געהאַלטן אַן אויג מיט אַ מאַשין־געווער אויף די קרבנות, האָט אַ צווייט־ראַנגיקער דייטשער זעלנער אין אומבליק פון די פאַרשמאַכטע יידן, פּרובירט אונטערצוטראָגן הילף די דאָרשטיקע מאַרשירערס וואָס מ'האָט געטריבן פון איין פּלאַץ צום צווייטן. פון אַ דערנעבנדיקן הויז האָט זיך פּלוצים באַוויזן דער אויסנאַמליכער דייטשער באַגלייטער און געטראָגן אַ שעפּ וואַסער צו די דורשטיקע, אָבער קיין איין טראָפּן איז צו קיינעמס ברענענדיקן מויל נישט דערגאַנגען — צוליב דעם געדראַנג צו כאַפּן אַ שלונג.

די דעמאָנישע אָרגאַניזאַטאָרן פון שלעכטס האָבן ניט דערלאָזט דעם מינדסטן הומאַנעם זשעסט פון אַ זייעריקן מסתמא האָט דער גוטער דייטש אינטואיטיוו געפילט אַז זיין טאַט וועט אונטערלייגן אַ דיסציפּלינאַרע שטראָף פאַר געבן הילף יידן, באַשטימט אויסצוראָטן. אַלץ איז דאָס געווען פון פאָרויס פּראָגראַמירט און דעקרעטירט. אָבער דער פאַל איז געווען אַ ספּאָנטאַנער זשעסט פון דעם בעל־רחמנותדיקן זעלנער — און ער איז טאַקע גלייך סאַנקציאָנירט געוואָרן מיטן דייטשן זידל - וואָקאַבולאַר, דעגראַדירט פון זיין אוניפאָרם און אַריינגעוואָרפן געוואָרן צווישן די פאַרפאָלגטע.

דאָס דערציילן פון יעקב בוכמאַן איז נישט קיין ווערן פון שאַפן, ס'איז פיל העכער; ס'איז אַ מאַטעריאַל פון פאַקטן, סקיצן, צונויפגעזאַמלט ביים ראַנד פון תהום, גוט דערציילט — און דאָך אָן שום ראָמאַנטישן גלאַנץ, נייערט אָפּגעשפּיגלט אויף אַ געהעריקן אויפן דעם מאָנסטרועזן דייטשן גייסט פון פאַרניכטונג!

דאָס מענטשלעכע און אידעלע לאָזט זיך דערקענען אין די סאַמע אוממענטשלעכע באַדינגונגען, ווי מיר זען דאָס אין גאַנג פון לייענען און פון דער הקדמה פון ד"ר וואָלף גליקסמאַן, בוכמאַנס ליידנס־און לאַגער־ידיד.

* * * * *

נישט וויניקער שפּאַנענדיק און מיטרייסנדיק איז דאָס קאַפּיטל: „די חבלי לידה פון דער באַפרייונג". די שיינע און באַקוועמע באַן, וואָס האָט געוואַרט אויף דעם באַפעל אין וועג אַריין, איז געוואָרן פאַר די וואַרטנדיקע קאַצעטלערס, אַ מין דעטעקטאָר פאַר די געהיימע דערשטיקטע נשמה־כוואַליעס פונעם רעשטל יידן און אויפגעבונדן זייער צונג. האָבן טאַקע אַ שטראָם געטאָן פון מיילער פאַרשיידענע טראַכטונגען און פּראָגנאָזעס. בוכמאַן איז אין קעגנטייל אויף דעם וואַרטנדיקן רופלאַץ, גאָרנישט געווען אָפּטימיסטיש. אויסגענוצט ביזן ביין פון אַזאַ לאַנגן קאַמף, אויך צוויי מאָל געווען פאַרגיפטעט אַרבעטנדיק, האָט ער מער קיין צוטרוי נישט געהאַט צו די צעטומלטע און אַליין אויך שוין מידע דייטשן, וואָס האָבן געפילט זייער קאַטאַסטראָפע. דער מחבר האָט געטראַכט מיט אַ טיפע וווּנד אין האַרצן, אַז ער האָט נישט צו וועמען צוריקצוקומען. פון זיין פרוי, קינד און עלטערן, חברים פון שטעטל, איז קיינער נישט געבליבן. איבערגעלעבט, צום גליק, האָבן בלויז אייניקע פּאָטאָגראַפיעס וואָס געפינען זיך אין בוך צווישן אַדאַם מושקאַס צייכענונגען.

* * * * *

אין דעם קאַפּיטל: „די באַפרייאונג", ווען בוכמאַן געפינט זיך אויף אַ פרייען פעלד נעבן אַ רויק־„שלאָפנדיקן" מענטש, טרעפן מיר זיך אָן מיט אינטימע פאַרצייכענונגען פון מחברס אויסגעשעפּטן גוף, וואָס וויל אויך שלאָפן!... אָבער ער פירט אַ מלחמה מיטן ליבלעכן מלאך־המוות... דאָס מאָל איז עס אַ שטרייט פון אַ פרייען מענטש מיט אַ דורכזיכטיקע

הויט אויף די ביינער. מיר לעבן איבער סופער־דראַמאַטישע, אַטעם־פאַרכאַפּנדיקע מאָמענטן פון דואַליזם. די ערד האָט אין יענער רגע אַזאַ מאַגנעטישן צוצי קראַפט; אַ סעקונדע — און אַן אייביקייט... אָבער בוכמאַן פאַרלירט נישט דעם קאָנטראָל איבער זיך. ער געפינט זיך איצט אין זיין אייגענער האַנט; צווישן הימל און ערד, אַן אַ לעבעדיק באַשעפעניש — אין דער מיט פון אַ געטלעכע פּאַנאָראַמע, פון אַ נייעם בראשית... איבער וועלכע ער אַליין דאָמינירט! די גראַוויטיר־קראַפט איז דערפאַר פלוצים געוואָרן צו שוואַך אַנטקעגן בוכמאַנס ווילן; דאָס בלוט האָט זיך אין אים רעוואָלטירט און צעשריגן — איבערלעבן און דערציילן!!!

* * * * *

דער דיכטער מלך ראַוויטש ע"ה, וואָס איז געווען טעטיק אין פיל זשאַנערן פון דער ליטעראַטור, האָט נאָכן חורבן פון מזרח־אייראָפּייאישן יידנטום, רעאַגירט מיט אַ גרעסערן עסיי צו שאַפן אַ נייעם תנ"ך פון דער לעצטער גיהינום־תקופה. ס'איז געבליבן דער טיף־מענטשלעכער רוף־מאַניפעסט: צונויפזאַמלען די גאַנצע חורבן־ליטעראַטור פאַר אַזאַ ספר. ווי ווייט ס'זאָל נישט זיין די צייט דערצו, דאַרף טאַקע דער געדאַנק באַקומען אַ תיקון.

דערוויל געהערט דאָס ספרל פון יעקב בוכמאַן צו דער נאַציאָנאַלער פּאַטרימאָניע ביי יידן און וועט געפינען זיין פּלאַץ אינעם היכל פון „יד ושם".

## די פערנאַנדאָ כענאָ

## ליטעראַטור־פּרעמיע

## פאַר דעם יאָר 1982

אין חודש מערץ, 1983, וועט צום 7טן מאָל אויסגעטיילט ווערן די די ליטעראַטור־פּרעמיע. די וואָס ווילן אנטייל מעמען אין דעם קאָנקורס פאַר 1982 דאַרפן צושיקן צוויי עקזעמפּלאַרן פון זייערע געדרוקטע ווערק אין יידיש, עברית אָדער שפּאַניש צו דער קולטור קאָמיסיע ביים יידישן צענטראַל קאָמיטעט אין מעקסיקאָ. יעדע פּרעמיע באַטרעפט טויזנט דאָלער.

די געדרוקטע ביכער דאַרפן האָבן אויף זייער שער־בלאַט די דאַטע פון זייער דערשיינען אין 1981 אָדער 1982.

ביכער וואָס זיינען שוין פּרעמירט געוואָרן פון אַנדערע פאָנדן וועלן ניט גענומען ווערן אין באַטראַכט.

דער טערמין פון צושיקן ביכער, צו צוויי עקזאַמפּלאַרן אומבאַדינגט ענדיקט זיך דעם 31טן דעצעמבער, 1982.

ביכער דאַרפן צוגעשיקט ווערן צו:

COMITE CENTRAL ISRAELITA

*Premio Literario 'Fernando Jeno'*

Acapulco 70, Desp. 503

MEXICO 7, D.F.

שוין דערשינען אַ ניי בוך

פאַרשונגען און דערציילונגען

פון באַקאַנטן פאָרשער און שרייבער

ד"ר יעקב י. מייטליס

„פון ווייטן אַמאָל ביזן היינט"

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „ישראל בוך"
תל־אביב, 1981

# אין שפּיגל פון יידישן לעבן אין ל. א.

לאָטי פּ. מלאך

## חלום און וואָר

(רעיונות און זכרונות)

שטיל ווי אַ שאָטן, גייט מיר נאָך
מיין טאַטנס זמר,
וואָס ער פלעגט מיר ברומען
אין די שעהען פון דעמער...
(חיים לייב פוקס)

יום כיפור. אַ טריבער טאָג היינט אין דרויסן. אין שטוב הענגט אַזאַ לויטערער מדויער. טרערן פליסן פון מיינע אויגן אַראָפּ. איך ווישׁ זיי ניט אָפּ, די טרערן, אַ שאָד, אַזעלכע ריינע, דורכזיכטיקע טרערן — גאָלע בריליאַנטן. זיץ איך זיך אַזוי אין זיסער מנוחה און טראַכט: נישט באַשערט געווען, און אפשר גאָר, ניט ווערט געווען צו דאַוונען היינט אין אַ שול מיט אַן עדה יידן און הערן ווי דער חזן צעגיסט זיך אין תפילה. וואָס דאַרף אַ שטייגער אַ יידענע, ווי איך, אַ וועלט־לעכער מענטש, פּלוצלינג גיין אין שול אַריין? בין איך זיך מודה, אַז ס'איז גאָר־ניט אַזוי פּלוצלינג. כ'האָב אַלע מאָל געהאַט אַ נטיה זיך אַריינצוכאַפּן אין אַ בית הכנסת ובפרט ימים נוראים..

די ליבשאַפט צום בית המדרש, צו דער שול, האָב איך איינגעזאַפּט אין זיך מיט מיין מאַמעס מילך. מיין טאַטע, ר' פייביש לייב, איז געווען אַ בעל־תפילה; און אויך בלויז דערפאַר ווייל ער האָט עס ליב גע־האַט. קיין נאָטן האָט מיין טאַטע ניט גע־קענט און ס'האָט אים ניט אויסגעפעלט, ס'האָט קיינעם ניט אויסגעפעלט. דערפאַר אָבער האָט ער געקאָנט דאָס גאַנצע דאַ־ווענען אויף אויסנווייניק און איז תמיד גרייט געווען צו דינען. געווען ביי אונדז געיירשנטע ניגונים, וואָס אַלע האָבן גע־קענט און קיינער האָט ניט געוווּסט פון וואַנען זיי שטאַמען, ווער עס האָט זיי אויסגעלערנט און אַהער־געבראַכט אין אונדזערע מקומות. נאָר זיי זיינען געווען גאָלע מתיקות.

תיכף נאָך תשעה באב האָט ער זיך גענומען גרייטן, מיין טאַטע. מיך, מיט מיין עלטערן ברודער, פּינחס, האָט ער אָפּגעריסן פון שפּיל, און אַמאָל אונדז אפילו אַרויסגענומען מיט אַ שעה פריער פון חדר און געמאַכט פון אונדז משוררים. ווי אַזוי ער האָט געוואַגט אַריינצוברענגען אַ מיידל צווישן אַלע מאַנסבילן? דאָס שטעל איך זיך היינט ניט פאָר. נאָר איך בין דען געווען אַ מיידל? איך בין געווען אַ קליינס, אַ פאַרדאַרטס, מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן און אַ קלינגענדיקן קולכל.

מיין טאַטע איז געווען אַ תהילים־ייד, וואָס ביי אונדז אין קליינעם שטעטל (ס'איז אפילו ניט געווען קיין שטעטל, נאָר אַ העק פאַרשטופּט ערגעץ אין אַ ווינקל צווישן באַרג און טאָל, הענט־הער הינטער טשערנאָוויץ) האָט עס געהייסן נישט קיין גרויסער למדן. דערפאַר אָבער פלעגט ער אויסציקלען אַ יהי רצון, אַז ס'איז זיך צעגאַנגען אין יעדן אבר. ביי אונדז אין דאָרף איז ניט געווען קיין ספּע־ציעלער בעל־קורא. יעדער „עם הארץ" האָט געקענט לייענען די תורה.

מיין טאַטע האָט תמיד געקראָגן אַ שיי־נע עליה — אַ שישי, אַ מפטיר. דאָס איז געווען זיין זכיה פאַר זיין דאַווענען מיט אַזאַ הייסער כוונה, וואָס האָט אַלעמען אָנגעהויכט מיט יראת שמים. אפילו פון דער ווייבערשער זייט (ניט געווען קיין ספּעציעלע ווייבערשע שול) האָט זיך אויך געהערט זייער געוויין: „ומפּני חטאינו גלינו מארצנו..."

פרעגט ביי גאָט אַ קשיא: מיט וואָס האָבן זיך אונדזערע כשרע ווייבעלעך — אויסגעבאָדענע און אויסגעצוואָגענע, געלאָזט די קינדער אויף הפקר און גע־לאָפן אין שול אַריין אויסבעטן אַ גוט יאָר — אַזוי שטאַרק פאַרזינדיקט?

* * * * *

## די חיים סאָלאָמאָן סינאַגאָגע אין מאַר וויסטאַ

„פאָלג מיך אַ גאַנג און זאָם זיך ניט.” אַזאַ ווערטל איז ביי אונדז אַרומגעגאַנגען, ווען מען האָט געוואָלט אויסדריקן אַ גרויסן קאָנטראַסט. דאָס איז אויך חל אויף מיין אָנקומען אַלס לערערין אין דער תלמוד תורה פון דער חיים סאָלאָמאָן סינאַגאָג. עמיצן וואָלט זיך געקענט אויס־דאַכטן, פון אַ פּראָגרעסיווער יידישער קינדער־שול אין באַיל הייטס (אין האַרץ פון דער יידישער געגנט פון יענע יאָרן) ביז אַ מאָדערנער תלמוד תורה אין אַ גויישער געגנט — מאַר וויסטאַ, איז אַ געוואַלדיקער שפּרונג. יאָ, אפשר פאַר אַנדערע לערערס וואָלט דאָסטאָקע געווען אַ מהלך. אָבער ניט פאַר מיר. מיינע קינדער־יאָרן זיינען מיר בייגעשטאַנען. איך בין אַריין אין דער תלמוד תורה ווי אַ פיש אין וואַסער. דאָס איינציקע וואָס האָט מיך יאָ געשטערט איז געווען דאָס, וואָס די שול איז געשטאַנען נעבן אַ קלויסטער — אַ בנין אין אַ בנין. פּונקט דעמאָלט ווען מיר האָבן געעפנט די ספרים און געוואָלט נעמען אַ וואָרט אין מויל אַריין האָט זיך דער קלויסטער צעקלונ־גען...

קיין יידיש אַלס שפּראַך האָט מען דאָרט ניט געלערנט, בלויז אַן עלעמענטאַרן עברית. אָבער דאַוועגען די פּרשה פון דער וואָך, געשיכטע, סיי כראָנאָלאָגיש, סיי לויטן קאַלענדאַר — דאָס הייסט די יידישע ימים טובים, דאָס האָבן מיר שוין גאָר געלערנט (דאָס האָבן מיר דאָ גע־לערנט אונטער דער אויפזיכט פונעם ראַ־ביי און אונטער דער קאָנטראָל פון ד״ר ברידזשער פון דער ביוראָ אָוו דזשוויש עדוקיישאַן. נו און געזאַנג? לידער האָבן מיר געזונגען פאַר „פאַן” — פאַר פאַר־געניגן הייסט עס. נישט געווען קיין ספּע־ציעלער געזאַנג־לערער (אין די יידישע שולן זיינען יאָ געווען).

אונדזער ראַביי און פּרינציפּאַל (ראש מנהל) פלעגט זיך אָפט צוהערן אונטער דער טיר, וואָס ס׳הערט זיך עפּעס דאָרטן אינעווייניק, אין קלאַס. אַריינגיין וואָלט געמיינט שטערן, איבעררייסן. געדענק איך, ווי ער האָט מיך איין מאָל געכאַפּט, נאָכן אָפּזינגען, מיט גוסט, „אין כאלוהינו” זינגען אַ יידיש ליד, אַ האַרציק יידיש קינדער־ליד:

„האָב איך געהאַט אַ פייגעלע —
אַ פייגעלע גאָר פיין.
האָט דאָס פייגעלע פאַרלאָזן מיך,
געלאָזן מיך אַליין.

ווו ביסטו, האַרציק פייגעלע,
ווו זינגסטו דיין געזאַנג?
צי ווייסטו, האַרציק פייגעלע,
דער האַרבסט, ער ציט זיך לאַנג...

דאָס לידעלע האָט אַזאַ זיסע מעלאָדיע, אַז ס׳האָט אפילו דעם ראַביי אונטער דער טיר אויך גערירט. ער האָט שטיל גע־עפנט, מיר זיינען שטיל געבליבן. איך האָב זיך געריכט אויף אַן איבעררייד. נאָר ניין. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך גלייך אַרויסגערוקט. — מילא, האָט ער זיך געטראַכט, אַז דער קלאַס, מערסטנס יינגלעך צווישן 10 און 12 יאָר — זיצט און זינגט אַזוי געשמאַק, מסת־מא האָבן זיי דאָך הנאה, זאָלן זיי...

נאָר איין מאָל אין אַ פאַר פורים, ווען איך האָב געפרוווט אויסלערנען די קינ־דער דאָס שטיפעריש פאָלקסליד „האָפ מיינע המן־טאַשן” האָט ער מיך יאָ אויס־גערעדט: „כאַפּט ניט איבער די מאָס...”

פאַר די קינדער האָט ניט אויסגעמאַכט צי ס׳איז יידיש, צי עברית; זיי קענען ביידע שפּראַכן ניט, איז וואָס אַרט דאָס זיי? אונדזערע חדר־קינדער האָט עפּעס אויס־געמאַכט צי ס׳איז געווען אַרמיש, צי העברעיש? ס׳איז געווען אין לשון קודש. נאָר דאָס לידל „יאַכנע דוואָשע” איז ביי מיינע קינדער געווען אַ נישט געדאַכט וואָרט. די מעלאָדיע, דעם ריטם האָבן זיי אויפגעכאַפּט, אָבער די ווערטער באַין אופן... אָבער מיר האָבן דאָך פאָרט גע־וואָלט האָבן „פאַן” האָבן מיר אויסגע־

לערנט עטלעכע שורות פון מגילת אסתר
אויף אויסנווייניק און מיטן טראָפּ:

„ויהי בימי אחשורוש,
הוא אחשורות
המולך מהודו
ועד קוש־ש־ש.

איך האָב די קינדער ניט אויסגע־טייטשט דעם צווידייטיקן מיין פונעם וואָרט כּוש (קוש). ס'איז געווען שטיפעריש גענוג אָן אַן אויסטייטש.

## אונדזער ראַביי

ראַביי בן־ציון כּוהן איז געקומען, ווייזט אויס ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט פון אַ גרויסער ישיבה אין שיקאַגאָ מיט סמיכה און אַ „בעטשלאָרס דיגרי" פונעם נאָרט־וועסטערן יוניווערסיטעט. ער איז געווען אַ יונגערמאַן מיט אַלע מעלות: אַ הויכער, אַ שיינער, מיט אַ ברוינלעך פּנים און שוואַרצע, לאַכנדיקע אויגן, ווי אַ חדר־יינגל, און אַ חן־גריבעלע אויף דער גאָמבע. ער האָט גערעדט פריי ייִדיש, כאָטש דאָס האָט האָט ער נישט אָנגעגעבן אין זיינע קרעדיטן, איז עס אים צונוץ געקומען. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דער פּאַסיקסטער ראַביי פאַר דער נאָר וואָס געגרינדעטער קהילה, אַ חוץ וואָס ער איז געווען איבערגעטריבן פרום, אמת פרום. געוווינט האָט ער מיט זיין קליין ווייבעלע און דריי פּיצלעך קינדער אין אַ דערווייליקער דירה, ערגעץ־ווו אין לאָס אַנדזשעלעס. פרייטיק נאָכמיטאָג האָט ער זיך איינגעפּאַקט זיין נייעם, גרויסן טלית, דעם קיטל און די שבת־דיקע, ווייסע יאַרמולקע און האָט זיך אַריבערגעפּעקלט אין שול אַריין, ווו ער האָט געהאַט אַ צימערל פיר איילן די גרויס, און דאָרטן שבת געהאַלטן. וואָרעם פאָרן אַהין און צוריק, מחלל שבת זיין?...

דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג האָט ער, פאַרשטייט זיך, געלערנט תורה. ערשט העט־העט אין אָוונט, ווען אויפן הימל האָבן זיך באַוויזן דריי שטערן, האָט ער, איינער אַליין, געדאַוונט מעריב, געמאַכט הבדלה און איז אַהיים געפאָרן. אי דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט ווייב און קינדער אין אַ פרעמדער שטאָט איבער גאַנץ שבת אַליין? דאָס האָט זיך ניט גערעכנט. האָבן דאָך די פרומע חסידים, וועלכע פלעגן פאָרן צום רבין אויף שבת, אויך אַזוי געטאָן און קיינער האָט ניט געפרעגט קיין שאלות. און אונדזערע מאָדערנע ייִדישע שרייבער, וועלכע גלאָריפיצירן די חסידים, אויך קיין מאָל ניט אַוועקגעשטעלט אַזאַ פראַגע: ס'טייטש, ווייב און קינדער? דאָ ווערט דאָך באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה קעגן זיי! נאָר אני הקטנה, דערוועג זיך און פרעג יאָ. און אויב איך פרעג ניט דירעקט ביי די רביים און חסידים, פרעג איך עס ביי אונדזערע מאָדערנע ייִדישע שרייבערס: דאָס אַוועקפאָרן אויף גאַנץ שבת צום רבין איז דאָך ניט געווען קיין דין און איז ניט. ווען ייִדן זיינען עולה־רגל געווען צום בית המקדש האָבן זיי מיטגענומען ווייב און קינד און אפילו די ציג אָדער די קו זאָל געבן מילך פאַר די קינדער.

די בעלי־בתים האָבן געלעקט די פינגער פון זייער גראָטענעם ראַביי. זיינע דרשות האָבן אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער געגנט (מאַר וויסטאַ, קאַלווער סיטי און וועניס). דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען אַ צייט. די יונגע קהילה האָט מצליח געווען: צוגעקראָגן נייע מיטגלידער, קינדער אין דער תלמוד תורה און, מיט דער צייט אויפגעבויט אַ שיינע, גרויסע סינאַגאָגע. אפילו אָפּגעקויפט אַ קליין הייזעלע פאַרן ראַביי מיט זיין הויזגעזינד, ער זאָל ניט דאַרפן אָפּהאַלטן שבת ווי אַ נזיר, רחמנא לצלן.

די אידיליע האָט אַזוי געקאָנט אָנגיין גאָט ווייסט ווי לאַנג. אונדזער ראַביי וואָלט זיך דאָרט געקאָנט אויסלעבן זיין רבנישע קאַריערע ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. האָט ער אָבער געהאַט, צו אַלע זיינע גרויסע מעלות, איין קליינעם חסרון. דהיינו? ער האָט ליב געהאַט אַ סך צו דאַווענען. ווען ער האָט זיך דערזען ביים עמוד איז ניט געווען אָפּצורייסן אים: נאָך אַ פסוק און נאָך אַ פשט און נאָך אַ דרשה...

די קהילה, דווקא אַ ווילער עלעמענט מיטלקלאַס מענטשן: קרעמער, אויפזעער, פאַכלייט, האָבן זיך געביסן די ליפּן. הגם זיי זיינען געווען זייער צופרידן מיט דער סינאַגאָגע. געקומען יעדן שבת דאַווענען, ימים טובים, געפראַוועט בר־מצוות; זיי

האָבן דערפילט אַז זיי זײַנען יידן אין דער גויישער געגנט. דער פאַקט אַליין וואָס זיי האָט אויסגעפּעלט אַ שול, רעדט פאַר זיך. נאָר פּרנסה איז פּרנסה. פּרייטיק, שבת און מאָנטיק (נישט זונטיק) איז ביזן היינטיקן טאָג, אַ נישט־אָפיציעלער יריד, אין קאַלווער „שאַפּינג צענטער". מען האַלט אָפן שפּעט די געשעפטן. דערפאַר איז פרייטיק אָוונט נישט געווען קיין „סוירוויסעס" — דאָס הייסט, מען האָט נישט געדאַוונט; נישט געווען קיין מנין. דעריבער האָט זיך דער ראַביי געוואָלט אָפּנעמען זיינס און האָט אַריינגעדאַוונט שבת אין דער פרי ביז העט־העט אין נאָכמיטאָג אַריין. האָט מען אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט אים, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויב זיי וועלן דעם שבתדיקן טאָג ניט מאַכן קיין געשעפטן, וועלן זיי ניט קאָנען אויסהאַלטן די שול. מען האָט אפילו געוואָרנט, אַז דער ענין קאָסט זיי צו טייער. נישט חלילה זיינע שכירות, נאָר די צייט...

מען האָט גערעדט ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל — ס'האָט גאָרניט געהאָלפן. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז עס זיינען אָפּגעלאָפן די פינף יאָר פון זיין קאָנטראַקט און זיי האָבן אים, דעם קאָנטראַקט, נישט געוואָלט באַנייען.

דער צער פון אַ ראַביי ביים פאַרלירן זיין שטעלע איז גאָרניט צום באַשרייבן. אונדזער ראַביי איז געוואָרן שוואַרץ ווי קויל. ער האָט ביי זיך אַליין אָנגעוווירן דאָס פנים. דערצו איז ער שוין איצט געווען אַ מטופל מיט זעקס קינדער — איינס קלענער פונעם אַנדערן. אמת פאַראַן דאָ הי אַ ועד הרבנים, וואָס שפּילט אַ גרויסע ראָלע, פאַרנעמט זיך מיט וויכטיקע קהילה און קדושה ענינים, אָבער קיין שטעלעס טיילן זיי ניט אויס, ס'איז ניט קיין יוניאָן. פון דאַנען נעמט זיך וואָס אַזוי פיל רבנים בויען זיך אויף קליינע, פּריוואַטע שולעכלעך און מאַכן שבת יעדער איינער פאַר זיך. ראַביי בן־ציון כהן האָט דאָס ניט געוואָלט. צי אויף דעם האָט ער געקראָגן סמיכה מיט אַזעלכע גרויסע רעקאָמענדאַציעס און „סקאָלערשיפּס" אין אוניווערסיטעט, ער זאָל זיך היינט מאַכן אַ ווינקל־שול? אַחוץ דעם מאַטעריעלן מצב האָט זיין אהבת עצמו (עגאָ) געליטן שיר ניט אַ פּאַטאָלן קלאַפּ.

נאָך אַ יאָר אָן אַ פּאָזיציע האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין שיקאַגאָ. דאָרטן, ווי מיר האָבן געהערט, האָט ער געעפנט אַ היים פאַר עלטערע מענטשן. ער האָט היינט פּרנסה ברווח, אָבער זיין האַרץ גייט אויס נאָכן עמוד.

* * * * *

הכלל, דעם וואָלף ציט אין וואַלד אַריין. געקומען דאָס יאָר אלול תשמ"א, האָט עפּעס שטאַרק אָנגעהויבן ציען ביים האַרצן. און דער מוח האָט אונטערגעזאָגט מיט שכל: זע, דו האָסט שוין היינט קיינעם נישט. דו דאַרפסט שוין היינט קיינעם נישט פאַרזאָרגן. שוין אַ שאָק מיט יאָרן אַז דאַרפסט מער ניט שיקן דער מאַמען קיין געלט... גיי נעם און פאַרגין זיך; קויף זיך אַ „לייטישן" בילעט אויף יום־טוב אין שול אַריין. געטראַכט און געטאָן. אַוועק אין בית־עם און זיך איינגעהאַנדלט אַ בילעט פאַר $75.00 — אַ זיץ־פּלאַץ אין „טשעפּל" ביי דער וואַנט וו ס'האָט געבלאָזן אַ ווינט. דאָס איז געווען דער בעסטער פּלאַץ, וואָס מען האָט געקראָגן פאַר דעם געלט. זיץ־פּלעצער אין דער „סאַנקטשואַרי" (מקדש) האָט געקאָסט $350.00 אַ פּלאַץ. האָב איך שוין, הייסט עס, אַ בילעט אין שול אַריין. נאָר דער שטן כנגד האָט זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק אין דער ברייט און גענומען ליאַרעמען: — אַזוי פיל יאָרן ניט געהאַט קיין „שטאַט" אין שול, קומסטו היינט, אויף דער עלטער, תשובה טאָן?

אָבער איך בעט זיך: „שטן טייערער, אַז איך האָב גאָרניט בדעה תשובה צו טאָן; איך ווייס ניט פאַר וועלכע זינד" — אַזוי, דו ווייסט ניט? דערמאָן זיך נאָר אין דיינע יונגע יאָרן! — יונגע יאָרן? איך בין שוין לאַנג דאָס אָפּגעקומען, אָפּגעקומען כופל כפליים... טאַקע נאָך דעמאָלט, אין מיינע יונגע יאָרן. חוץ לזה, שטן, דו ביסט גאָר קיינעם קיינמאָל נישט מוחל?

אויסגעפּירט האָט ער, דער שטן. געדאַוונט ביידע טעג ראש השנה און צו כל נדרי, פּונקט צו כל נדרי, זיך אַוועקגעלייגט מיט הויכן פיבער. צומאָרגנס, יום־כיפור אין דער פרי, ליג איך אַזוי

און טראַכט: כ'בין טאַקע גוט קראַנק אָבער „דאַוועגצן דאַרף מען דאָך" (פּרץ).

הויב איך זיך אויף און שלעפּ זיך צו צום ספרים־שאַנק און קוק: פיר מחזורים איינער אינטערעסאַנטער פונעם צווייטן. איינס, אַ גאָר אַלטער מחזון מיט עברי־טייטש, וואָס איך פיר עס שוין אַזוי אַרום מיט זיך מיין גאַנץ לעבן. דאָס צווייטע, אַן אָרטאָדאָקסיש מחזור, אָבער שוין מאָדערן, מיט ענגלישער אויסטייטשונג. און דאָס דריטע — אַ מחזור אַן אַנטיק. רייך אין אינהאַלט, פאַרזען מיט באַלערנדיקע אָנווייזונגען וועגן דער אויטענטישקייט פון יעדער פון די וויכטיקסטע תפילות מיט אַן אַריינפיר און אַ נאָכוואָרט (תוספת ומבוא), אַ שלל מיט פיוטים, תפילות און אַ סך צוגעגעבענע תהילות — אַ גרויס ליטעראַריש ווערק; צונויפגעשטעלט פון פלטיאל בירנבוים. (אפשר אַן אייניקל פון מיינע באַרימטע לאַנדסלייט—פאָטער און זון—נתן און אוריאל בירנבוים.) נעבן דעם מחזור (דעם נגיד) שטייט זיך אַ יידיש ביכעלע פּאָעזיע אָן שום פרעטענציעס. עפן איך דאָס ביכעלע און לייען:

„ווי פייגל, וואָס שוועבן, ווען ס'וועקט
זיך דער מאָרגן

און קולות פון ווינטן, וואָס קלאָגן און
וויינען

אַריין אין געמיט מיר, צעבליען מיינע
געבעטן און טענות

צו מיין בורא, ווי תפילות געהילטע
אין פיינען:

פאַרוואָס האָסטו דיין פנים פון פאָלק
דיינס פאַרבאָרגן?"

איך לייען אַזוי און לייען, ליד איין ליד אויס — אַ מחזור פאַר מיין געמיט צו נעילה.

— זע נאָר, ווי איך האָב דאָס ביכעלע לידער ניט באַוויזן איבערצולייענען, כאָטש איך האָב עס שוין אַ לאַנגע צייט. פאַרטיף איך זיך אַזוי, לייען ווייטער און ווייטער, ביז איך כאַפּ זיך, אַז איך לייען גאָרניט, איך טו תפילה:

„די תפילה פון אַ קליינעם בעל חי,
וואָס מיאַנטשעט אין ווייטיק און שטילן
צער.
דערהער זי, מיין באַשעפער, פאַרנעם
זי, מיין האַר,
ווי מיינע ווערטער, וואָס איך מורמל
צו דיר נאָר אַליין."

איך לייען אַרויס און לייען אַריין: פאַרוואָס זיינען ביי דיר די יידישע לידער וויניקער הייליק ווי די פיוטים? דאָס מחזור איז דאָך אויך ניט געגעבן געוואָרן אויפן הר סיני. מענטשן האָבן זיי, די פיוטים און די תפילות, אויסגעדיכטעט און מענטשן האָבן דאָס מחזור צונויפגעשטעלט. מענטשן, אָט אַזוינע, ווי מלך ראַוויטש, און אני הקטן, חיים לייב פוקס און אַנדערע — אַזוי האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך הער אים ריידן. נאָר די טענות זיינען שוין איצט געווען איינגאַנצן איבעריק. וואָרעם סיוּוי האָב איך דאָס בוך שוין ניט געקאָנט אַרויסלייגן פון האַנט. איך לייען מיט אַזאַ אינטענסיווקייט — איך שלינג. „דער אַכטער הימל." וואָס אַ דיכטער פאַרגינט זיך און איך, זינדיקער מענטש, וואָלט כאָטש געוואָלט „נאָך די צייט, וואָס היילט ניט מיינע וווּנדן" דערגרייכן צום ראַנד פון ערשטן הימל און זיך דאָרט אָנכאַפּן אין די פאָלעס פון די „טהורים" כדי צו געפינען אַ ביסעלע מנוחה.

איך בין זיך מודה, כ'האָב נישט געלייענט אָביעקטיוו; כ'האָב אַזוי אַריינגעדאַוונט" ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביז נאָך נעילה, נאָך מנחה ומעריב. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך שאַף זיי, די פיוטים פון מחזור און די לידער פון בוך, איך בעט זיי אויס און וויין זיי אויס, ביז איך בין איינגעשלאָפן און האָב זיך ערשט אויפגעכאַפּט דעם אַנדערן פרימאָרגן „כי זרח השמש."

„מיין גאָט, לאָז מיך דערפילן די וועלט,
פאַרטונקל מיין ברעם נישט;
דאָס פינטעלע זון אין מיינע בלוטן
פאַרקיל נישט.
בלויז אַ פינטעלע, איידער „כי בא
השמש."

## מאַטל האַראַוויץ

# סענטראַל עווענ יו

(אַ בילדל)

רחבותדיק האָט זיך לאָס אַנדזשעלעס מיט אירע צווייגן־שטעטלעך צעלייגט ביי די ברעגן פונעם פּאַסיפיק און ווערט געלאַשטשעט פון זיינע מילדע כוואַליעס. די שטאָלצע , הויכע פּאַלמעס אין גלייכע רייען, ווי שומרים אויף דער וואַך, באַוועגן גראַציעז זייערע געשוירענע קעפּלעך און מאַניען צו די דורכפאָרערס: קומט אַריין — ווילקאָמען אין אונדזער שטאָט!"

און מען קומט פון אַלע זייטן. יעדן יאָר קומען מער און מער מענטשן. היינטיקן זומער האָבן זיך מער ווי אַלע מאָל אַ לאָז געטאָן די טוריסטן. מ'קומט מיט עראָפּלאַנען, באַנען אויטאָבוסן, אויטאָס און וועליסאָפּעדן. און ווי עס גילט דאָ דאָס ווערטל: קומט איינער אַהער צוויי מאָל, דעם דריטן מאָל פאַרבלייבט ער שוין.

דער עולם טוריסטן קומט נישט מיט ליידיקע הענט. מ'האָט אָפּגעשפּאָרט אויף וואַקאַציע. און די פאַרמעגלעכע האָבן זיך במילא נישט וואָס צו זאָרגן. קומט מען דאָ אַ לעב טאָן אַ גוטן טאָג. די דעפּאַרטמענט סטאָרס, רעסטאָראַנען, פאַרוויילונגס־פּלעצער, טעאַטערס, זיינען געפּאַקט, און די געלט־צירקולאַציע פליסט. און אַלע טיילן פון לאָס אַנדזשעלעס לעקן אָפּ אַ ביינדל — חוץ סענטראַל עווענ יו, סענטראַל עווענ יו קריגט אַ פייג.

די שוואַרצע געגנט, סענטראַל עווענ יו, איז ברודיק, אָפּגעלאָזן, און גייט אויס פון שווינדזוכט, פּונקט אַזוי פאַראַיאָרן, פאַר צוויי, דריי און צען יאָר צוריק. דאָס איינציקע וואָס בליאַסקעט דאָ אין דער גאַס, זיינען די אַלט־פאַרזשאַווערטע בלעכענע ביר־קעסטלעך, אַנגעוואָרפן אומעטום.

די סענטראַל עווענ יו געגנט איז מיילן לאַנג און ברייט און יעדע הויז און הייזקע איז אַ פּראָבלעם. די יוגנט גייט אַרום פּוסט־און־פּאַס. מ'שטייט אין רעדלעך און מ'שושקעט זיך: ווי אַזוי מאַכט מען אַ לייכטן טולער... פּוסטע הענט ברענגען פינצטערע מחשבות און ס'ווערן געבוירן שלעכטע מעשים, און אויף מאָרגן לייענען מיר אין די צייטונגען טרויעריקע סטאַטיסטיק.

אויף אַ פּלאַץ אויף דער 133סטער גאַס, מיט אַ צעפּוילטן פּלויט פון איין זייט, וווּ ס'איז בעת די וואַטס־רייאָטן אין 1965 פאַרברענט געוואָרן אַ מאַגאַזין, שטייען יונגע שוואַרצע, אַנדערע זיצן, און איינציקע ליגן אפילו און וואַרעמען זיך אויף דער קאַליפאָרניער זון. ס'איז ביי זיי אַ גאַנץ יאָר יום־טוב. די שטאָט־פאַרזאָרגערס וועלן זיי געבן „פּאָבליק־אַסיסטענס", „פוד־סטעמפּס", אָבער ניט קיין אַרבעט. ראָיעט מען זיך אין דעם אייגענעם שמוץ; אַן „אידעאַלער" זומפּ ווו דער „קענסער" וואַקסט.

צוויי שכנות פון אַ דערבייאיקן הויז שמועסן צווישן זיך. „וואָס זאָרגסטו זיך, דזשיג?", ווענדט זיך איינע צום חנעוודיקן בחור, וואָס שטייט פאַרטראַכט. „וועסט שוין קיין רייכער מאַן קיינמאָל ניט זיין. זע, אפילו דיי גרויסע ניו־יאָרק גייט געבראָכן. „איך זאָרג זיך נישט", ענטפערט דזשיג. „שוין דריי יאָר אַז איך האָב נישט געטאָן אַ שטאָך אַרבעט, און זעסט דאָך — איך לעב!" דזשיג כאַפּט אַ טענצל און וויל אַריינציען די יונגע פרוי. יענע לאָזט זיך ניט. „פאַראַן בילכערע זאַכן", זאָגט זי.

זי לאָזט זיך צום הויז, אויפן וועג אַ גלעט טוענדיק אַ קליין יינגעלע, אין גאַנצן נאַקעט, רייטנדיק אויף אַ בעזים, אונטערטרייבנדיק מיט אַ שטעקל: — „וויאָ, פערדעלע!" „נו?" שאָקלט די פרוי מיט קאָפּ, וואָס זאָגסטו אויף אים? ער ווייסט גאָר נישט, אַז היינט פליט מען שוין צו דער לבנה!" „הער אויס", מאַכט די צווייטע, „ווער ווייסט, אפשר ביז ער וועט אויסוואַקסן, וועט מען זיך אומקערן צו די פערד."

* * * * *

ביי סענטראַל און דזשעפערסאָן וואַקסן די ליידיקע „לאָטס". אַלטע הייזער, גע-

ווּעלבן, אָפּיסעס, וואָס זיינען געווען אַקטיוו מייט אַ צען יאָר צוריק, זיינען געוואָרן אָדער אַלט אָדער נוצלאָז; וואַרפט מען זיי אַרונטער און מ׳גלייכט זיי אויס מיט דער ערד. קיין נייע הייזער בויט מען נישט, וואַקסט אויף זיי ווילד־גראָז. וואָלטן זיך אפשר קינדער דאָ געשפּילט, ווייל דער פּאַרק איז מיילן ווייט; איז אָבער אָנגעוואָרפן ברוכוואַרג און כלערליי אָפּפאַל און אָן אַ שיעור צעבראָכענע פלעשער. נישט איין קינד איז דאָ געניזוקט געוואָרן, זיינען די ליידיקע „לאָטס" געוואָרן אַ היים פאַר היימלאָזע קעץ און הינט.

מען זעט דאָ נישט קיין רעכט געשעפט, קיין ביוראָ, נאָר ביליקע רעסטאָראַנדלעך און קרעמלעך מיט אַלטוואַרג; טאָג־איין, טאָג־אויס די זעלבע מלבושים און פאַרדאַרטע שיך. יאָ, ליקער סטאָרס זיינען פאַראַן אַ סך. אויף יעדער גאַס — איינע אָדער צוויי ליקער געשעפטן. און קלויסטערס פון פאַרשידענע דענאָמינאַציעס בליען אין די געוועזענע געוועלבן, ווו מען פראַוועט „ריוויוולס", מ׳פּרוווט מיט אַלע כוחות צוריקברענגען די פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלעך צו יעזוסן.

די יוגנט דרייט זיך פוסט־און־פאַס, אַרויס און אַריין אין די „פּול־רומס". אַ סך קינדער, וואָס דאַרפן זיין אין שולע, זיינען גאָר אין גאַס. ס׳איז איינס אַזייגער ביי־טאָג, אָבער אַ מידקייט ליגט אויף די מענטשן, אַ מידקייט און אַ לאַנגווייל. אַרום די רעסטאָראַנדלעך דרייען זיך מענטשן מיט „טוט־פּיקס" צווישן די ליפּן. זיינען זיי פרישע אָדער נעכטיקע „טוט־פּיקס"?

פון אַ „סאַלון" אַנטקעגן האַלט די „ראָק־ענד ראָל" מוזיק אין איין טומלען, ווי צען טויזנט טייוואָלים וואָלטן ערשט אַרויס פון גיהינום, פראַוועגדיק אַ שמחה מיט אַ ווילדן ריטם — די טעמפּאָ צום טאַקט פון דער צייט.

# אַלעקס ראַבין - דער מענטש און דער קולטור־טוער

מיטן אַוועקגיין אין דער אייביקייט פון אַלעקס ראַבין, איז אַוועק פון אונדז אַ מוסטערהאַפטער מענטש, און אַ קולטור־טוער מיט ברייטע גייסטיקע אינטערעסן; אַ יידישע פערזענלעכקייט וואָס האָט במשך אַ האַלבן יאָרהונדערט געווירקט און באַווירקט דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס; אַ פיגור פון גרויס השפעה אין אַלע קרייזן פון יידישן קאָלעקטיוו אין דעם גרויסן יידישן כרך ביים פּאַסיפיק.

איך האָב זיך באַקענט מיט ראַבינען ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרום דער אַרבעט פון דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג וואָס די פרייל‌אַנד־ליגע האָט דעמאָלט אַנטוויקלט. אַמעריקאַנער טעריטאָריאַליסטן — די ס.ט. ווי מען האָט זיי דאָ גערופן — זיינען, ווי באַקאַנט, געווען צווישן די פּיאָנערן־גרינדער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אויפן היגן קאָנטינענט. ראַבין איז במשך אַ סך יאָרן געווען אַן אָנפירנדיקער טוער אין די לאָס אַנדזשעלעסער אַרבעטער־רינג שולן, דער פּאָרזיצער פון דער פאַראייניקטער יידישער מיטלשול, דער פירער פון ייוואָ־קאָמיטעט, און דער פאָרזיצער פון קולטור־קלוב — דער צענטראַלער אַדרעס פון יידישע שרייבערס און געלערנטע וואָס פלעגן קומען קיין לאָס אַנדזשעלעס.

ס׳איז געווען אַ נחת־רוח צו זען ווי ראַבין פירט דעם קולטור־קלוב — אַן אינסטיטוציע ווו עס קומען יעדן שבת־צו־נאַכט עטלעכע הונדערט מענטשן צו אַ לעקציע, אַ קאָנצערט אָדער אַ יום־טוב פייערונג. ראַבין פלעגט זיך צוגרייטן מיט אַ קורצער רעדע וואָס איז געווען אינהאַלטסרייך, און מיט דרך־ארץ פאַר זיין אוידיטאָריע.

ראַבין איז נישט געווען קיין גביר, אָבער ער פלעגט זיך ביישטייערן איבער זיינע פינאַנציעלע כוחות. שטאַרקן די פּאָזיציע פון דער יידישער קולטור, און זי ברענגען צום ברייטן עולם איז געווען

זיין ליידנשאַפט, זיין נשמה־יתירה. אָבער ער איז נישט בלויז געווען אַ קולטור־פאַרשפּרייטער, נאָר אויך אַ פאַרברויכער פאַר זיך אַליין: ער האָט געלייענט און געלערנט די אַלע יידישע ביכער און ספרים וואָס ער האָט געקויפט, און זיך באַמיט אַז אַנדערע יידן זאָלן קויפן. ער האָט אָפּגעגעבן דער יידישער קולטור־אַרבעט זיין צייט, זיין אידעאַליזם, זיין דאַרציקייט — זיך אַליין. דערצו איז ער געווען אַ קלוגער און אינטעליגענטער מענטש, וועלכער האָט געוווּסט ווי אָפּצושאַצן אין אַנדערע טאַלאַנט, כאַראַקטער, אידעאַליזם. ער איז נישט נתפּעל געוואָרן פון עפּאָלעטן און מאַכט־פּאָזיציעס. ווי אַ מענטש מיט כאַראַקטער און אומאָפּהענגיקייט אין טראַכטן, וואָס לויפט נישט נאָך יעדע אידעישע מאָדע, האָט ער, אַ דאַנק זיין טאַקט און דזשענטלמענישקייט, געהאַט אַ צוטריט צו אַלע ריכטונגען און קרייזן אין יידישן לעבן פון לאָס אַנדזשעלעס.

ראָבין איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער און קולטור־עסקן מיט פאַרנעם און מיט אַ שאַרף אויג, וואָס האָט געקענט אַנאַליזירן דערשיינונגען און אינסטיטוציעס אין יידיש־אַמעריקאַנער לעבן. גלייכצייטיק איז ער געווען אַ ליידנשאַפטלעכער קיומיסט וואָס איז פאַרליבט אין יידישער שעפערישקייט און המשך. ער איז אָבער נישט געווען אַ בלינד־פאַרליבטער; ער האָט אויך געזען די קרומקייטן, די דעפעקטן און פלאַכקייטן אין היגן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, און ער האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן עפנטלעך וואָס ער טראַכט ביחידות.

ראָבין איז געקומען קיין אַמעריקע פון ווייס־רוסלאַנד אין עלטער פון 12 יאָר; איז ער געוואָרן אַן אַמעריקאַניזירטער ייד — אַמעריקע האָט אויף זיין פערזענלעכקייט אַרויפגעלייגט איר חותם. לעבנדיק אין דער פּלוראַליסטישער אַמעריקע — אַ לאַנד פון פאַרשידענע רעליגיעס און עטנישע קולטורן, האָט ער געוווּסט אַז עס קענען זיין אַ סך וועגן וואָס פירן צום אמת און צום אייגענעם פאָלק. ער האָט זיך אויסגעלערנט טאָלעראַנץ לגבי אַנדערש־דענקענדיקע, נישט אויפגעבנדיק דערביי זיין אייגענעם צוגאַנג. ווי אַ ייד וואָס האָט געשטאַמט פון מזרח־אייראָפּע, און ווי אַ פאַרליבטער אין אונדזער וועלטלעכער יידישקייט, האָט ראָבין, ווי מיר אַלע, געשטרעבט איבערצוגעבן אַ וואָס גרעסערן עקסטראַקט פון אונדזער יידיש־יידישקייט די יינגערע דורות. אים איז געלונגען צו ווערן אַן אינעווייניקסטער אין די קרייזן פון צווייטן און דריטן דור יידן אין אַמעריקע.

עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו שאַפן אין לאָס אַנדזשעלעס אַ ייוואָ־קרייז פון היי־געבוירענע יידן, ווו עס טרעטן אויף רעפערענטן אויף יידיש. ראָבין, דער יידישיסט און וועלטלעכער ייד, האָט גוט געקענט און איז געווען באַוווּסט אין אַלע ריכטונגען צווישן לאָס אַנדזשעלעסער יידן — צווישן רעליגיעזע און ענגליש־רעדנדיקע יידן אין קאַליפאָרניע. ער איז נישט געווען קיין ווינקלדיקער מענטש.

דער אַמעריקאַניזירטער יידישיסט ראָבין איז געווען וואַרעם, איידל, ראַפינירט אין זיינע מאַניערן, טאַקטפול — אַ דזשענטלמאַן פאַר עקסעלענס. ער האָט געטראָגן דעם עול פון אַ יידישן קולטור־טוער מיט ווירדע, שטאָלץ און אַחריות. ער האָט זיך אַריינגעשריבן אין ספר־החיים פון יידישע שעפערישע פערזענלעכקייטן וואָס אַרבעטן מיט לייב־און־לעבן פאַר דער גייסטיקער באַרייכערונג און דערהייבונג פון יידישן כלל און יחיד.

זאָל זיין אָנדענק זיין געבענטשט!

שואל גוטמאַן

# די הזכרה פֿאַרזאַמלונג
## נאָך אברהם גאָלאָמב און חיים גראַדע ז״ל

מיטוואָך, דעם 4טן אויגוסט, 1982, צווײ אַזײגער בײטאָג, האָט דער ל. א. יידישער קולטור קלוב דורכגעפֿירט אַן אָנדענק פֿאַרזאַמלונג אין כבוד פֿון די פֿאַרשטאָרבענע צווײ גרויסע יידן: אברהם גאָלאָמב און חיים גראַדע. דער ערשטער האָט די לעצטע צוואַנציק יאָר געלעבט מיט אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס, און דער צווייטער האָט געלעבט און געשטאָרבן אין ניו־יאָרק. ביידע האָבן באַרייכערט אויף זייער אופֿן דאָס ייד שע קולטור־לעבן סיי דאָ אין לאַנד, סיי איבער דער גאַנצער יידישער וועלט.

געעפֿנט און געפֿירט די פֿאַרזאַמלונג האָט דער וויצע־פּאַרזיצער פֿון קולטור־קלוב, שלמה צוקערמאַן, וועלכער האָט אין אַ קאָנדענסירטער פֿאָרם איבערגע־געבן עטלעכע איינצלהייטן פֿון גראַדעס און פֿון גאָלאָמבס לעבן. לאָס אַנדזשעלעס האָט פֿיל געהאָלפֿן אַרויסגעבן טייל ביכער פֿון ביידע שרייבערס. צו אַברהם גאָלאָמבס 80טן געבוירנטאָג האָט דער יידישער קולטור־קלוב אַרויסגעגעבן אין זיין כבוד וועגן דאָס גרויסע זאַמל־בוך פֿון נאָענטע צו טויזנט זייטן: „חסד של אַברהם". צו זיין 90טן געבוירנטאָג האָט דער „חשבון" אַרויסגעגעבן אַ ספּע־ציעלע אויסגאַבע געווידמעט דעם לערער פֿון לערערס.

אויך חיים גראַדע פֿלעגט זיין אַן אָפֿ־טער גאַסט אין לאָס אַנדזשעלעס, וווּ מען האָט אַרויסגעגעבן צווײ פֿון זיינע ביכער און אויך געהאָלפֿן פֿאַרשפּרייטן די אַנ־דערע ביכער זיינע. דאָ האָט גראַדע זיך דערוואָרבן אַ סך חסידים. די וואַרעמ־קייט וואָס ער האָט באַקומען אין ל. א. האָט אים געמאַכט זיך פֿילן ווי ביי זיך אין דער היים.

זלמן שלאָסער רעדאַקטאָר פֿון „חשבון" אַליין אַ געוועזענער לערער און נאָענטער פֿריינד פֿון די גאָלאָמבס, ווייזט אָן אויף גאָלאָמבס פּערזענלעכע כאַראַקטער־שטריכן פֿון אַ קעמפֿער און פֿון אַ דער־ציער פֿון די פֿריסטע יאָרן זיינע. שלאָ־סער ציטירט און אינטערפּרעטירט טייל פֿון די עסייען אין וועלכע עס ווערט צעגלידערט די אייביקע וועגן פֿון יידישן פֿאָלק.

סערגיי נוטקעוויטש ווייזט אָן אויף גאָלאָמבס קעמפֿערישער נאַטור און זיין עקשנות מיט וועלכער ער האָט געקעמפֿט פֿאַר זיינע טעאָריעס פֿון יידישקייט און יידישער קולטור. דאָס איז געווען דער אינהאַלט פֿון זיין לעבן. אָבער זעלטן האָט אַ לערער גערעדט וועגן זיין פּראַ־פֿעסיע מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט. ער פֿלעגט ביי זיינע תּלמידים וועקן נייע חלומות צו נייע האָריזאָנטן און אויך ליב־שאַפֿט צו דער נאַטור־וועלט.

יעקב קאַהאַן שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף דעם טראַגישן פֿאַרלוסט פֿון דער יידישער ליטעראַטור מיטן אַוועקגיין פֿון חיים גראַדען. אַ גרויסער זייל איז גע־פֿאַלן. חיים גראַדע, דער פּאָעט און נאָ־וועליסט, איז אין זיינע ווערק פֿאַרבליבן דער זכרון פֿון דעם יידישן שטייגער לעבן אין מזרח־אייראָפּע, וואָס איז אַזוי טראַ־גיש אומגעקומען. ער איז אין זיינע ווערק פֿאַרבליבן דער גרויסער באַווײנער פֿון חורבן. יעקב קאַהאַן פֿאַרענדיקט מיט דעם וואָס עס איז געבליבן אַ גרויסער ווייטיק ביי גראַדעס פֿאַרערער וואָס זיי האָבן אים נישט געקענט באַגלייטן צו זיין לוויה. כבוד זיין אָנדענק.

אלימלך דייטש דערמאָנט מיט נאָס־טאַלגיע די אויפֿטריטן פֿון חיים גראַדען אין לאָס אַנדזשעלעס. זיינע פּרעכטיקע רעפֿעראַטן האָבן אַלעמען באַצויבערט. זיינע לידער, וואָס ער פֿלעגט אַליין פֿאַר־לייענען פֿאַר ענגע קרייזן, האָבן פֿאַר־כישופֿט מיט זייער טיפֿקייט און מוזיק. ניטאָ נאָך אַ דיכטער וואָס האָט זיך אַליין געגריבלט אין זיינע אייגענע מעשׂיות. ער איז געבליבן אַ מסורניק זיין גאַנץ לעבן. אלימלך דייטש האָט באַטאָנט, אַז חיים גראַדע האָט געהאַט אַ טיפֿן דראַנג

פאַר שלימות און געוווסט ווי דורכצו־קומען אַ שווערן וועג. ער איז צו דעם געגאַנגען און געפאַלן. כבוד זיין אָנדענק!

נתן גראַוויטש האָט אין באַמען פון אַרבעטער רינג אויסגעדריקט די שווערע אבידה וואָס מיר האָבן אַלע געהאַט מיטן טויט פון חיים גראַדע, דעם גרויסן משורר און פּראָזע־מייסטער. גראַוויטש פאַר־זיכערט אַז חיים גראַדעס שאַפונגען וועלן שטענדיק געדענקט ווערן.

ד"ר אברהם זיגעלבוים האָט מייסטער־האַפט געלייענט פון גראַדעס פּאָעזיע און משה כהן האָט געלייענט פון גראַדעס אַ קורצע דערציילונג.

חזן אָסקאַר מוסטער האָט פאַרענדיקט די איינדרוקספולע הזכרה פאַרזאַמלונג מיט מאַכן אַ מלא רחמים אויף די צוויי גרויסע יידישע מייסטערס פון וואָרט און געדאַנק. כבוד זייער אָנדענק!

גרשון פרידמאַן


# ספר איוב אין יידיש

ס'איז אַריין אין דרוק און וועט בקרוב דערשיינען אַ נייע יידישע איבערזעצונג פון ספר איוב פון באַקאַנטן תנ"ך־פאָרשער

## זאב וואָלף סאַלעס

מיט באַמערקונגען און דערקלערונגען פון איבערזעצער.

פריינד סאַלעס איז אַן אָנגעזעענער שרייבער און לעקטאָר דאָ אין שטאָט. ער פירט אָן קלאַסן אין יידישער געשיכ־טע און אין תנ"ך פאַר דערוואַקסענע.

**אין די ענינים פון דער איבערזעצונג זיך ווענדן צו:**

M. BORNSTEIN
336 N. Edinburgh Ave.
Los Angeles, Calif. 90048

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע אונדזערע מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

נתן און לודמילאַ גערשאָוויטש

דייטש, רחל און אלימלך

יודזשיין ווייס

שרה און שמחה ליינער און משפחה

לעוויטאַן, הערי
אין אָנדענק פון מיין אומפאַרגעסלעכער פרוי
אסתר מלכה לעוויטאַן

לעווין, רעגינאַ און דזשעק

עלבערג, שיינדל און יהודה
מאָנטרעאַל

ציליע און שלמה צוקערמאַן

קאַפּלאַן, רחל און דוד

סימע קאַרפּ (קאַזלאָווסקי)
אַ כתיבה וחתימה טובה צו אַלע יידן איבער דער וועלט

שאַרף, עלסי און לאַרי

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

### ווייצמאַן-זאַלצמאַן צווייג
### ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

דוד שרגא, פאָרזיצער
און פינאַנץ סעקרעטאַר,
הענרי קאָמינס, פראָט. סעקר.
ש. ראָזען, קאַסירער

### שלום עליכם צווייג
### ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

טוביה כ״ץ, פאָרזיצער
דאָרע כ״ץ, רעק. רעקרעטאַר
העלען סילווערמאַן, פינ. סעק.

### בן גוריון - סירקין צווייג
### ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

יעקב קאַהאַן, פרעזידענט
רעי קאַהאַן, סינאַנץ סעקר.
גנענדל באָנטשיק, קאָר. סעק.

### עמנואל רינגלבלום לייען-קרייז

געניאַ קעניגזאָן, פראָט. סעק.
עטל ראָזענבלאַט, פינ. קעקר.

### הירשביין-רויזענבלאַט צווייג 359
### ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

מאָריס דייטש, פאָרזיצער
הערי אבראַמס, וויצע־פאָרז.
פנינה אָסמאַן, פינאַנץ סעקר.
משה מאַנדלבוים, פראָט. סעק.
בען טאָובער, קאַסירער

### באָראָכאָוו-פינסקי עמק צווייג
### ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

עדינה פרידמאַן, קולטור פאָרזיצער
גמליאל שלאַפמאַן, פרעזידענט
אהרן קאָלאָדני, וויצע פאָרזיצער
מאַקס גאָלדשטיין ״ ״
מרדכי בן דוד ״ ״
בערטאַ קאָרין, פינאַנץ סעקרעטאַר
מאַשאַ רובין, קאָרעספ. סעקרעטאַר

### מעדעם-וולאַדעק-ליעסין בר. 443
### אַרבעטער רינג

מאַקס רומאַק, פאָרזיצער
דוד גאָלדמאַן, סעקרעטאַר

---

## דער דיסטריקט קאָמיטעט פון
# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

פאָרזיצער — לעאָ וואָלט
סעקרעטאַר — מאַקס רומאַק

# THE WORKMEN'S CIRCLE

1552 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Ca. 90035 • (213) 552-2035

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

**אַקס, נתן**

צום נייעם יאָר שיק איך אייך מיין באַגריסונג, ווי אויך מיין באַגריסונג צום 100סטן נומער פון „חשבון".
מעקסיקאָ סיטי

**סאַלעס, רבקה און זאב**

לכבוד ראש השנה תשמ"ג ווינטשן מיר אונדזערע פריינד בכל מקום שהם און חברים אין לאָס אַנדזשעלעס, אַ גוט און געבענטשט יאָר.

**ווייס, פלאָראַ און שמואל**

מיר ווינטשן אונדזער פאָלק מער אחדות, שלום אויף דער וועלט, און דעם „חשבון" לאַנגע יאָרן

**פאַכט, רחל**

אין אָנדענק פון מיין מאַן דעם שרייבער אהרן פאַכט

**לאַקס, לאה און יוסף**

אַ גוט און געזונט יאָר און שלום אויף דער וועלט

**טעמפּער, פּערל**

לשנה טובה צו אַלע מיינע חברים און גוטע פריינד

## האַמבורגער משה וחוה

אַ גוט יאָר מיין ברודער חיים קוזנעץ אין ניו־יאָרק.
צו דער רעדאַקציע „חשבון" און מיטאַרבעטער:
זייט מצליח אויף לאַנגע געבענטשטע יאָרן.

## הירש, טאָני, ארי און אילאַי

## בורשטיין, ד"ר הערשל און משפחה

## ניומאַן, מאלי און אילאַי

# שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

## שנה טובה ווונטשן

צו אַלע פריינד און לייענער פון „חשבון".

די יידישע חברה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס.

י. טייטלבאַום

## לישטשינסקי, שלמה

## די משרת משפחה

## שלאַפמאַן, ליובאַ און גמליאל

## וואַנאַמייקער, באַשע

אַ געזונט יר צו אַלע חברים און שלום אויף דער וועלט.

## קאַפּלאַן, משה

## קאַרסאַן, מעקס

מיר באַגריסן צום נייעם יאָר דעם יובל־נומער „חשבון".

די נאָווי דוואָר סאָסייעטי

רחל קליינבאַרד, פּרעזידענט

## קאָרבמאַן, אברהם און פּרוי

האַרציקע ברכות צום דערשיינען פון הונדערטסטן נומער „חשבון" זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט ווערן. מעקסיקאָ.

## ד"ר גאָטעסמאַן, יונה און ביילע

זאָל דער „חשבון" ווייטער אָנהאַלטן די מדרגה און „אפשר נאָך העכער."

## קעניגזאָן, געניאַ

לשנה טובה צו מיין משפחה, צו מיינע פריינד דאָ און אין מדינת ישראל.

זאָל זיין שלום אויף דער וועלט.

## קריימער, לאָטי מלאך

צום הונדערטסטן נומער „חשבון" באַגרים איך די רעדאַקציע און אַלע מיטאַרבעטער. לאָמיר אויך דער־מאָנען די פריערדיקע רעדאַקטאָרן און אים צו לאַנגע יאָר, אריה פּאָזי.

## קאַראַן, רעי און דזשעק

אַ גוט און געזונט יאָר צו אַלע פריינד און שלום על ישראל.

## טאַובעס, גלעדיס

אַ געזונט און גליקלעך יאָר צו מדינת ישראל און כל ישראל.

אין אָנדענק פון מיין ליבן מאַן, דעם שרייבער

יעקב שמואל טויבעס ז"ל.

## באַגריסונג...

צום נייעם יאָר ווינטש איך אונ־דזער חשובן זשורנאַל „חשבון" נאָך אַ סך יאָרן לטובת דאָס יידישע וואָרט און דעם יידישן שרייבער, וואָס געפינט דאָ זיין וואַרעמען ווינקל.

סיידי פינקלשטיין

## דייטש, סעמיועל און לוסי

שיקאַגע

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אבראַמס, נחמה און צבי
אַלפער, מאַקס
אַסטראָוו, ראָוז
אָרטענשטיין, פעני

בערק, ציליע
בוירנס, עליזאַבעט
בריים, תנחום און טילי

גאַלינאַ, סאָניע און אברהם
גאָרנשטיין, פרימע און דוד
גאָרנשטיין, משה
גילדער, שמחה
גורעצקי, סילוויאַ
גובקין, ישראל
גליקמאַן, ציליע

דיימאָנד, אסתר

הירש, משה

הענלי, מאַשע
הערבסט, מרים און הערשל

זיגעלבוים, ד"ר אברהם און טעמע
זעיף, פעלישאַ און לודוויג

טראָפּימאָוו, פריידל

יאַריק, בלומע

לינזער, דזשוליוס
לעווענטאַל, בעבאַ און לי
ליבערמאַן, רבקה און שיינדל
לעבאָוויצקי, דוואָשע און אַהרן

מאַרגאָלין, יצחק
מושינסקי (שילער) חיה
מאָנדלבוים, עטל און משה
מוסטער, קאַנטאָר אָסקאַר

נוטקעוויטש, בעטי און סערגעי
סאַפּיאַן העלען און שמחה

סאַפּיאַן, פעי
סיגל, מיני און אָסקאַר

פאָונטיין, דזשין און אווירווינג
פּאָליאַק, אסתר און שמואל
פרידמאַן, חיה און גרשון
פרידמאַן, עדינה
פּרימוס, דזשעני און טשאַרלס

קאָזאַק, סאָפי און הערי
קאַוואַנאַט, פרידאַ און הערי
קאַרסאָן, רעבעקאַ
קוליק, עטל און חיים

ראָזען, שמעון
רויטבלום, זהבה און יצחק
ראָזענטאַל, שאַרלאָט און אפרים

שוואַרץ, דאָרע
שידלער, רגינה און חיים
שעלי, סעראַ און דניאל
שלאָסער, נעכע און זלמן
שייפער, גילדע און טשאַרלי
שטיינמאַן, סאַבינאַ און נייטן
שטיינבערג, קלאַראַ און יאַנקל

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַרער וועלט

אַפּטייקער, אסתר
אַמסטער, ליאָלאַ און לעס
אַמאַן, סאָניע
אבראַמס, העלען און הערי
אייזנמאַן, רבקה
אייכנטאַל, הערמאַן

בוימגאַרטן, איטאַ און שעפּסל
מאָנטרעאַל

בלושטיין, שרה און נחום
בערמאַן, חוה און הענעך
גאָלאָמב, רבקה
גאָלדפאַרב, לילי און עמנואל
גאַראַ, מערי און הערי
גאַרפיין, סאָל און פּרוי
גילינסקי, ליובאַ
גלאַזער, חייקע און משה
גיבערמאַן, אסתר
גאָלדמאַן, אַדעל און דוד
גאָלדפאַרב, לילי און עמנואל
דאָטשעס, בלענטש און מאַקס
הערבסט, טשאַרנע, גרשון
און משפּחה

ד״ר דזשאַנעט האַדאַ
וויינטרויב, ליליען
ווינשטיין, רחל און אליעזר
וואַינשעל, חיים — מילוואָקי
וואודס, בנימין און משפּחה
וועלטמאַן, פראַניע
אין אָנדענק פון איר מאַן משה מענדל

טאַובער, סאלי און בעריש
כ״ץ, דאָראַ און טוביה
טיילער, מ. און משפּחה
דעזערט האַט ספּרינגס

יוסמאַן, רות
כּהן, משה
לאַנג, נעמי ס.
לאַנדסמאַן, ליליען און בערנאַרד

לאַקריץ, ישראל
לובין, דייוו
רעוו. לעאָ לעווינסאָן
ליפּמאַן, ראָזי און שמעון
נאַשעלסקער לאַנדסמאַנשאַפט
יוסף קאָרן, פּרעזידענט

ניומאַן, אידיט
מייזל, דאָראַ און מרדכי
ניידלמאַן, מאָריס
אין אָנדענק פון מיין פּרוי בעקי

סיגל, סאָפי
סלוצקי, גיטל און אברהם
סלוצקי, רחל און מענדל
סטעפּנזאָר, גיטל און איזידאָר
פּטאַשעוויטש, חוה און מאָטל
פּיטערס, דזשין און אירווינג
פיינבלאַט, מאַרטין און משפּחה
ד״ר י. ב. פישמאַן און פּרוי בעטי
ד״ר פישער, בערנאַרד און ליסאַלעט
פעלנער, פייגע
פּינסקי, אהרן
פרענקל, גערטרוד
פעלדרייז, גיטל
פרידמאַן, שרה און משה
פּריזענט, פעני און סאָל — פּיטסבורג
צוקערמאַן, טשאַרלס
קאָטלער, אַנאַ
קאָטלער, משה
קייזער, דאָראַ
קליינבאַרד, רחל און בען
קאַרין, בערטאַ און נאָרמאַן
קאָלאָדני, סילוויאַ און אהרן
קיפּניס, סעם און משפּחה
רומאַק, מאַקס
שאַפּיראָ, באַשקע
ד״ר קאַרל שאַפּיראָ
שקליאַר דבורה און משה

# לזכר עולם

## לזכר אברהם גאָלאָמב

## 1988 — 1982

נאָך אַ לענגערע קראַנקייט איז אין לאָס אַנדזשעלעס שבת דעם 8טן מאַי, נפטר געוואָרן אונדזער אומפאַרגעסלע־כער גרויסער לערער און שרייבער **אברהם גאָלאָמב ז״ל.**

צום באַדויערן לעבט דער מענטש ניט אייביק און דער לערער אברהם גאָלאָמב געפינט זיך שוין מער ניט צווישן אונדז.

אונדזער טיפסטער מיטגעפיל צו דער לערערין **רבקה גאָלאָמב** און זייער זון **ד״ר בערל גאָלאָמב.**

כבוד זיין אָנדענק.

**משה און פריידל סיעלאַק**

מעקסיקאָ סיטי

---

**די פאַרוואַלטונג און רעדאַקציע פון „חשבון"**

דריקן אויס זייער מיטגעפיל און טרויער צו פריינד יעקב שייפער אויפן טויט פון זיין פרוי ליובאַ, וואָס איז אַזוי יונג פון דער וועלט אַוועק.

---

## שייפער, יעקב

אין אָנדענק פון מיין פרוי ליובאַ שייפער.

---

אונדזער טיפסטן מיטגעפיל צו פריינד יעקב שייפער, אין אָנדענק פון זיין פרוי ליובאַ שייפער.

**חיה און גרשון פרידמאַן**

---

אונדזער טיפן מיטגעפיל און צער דריקן מיר אויס צו אונדזער טייערן פריינד יעקב שייפער, צו טויט פון זיין פרוי ליובאַ.

**מאָטל און חוה פטאַשעוויטש**

ניו־יאָרק

---

## קאַהאַן, אַברהם נתן

צום ערשטן יאָרצייט נאָך מיין ליבער פרוי חיה רחל קאַהאַן.
כבוד אין אָנדענק.
דעזערט האָט ספרינגס, קאַליפ.

---

## בוכמאַן, חנה

לזכרון מיין טייערן מאַן, פאָטער און זיידע **בערל בוכמאַן ע״ה.**

איך ווינטש ד יגאַנצע משפחה, חברים און חברות דאָ אין לאַנד און אין ישראל אַ געזונט יאָר און שלום אויף דער וועלט.